STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01383

MIGEL SAKHAROV

Pinjas Bizberg

Permanent preservation of this book was made possible
by Melvin & Phyllis Keimach
in honor of their parents,
Becky & Harry Magazine and Bertha & Bernard Keimach

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צום אנדענקען דעם [illegible]
[illegible]
[illegible] 2/27 [illegible] 1957 —
[illegible]



מיגעל סאבאראוו

מיגעל סאַכאַראָוו

פ ע ר צ י ק י אָ ר
צו דינסט דער קאָאָפּעראַציע

מאָנאָגראַפּיע און רעדאַקציע:

פ נ ח ס ב י ז ב ע ר ג

ארויסגעגעבן פון די אידיש-קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַטיוועס,
אָנגעשלאָסענע אין דער „פראַטערנידאַד אגראַריאַ".

ב ו ע נ אָ ס א י י ר ע ס, 1 9 4 0

Derechos Reservados

Hecho el depósito
que marca la ley

PRINTED IN ARGENTINE

MIGUEL SAJAROFF

CUARENTA AÑOS DE LABOR COOPERATIVISTA

EDITADO POR LAS COOPERATIVAS AGRICOLAS,
ADHERIDAS A LA "FRATERNIDAD AGRARIA".

Redacción y Monografía: P. BIZBERG

Buenos Aires 1940

Talleres Gráficos "CULTURA", Sarmiento 2157, Buenos Aires.

לויט דער איניציאַטיוו פון דער קאָאָפּעראַטיווע „לא אוניאָן", אין פּעדערמאַר, איז געשאַפן געוואָרן דער קאָמיטעט צו באערן דעם 40-יעריקן יובל פון סאבאראָווס שעטיקייט אויפן געביט פון דער אידישער אגראר-קאָאָפּע-ראציע אין ארגענטינע, אין באשטאנד פון די הערן:

אדאָלפאָ גלעזער: פּאָרזיצער; אברהם גאבים און וואלטער ראָזענטאל: סעקרעטארן; וואָקאלן: שבתי אייזי-קאָוויטש און משה גלעזער.

דאָס דאָזיקע בוך איז ארויסגעגעבן דורך די אידישע אגראר-קאָאָפּעראַטיוועס. די רעדאקציע-קאָמיסיע באשטייט פון די הערן: ברוך בענדערסקי, פּנחס ביזבערג, אברהם גאבים, משה גלעזער, שמואל יואל הורוויץ, משה דוד מערענער, מרדכי פּוסטילניק און יצחק קאפּלאן.

אינהאַלט:

אַריינפיר.
ליד פון אברהם רייזין.

מאָנאָגראפיע פון פנחס ביזבערג

ערשטער טייל

ביאָגראפישע שטריכן — — — — — — — — — — — — 19—34
דער אָנהויב פון אגראר־קאָאָפעראציע אין די קאָלאָניעס — — 35—49
דער „פאָנדאָ קאָמונאל" אויפן ברייטן שליאך — סאכאראָוו דער פרעזידענט — — — — — — — — — — — — — — 50—56
א ווירדיקער, געטרייער מיטארבעטער און חבר — — — — 57—62
דער קולמינאציע־פונקט — — — — — — — — — — — 63—67
די פעדעראציע פון יאָר 1910 — — — — — — — — — 68—79
די פעדעראציע ביי פראקטישער ארבעט — — — — — — — 80—87

ביילאגע: בריוו־וועקסל צווישן ש. י. הורוויץ און סאכאראָוון פון ש. י. הורוויץ — — — — — — — — — — — — 88—107

מאָנאָגראפיע: צווייטער טייל

קריטישע יאָרן — — — — — — — — — — — — — — 108—124
שטימונגען אין די קאָלאָניעס — — — — — — — — — 125—135
סאכאראָווס נאָמען גייט אריבער די גרענעצן פון זיין קאָלאָניע — 136—156
סאכאראָוו דער רעדנער — — — — — — — — — — — 157—172
די פערזענלעכקייט — — — — — — — — — — — — — 173—201
דערגרייכונגען — — — — — — — — — — — — — — 202—219
א סך הכל — — — — — — — — — — — — — — — 220—226

וואָס זאָגן פריינט:

אָפּהאנדלונגען פון:
יצחק קאפלאן — — — — — — — — — — — — — 227—234
מרדכי ראָזאָווסקי — — — — — — — — — — — — 235—250
מרדכי מיידאניק — — — — — — — — — — — — 251—254

בילדער און דאָקומענטן

1. שער־בלאט — געצייכנט פון מישא שווארץ
2. פעדערצייכנונג — " " "
3. קאריקאטור — אויסגעפירט„ " "
4. סאכאראָווס עלטערן און געשוועסטער.
5. די אלטע גוטינקע מאמע.
6. דאָס גימנאזיסטל מישענקא, 9 יאָר אלט, 1883.
7. צוזאמען מיט זיין שוואָגער ד"ר ירחי און די יונגע פרוי ירחי, 1892.
8. בריוו פון ד"ר ירחי פון לאָנדאָן, דעם 5־טן מערץ 1893.
9. אין יאָר 1899, קורץ פארן אָפּפאָרן קיין ארגענטינע.
10. דאָס יונגע פּאָרל ביים אָנקומען קיין ארגענטינע אין יאָר 1899.
11. אין יאָר 1903 פייערן קאָלאָניסטן צען־יעריקע טעטיקייט פון ד"ר נ. ירחי.
12. דאָס שער־בלאט פון רעגלאמענט פון דער עלטסטער אידישער קאאָפּערא־טיווע אין לוסיענוויל.
13. דאָס שער־בלאט פון רעגלאמענט פון דער קעגנזייטיקער הילפס־געזעלשאפט ביי דער יק"א, 1903.
14. דער קאָנטראקט צו פארקויפן געמיינזאם די תבואה, יאָר 1906.
15. איינע פון די ערשטע פארוואלטונגען פון פאָנדאָ קאָמונאל (1907-8).
16. אויפרוף „ברויט צום עסן!", 1912.
17. ק. ד. פון קאָלאָניסטישער פעדעראציע, 1911.
18. די אייגענע דרוקעריי פון דער פעדעראציע אין שטעטל לא קאפיזשא, 1910.
19. דאָס שער־בלאט פון „דער יודישער קאָלאָניסט".
20. פעדעראציע־זיצונג, בוענאָס איירעס, 1911.
21. בריוו פון דאָרער קאָלאָניסטן, 1912.
22. בריוו פון קאָריענטעסער דעפּוטאט וועגן קאָלאָניזאציע אין יענער פּראָווינץ.
23. דאָס פלוג־בלעטל „א פאטריאָט פון פאָנדאָ־קאָמונאל".
24, 25. ביולעטינען פון די קאָאָפּעראטיוועס, יאָר 1913.
26. סאכאראָוו אין די מיטעלע יאָרן צוזאמען מיט זיינע קינדער.
27. אויף א קאָנגרעס אין בוענאָס איירעס, אין יאָר 1916.
28. באקאנטמאכונג צו א דרינגענדער גענעראל־פארזאמלונג פון דער קאאָפּע־ראטיווע, 1913.
29. די קאָאָפּעראטיווע פאר דרעש־מאשינען.
30. פּראָיעקטירטער זשורנאל „ד"ר ירחי".

31. סטאַטוטן פון ערשטן לערער־פאַרבאַנד אין אַרגענטינע, 1912.
32. „פונקען", בלעטל פון דער בערנאַסקאָניער קאָאָפּעראַטיווע.
33. סאַכאַראָוו און לעאָן סידי אין יאָר 1916.
34. א לויב־ליד צו סאַכאַראָווס 50־יעריקן געבורטסטאָג, 1923.
35. א מאָדנער לשנה טובה.
36. פרוי אָלגאַ סאַכאַראָוו ע"ה.
37. צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון ע. ריאָסער פעד. פון קאָאָפּעראַטיוועס.
38. אויף דער עלטער.
39. חנוכת הבית פון לאַ קאַפּיזשער פאָלקס־הויז, 1920.
40. מיגעל סאַכאַראָוו, 1910.
41. פאַרוואַלטונג פון „פּאָנדאַ קאָמונאַל", 1925.
42. קאָנגרעס פון דער אידישער אַגראַר־פעדעראַציע, 1928.
43. סאַכאַראָוו און זיינע פריינט ברוך בענדערסקי און אברהם גאַבּיס.
44. אין יאָר 1912 פאַר זיין אָריגינעלער שטוב.
45. אין זיין ביבליאָטעק־צימער, יאָר 1920.
46. אויפן 5־טן קאָלאָניסטישן קאָנגרעס, 1929.
47. מעדאַלן און אויסצייכנונגען פון „פּאָנדאָ קאָמונאַל".
48. סאַכאַראָוו מיט זיין פריינט אברהם גאַבּיס, 1937.
49. אין ב. איירעסער ביוראָ פון דער „פּראַטערנידאַד", 1932.
50. פאַרוואַלטער פון „פּראַטערנידאַד אַגראַריאָ", יצחק קאַפּלאַן.
51. שער־בלאַט פון „קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר", 1936.
52. 1930, מיט דער טאָכטער ווערא און אן אימיגראַנט.
53. אין קרייז פון דער פאַמיליע, 1920.
54. פאַר דער טיר פון זייער וואוינונג, סאַכאַראָוו און פרוי.
55. אויף א סעודת־חברים נאָכן קאָנגרעס פון יאָר 1934, אין ב. איירעס.
56. אויף א גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון די ע. ריאָסער פעדעראַציע פון קאָאָפּעראַטיוועס, יאָר 1937.
57. דער אין חודש נאָוועמבער 1939 אָפּגעהאַלטענער צוזאַמענפאָר פון „פּראַטערנידאַד אַגראַריאַ", וואו סאַכאַראָוו איז ווידער דערוויילט געוואָרן אלס פאָרזיצער.

די אלטע גוטינקע מאמע סאבאראָווס.

סאבאראָווס עלטערן און געשוועסטער
אין מאריופאָל.

אויף די סטעפּעס פון ארגענטינישן מעסאָפּאָטאַמיע האָבן אידן קיבוצים געגרינדעט.

ארום ווילדע אומבאקאנטע רחבותן, לויערנדע סכנות; האָבן די פּיאָנערן דאָ אויפגעשלאָגן זייערע געצעלטן און מיט עקשנות דעראָבערט די נייע היים, אויף פרייער ערד.

*
**

אין נייע היימען בלאָנדזשעט מען. אין נייע היימען ליידט מען. אין נייע היימען איז מען א צייט־לאנג מבולבל.

יאָרן פארגייען ביז די אנטוואורצלטע לאָזן וואורצלען אין נייער ערד.

**
*

זעען מיר אויף נייער ערד דעם ד״ר נח ירחי, מיגעל סאכאראָוו, מיט זייערע מוטיקע חברים, גייען מיטן פאקל פאָראויס אין דער נאכט פון בראשית פון נייעם ישוב.

איינער טרייסט, היילט, פארבינדט די וואונדן; דער צווייטער באגייסטערט, צינדט אָן התלהבות אין די הערצער, גיט אידעען, לאָזונגען: — ווילט איר צעמענטירן אייערע נייע היימען, זייט נישט קיין צעשטויבטע דעזאָריענטירטע מאסע, זייט אייניק, אָר־גאניזירט אייך אין ברידערלעכע פארבאנדן; ברידער דארפן זיך געבן די הענט, ברידער מוזן זיך דערקענען, דערנענטערן.

**
*

דאָס ליכט פון נייעם ישוב אויף ארגענטינער ערד, דער מנהיג, וואָס באפעלט נישט, דיקטירט נישט, נאָר מיטן שטראלנדן ליכט פון זיין אייגענעם הארצן, בינדט ער צו צו זיך די נשמות, די הערצער פון זיינע ברידער און שוועסטער, — מ י ג ע ל ס א כ א ר אָ ו ו ן — אים איז געווידמעט, מיט ליבשאפט, דאָס דאָזיקע בוך.

***

די, וואָס גראָבן קוואלן
אויף א נייער ערד,
זייער ליד טוט שאַלן —
זיי איז פרייד באשערט.

רידל, האק און אייזן
זינגען א געזאנג,
וואסער וועט זיך ווייזן —
מעג געווערן לאנג.

טרעפט א שטיין זיך אונטן,
גרעסער איז דער רייין,
פון די טיפסטע גרונטן
וואסער — טו א פלייץ!

וואסער — ניט געזען נאָך,
מורמלען — ניט געהערט,
וועט עס אויסזען שענער
פון דער טיף פון ערד.

ביז מען וועט זיך לאָבן
מיט די קוואלן פריש,
איז אליין דאָס גראָבן
ליב דערוויל און זיס...

א ב ר ה ם ר י י ז י ן.

מאָנאָגראַפיע

פון פנחס ביזבערג

ערשטער טייל

ביאָגראַפישע שטריכן

סאכאראָווס געבורטס־שטעטל מאריופּאָל, א שיין מנוחהדיק שטעטל בײַם אזאָװשן ים, צעשפּרייט אויף מאָלערישע בערגלעך, מאריופּאָל געפינט זיך אין קרים, נישט אין בערגיקן טייל, נאָר אין סטעפּישן, וואָס שמעקט מיט שוואַרץ־ערד, מיט בליענדיקע דערפער, מיט ווייצן־פעלדער, מיט אקאציעס, מיט ציפּרעסן, מיט רחבות. אין דעם דאָזיקן שטעטל איז געבוירן און אויפגעוואקסן סאכאראָוו. ביי א סוחריש־טראַדיציאָנעל־אידישער משפּחה, דעם 2־טן אָקטאָבער פון יאָר 1873. א משפּחה פון דריי אינגלעך און פיר מיידלעך.

א געוויינלעכע קינדהייט. קינדער לערנען אידישע און וועלטלעכע לימודים. פאר מישען נעמט מען צו א ספּעציעלן מאָדערנעם מלמד, וואָס לערנט אים העברעאיש, תנ"ך. לערנט פלייסיק, הערט זיך צו מיט אויפערגעוויינלעכן אינטערעס צו די געשיכטלעכע פאקטן פון יציאת מצרים, פון די אידישע העלדן, חלומט פון זיי, חלומט פון ווייטקייטן, פון פרייהייט.

מען האָט א סך געטרוימט און געלערנט אין דער סאכאראָווישער שטוב. מ'האָט געהאלטן הויז־לערער, וואָס האָבן צוגעגרייט צום גימנאזיום, איינער פון די הויז־לערער איז געווען דאָס בלאסע אינגל, דער גימנאזיסט ירחי, נח ירחי, וועלכער האָט געהאט א דויערנדן און טיפן איינפלוס אויף דעם געפילפולן מישען, וואָס האָט געירשנט פון זיינע עלטערן, ברייטהארציקע אידיש־רוסישע מענטשן, א געוויסע סענטימענ־

טאַלקייט, און איינגעבוירענע גוטסקייט: געווען ביי די סאַכאַראָווס אַן אָפענע שטוב, וואו יעדער איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד און נאַטירלעכער גאַסטפריינטלעכקייט.

ליידער האָט די קינדישע אידיליע נישט אָנגעהאַלטן לאַנג. איבערן רוסישן אידנטום האָט דאַן געהאָנגען דער שוידערלעכער קאָשמאַר פון דער פּאָביעדאָנאָסצאָווסטינע, פון די גזירות, פון די פּאָגראָמען, וואָס האָבן אַנטוישט, אויסגעניכטערט די אינטעליגענץ פון זייערע אילוזיעס, פון דער רוסיפיקאַציע. דאָס צאַרטע אינגל מישע האָט שוין צו אַכט יאָר געהאַט די טרויעריקע געלעגנהייט בייצואוואוינען אַ פּאָגראָם, צו באַהאַלטן זיך צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער אין אַ שפּייכלער, און צו פאַרטראַכטן זיך איבער דעם שרעקלעכן „פּאַרוואָס”. אויך אין דער סאַכאַראָווער משפּחה האָט מען גערעדט פון אויסוואַנדערן, פון „פּראָדוקטיוויזאַציע” און אפשר האָט דער יונגער אימפּולסיווער גימנאַזיסט, נחקע, וואָס איז צוביסלעך געוואָרן אַן אייגענער, אַזוי באַאיינפלוסט די סאַכאַראָווס מיט זיינע אידעען. סאַכאַראָוו באַטאָנט טאַקע דעם דורכאויסיקן איינפלוס פון דר. נח ירחי, וואָס איז שפּעטער געוואָרן זיין שוואָגער, אויף זיין גאַנצן לעבנס־וועג. אַ דאַנק אים האָט ער שפּעטער באַשלאָסן צו שטודירן אַגראָנאָמיע, אויסוואַנדערן קיין אַרגענטינע און ווערן אַ אידישער פּויער.

נאָכדעם ווי מישע האָט געענדיקט ס'גימנאַזיום אין זיין געבורטס־שטעטל, האָט ער דורכגעמאַכט מיליטער־דינסט אַלס פּריוויליקער, געווען אונטער־אָפיציר אין דער אינפאַנטעריע, און נאָכן דינען אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן. אויף רוסלאַנד האָט די אידישע יוגנט געוואָרפן אַן אומחן, מ'האָט שוין אָנגעהויבן איינפירן אין דער פּראַקטיק די פּראָצענט־נאָרמע און אַלערליי באַגרעניצונגען אין בילדונג, פלעגן די יונגע גימנאַזיסטן פאָרן קיין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, שווייץ, וואו זיי האָבן געלערנט בהתמדה און מיט גרויס וויסנס־דורשט די וועלטלעכע תורה.

מישע שטודירט אַגראָנאָמיע ביי דער לאַנדווירטשאַפטלעכער הויכשולע אין האָהענהיים, אַ גרין־זויבער־אידיליש־דערפל אין דער דייטשער פּראָווינץ ווירטעמבערג. אָבער פאַרן יונגן מישען איז האָהענהיים נישט

אַזוי אידיליש. ערשטנס: די אומגעהויער־פרעמדע סביבה, צווייטנס זיינען די חברים־סטודענטן זייער פּאַטריאָטיש און היפּש אַנטיסעמיטיש, האָבן אַ געוואוינהייט דעם קאָלעגע מכבד צו זיין מיט עפּיטעט: „חזיר־איד״, אָדער ענלעכע קאָמפּלימענטן.

דער סטודענט האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט דער טעאָרעטישער זייט פון דער אַגראָנאָמיע, נאָר געגאַנגען אַרבעטן אין אַ פּויערישער ווירט־שאַפט ווי אַ פּשוטער טאָג־אַרבעטער, קינדיש זיך געפרייט מיט די ערשטע מאָזאָליעס, מיטן ערשטן אויסגעגראָבענעם בייט, מיט דער לייכטקייט צו האַלטן דעם רידל אין האַנט, מיטן ווערן פון טאָג צו טאָג מענע־רישער, אָפּגעהאַרטעוועטער.

דאָס גימנאַזיסטל מישענקאַ, 9 יאָר אַלט. — 1883.

האָבן אַלע אברים געזונגען דאָס געזאַנג פון יוגנטלעכקייט, פון האָפנונג, פון צוקונפט־פּלע־נער: אויפטאָן פאַרן פאָלק, פאַר דער מענטשהייט, נוצלעך זיין, ליב־האָבן, זיך מקריב זיין פאַרן נאָענטסטן. אין די נעכט האָט דער יונגער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראַקטיקאַנט געלייענט, ממש געשלינגען די ווערק פון טאָלסטויען, געוואָרן אַנהענגער פון דעם מוסר־ניק — נביא פון יאַסנאַיאַ פּאָלאַ־נאַ, — געווען דאַן די מאָדע צו זיין טאָלסטאָיאַנער ביי אַ היפּשן טייל פון דער רוסישער יוגנט: טוען פיזישע אַרבעט, דינען דעם פאָלק, פּרעדיקן די אידעאַלן פון ריינער מענטשן־ליבע, אָפּזאָגן זיך פון די פּוסטע פאַרגעניגנס פון

לעבן, נאָר פירן אַ פּראָסטן איינפאַכן לעבנס־שטייגער. פיל טאָלסטאָיאַנער האָבן זיך רעקרוטירט פון די רייען פון די איבערגעזעטיקטע בורזשואַזנע זינדלעך, וואָס האָבן פּאַרציכטעט אויף זייער פּוסט־פּאַסט לעבן, איבער־געריסן מיט דער פאַרגאַנגנהייט, כדי אָנצוהייבן אַ לעבן אויף נייע יסודות.

דער יונגער סאַבאַראָוו פירט זיך לויט די טאָלסטויאישע פּרינציפּן, אַרבעט די ערד, לערנט זיך סטאָלעריי, קאָוואַלעריי, באַמיט זיך גוט צו טון מענטשן, נישט עסן קיין בעל־חי, דערהייבן זיך מאָראַליש. חלומט, טראָץ דער פּרעמדער סביבה, פּלאַנעוועט ראָזאָווע יוגנט־אילוזיעס, וואָס ווערן איבערגעריסן מיט אַ שמערצלעכער פּאַסירונג.

עטלעכע שעה־רייזע פון זיין שלוהדיק דערפל, טעלעגראַפירט מען אים — געפינט זיך אַ שטאַרבנדער קראַנקער ברודער. אין די לעצטע פּאַזן פון שווינדזוכט. אין שטעטל מאָנטרע, שווייץ, איז אויסגעגאַנגען עלנט מישעס ברודער, קיין נאָענטער געווען ביי זיין גסיסה. מוז זיך דער דריי און צוואַנציק יעריקער אומדערפאַרענער בחור באַשעפטיקן מיט דער קבורה פונם ברודער — דער טאַטע האָט דעפּעשירט, אַז מ׳זאָל דעם אומגליקלעכן זון ברענגען צו קבר ישראל — רוט אָן איינזאַמער אויף אַ בית־עלמין פון דעם ווייטן שווייצער שטעטעלע.

די ערשטע אבידה אין דער משפּחה מאַכט אַ טיפשמערצלעכן רושם אויף דעם יונגן געמיט, אָבער אַז מ׳איז יונג טרייסט מען זיך גיך מיט אַ רייזע איבער גאָטס שיינע וועלט, וואָס איז דאַן נאָך געווען אַן אָפענע פרייע וועלט, געווען נאָך אַ גאַסטפריינטלעך טוריסטן־שווייץ, אַ מקום מקלט פאַר פּאָליטישע פּליכטלינגע, געווען נאָך אַ געמיטלעך עסטרייך מיט אַ גוטמוטיקן קייסער פראַנץ יאָזעף, מיט אַ געמיטלעכע שטאָט ווין מיט „זיסע מיידעלעך״, געווען נאָך אַ ראָמאַנטיש איטאַליע מיט גאָנדאָלעס, מיט זינגערס, וואוהין מ׳האָט געוואָלט, איז מען געפאָרן, אָן באַגרעניצונ־גען, אָן וויזעס, פּעסער.

מיטן האָהענהיימער דיפּלאָם פאָרט מישע קיין פראַנקרייך, ווייטער פּראַקטיצירן, וויל ווערן אַ גוטער פּראַקטישער פּויער, אַרבעט ביי אַ פּראָסטן פּויער אין אַ דערפל ביי ליל, ווי אַן איינפאַכער פּאַראָבעק, אַקערט, זייעט, האָרעוועט פון באַגינען ביז זונאונטערגאַנג.

קערט צוריק ווי א פאָלנער פויער אהיים, פארבענקט זיך צו די עלטערן. א בחורל אן אגראָנאָם, וואָס בויט לופט־שלעסער, פּלאַנעוועט, ערגיצוואו אָנצואווענדן זיין וויסן, זיין יוגנטלעכע ענערגיע. באקענט זיך מיט דער יונגער אָלגא קיפּין, א ווייטע קרובה פון שטעטל מעליטאָפּאָל, וואו איר פאָטער איז „ווינקל־אדוואָקאַט", האלט זי זיך אויף ביי אירע קרובים אין מאריופּאָל, וואו זי האָט די מעגלעכקייט צו לערנען אין דאָרטיקן גימנאַזיום. א שטילע באשיידענע גימנאזיסטקע, וואָס גיט לעקציעס, לייענט א סך, פארכאפּט דאָס הארץ פון איר יונגן קרוב מיט איר באַשיידנקייט, מיט איר ענטוזיאזמירן זיך פאר די אידעען און אידעאלן פון דעם ליבן מישען.

רייד באגייסטערטע, רייד פלאמענדע: דינען דעם פאָלק, נישט קעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס, ווי ס'פּרעדיקט דער נזיר פון יאסנאיא פּאָליאנא.

א גלייך פּאָרל, פארייניקן זיי זייער גורל, פון יאָר 1899 גייט שוין זייער לעבנס־וועג צוזאמען.



קורץ פאר זיין אָפּפאָרן קיין ארגענטינע: מישא דער סטודענט צוזאמען מיט זיין שוואָגער דר. ירחי און די יונגע פרוי ירחי. — 1892.

דער עלטערער דר. ירחי, וואָס האָט צוזאמען מיט מישעס שוועסטער שוין באוויזן אדורכצופירן דעם ראדיקאלן איבערברוך אין לעבן, אוועקלאָזנדיק זיך למרחקים צו דינען זיין פאָלק אין די ווייטע ארגענטינישע קאָלאָניעס פון באראָן הירש, — רופט אים

42 Union Road Rotherhithe S.E. London 5th March 93

Дорогой Миша! Много я теперь писать не буду, потому что мнѣ очень некогда какъ вообще передъ отъѣздомъ. Еще 3 дня и пускаемся въ путь. Пароходъ выходитъ изъ Саутгемптона; но мы изъ Лондона выѣзжаемъ на день раньше чтобы там заранѣе позаботиться о багажѣ. 11 марта по новому стилю въ 2 ч. пополудни пароходъ выходитъ въ море. Такимъ образомъ наступаетъ рѣшительная минута. Я и Манечка чувствуемъ себя прекрасно ни капли сомнѣнія, а напротивъ полные великихъ радужныхъ надеждъ, не страшась нисколько ни настоящаго, ни будущаго, ждемъ съ нетерпѣніемъ того момента, когда оставимъ навсегда берега Европы. Впрочемъ за это время в Лондонѣ мы такъ уже привыкли къ слову „море" и „пароходъ", что нисколько не боимся нашего путешествія, а напротивъ считаемъ наше путешествіе обыкновеннымъ partie de plaisir. Я снабженъ достаточно рекомендательными письмами, въ томъ числѣ и къ полковнику Гольдсмиту, въ Буэнос-Айресѣ насъ на берегу встрѣтитъ Стояновскій который уже позаботится о всѣхъ нашихъ первоначальныхъ нуждахъ. Ну братъ мой дорогой, до скораго свиданія. Со всѣми я почти простился навсегда, но съ тобою я надѣюсь встрѣтиться непремѣнно и въ скоромъ времени. Напиши въ Буэнос-Айресъ poste restante. [illegible] отъ пути [illegible] время къ отъѣзду пришлось многое закупить. Я пріобрѣлъ себѣ отличный микроскопъ.

בריוו פון דר. ירחי צו מישא אין מאריופאָל פארן אָפּפאָרן קיין ארגענטינע, געשריבן פון לאָנדאָן, 5-טן מערץ, יאָר 1893. כאראקטע-ריסטיש מיט זיין ליבלעבן סטיל און משפּחהדיקער ליבשאפט.

которым я очень доволен. Я запасся вообще достаточным количеством инструментов, хотя и консерваторию не окончил, но за то все имею. Ну, будь здоров, оканчивай поскорее службу, а потом уже поговорим, что дальше будешь делать. Мама наша писала что ты очень доволен своею жизнью в Харьков[е]. Мама больна глазами, постарайся, Мишенька, уговорить их, чтобы они взяли кухарку во что-бы-то ни-стало, не то она может потерять совершенно зрение. Старайся всеми силами [illegible] наших для них во всех отношениях. Обнимаю тебя и целую, тебя горячо любящий брат [illegible] тебя [illegible] [illegible], Невах

Дорогой Миша! Смотри, непременно пиши нам в Буэнос Айрес Post-restante, так что, когда мы приедем мы будем иметь от тебя письмо, которое [illegible], будет для нас очень дорогим. Папа напишет также. Ты бы меня, Мишенька, не узнал бы теперь [illegible]-бабой стала, не та [illegible], что было в России.

Ну, будь здоров и счастлив и уговаривай папу ехать в Аргентину.

Тебя горячо, горячо любящая

Мария

Воскресенье утром достали ещё конверт, а потому я пишу на конверте, который под руку попался. Невах

בריוו פון דר. ירחי.

אומצאָליקע מאָל דעם שוואַגער זיינעם, — זיי שטייען אין כסדרדיקער קאָרעספּאָנדענץ, דער יונגער דאָקטאָר, — וואָס באַלד פון אָנהויב שוין איז ער צוליב זיין מסירת נפש און איבערגעבנקייט געוואָרן פאַרגעטערט פון די קאָלאָניסטן־פּיאָנערן, וועמען ער האָט פאַרלייכטערט זייער האַרטן קאַמף מיט דער נאַטור, שרייבט אים לאַנגע בריוו, שילדערט מיט ליבשאַפט דאָס נייע לאַנד, די נייע סביבה, וואַרט מיט אומגעדולד, אַז אויך ער, מישענקע, זאָל אַריבערקומען, וויבאַלד ער ענדיקט נאָר דאָס אַגראָנאָמישע שטודיום, זאָל ער קומען אין דעם ברייטן, רחבותדיקן לאַנד, וואו, אמת, מ׳ליידט, מ׳האָט נישט קיין באַקוועמלעכקייט, קיין סביבה, אָבער פאַר זיי איז דאָ אַזוי פיל צו טון.

די צאַרטע אָלגאַ, די יונגע פרוי פון דעם פאַרחלומטן מישען פאָרט מיט, אין דעם ווייטן לאַנד. דעם 22־טן מערץ פון יאָר 1899 קומען זיי אָן צו די ברעגעס פון לאַ פּלאַטאַ. געקומען אויף אייגענער רעכנונג, נישט ווי אַן אימיגראַנט, נאָר ווי אַ זון פון אַ פאַרמעגלעכן סוחר, קאָן זיך דערלויבן אביסל אָנקוקן די מאָדנע עקזאָטישע הויפּט־שטאָט פון ווייטן אַרגענטינע. אַ ווײַלע בלייבט אפילו אויף אַ גערדאַנק: אפשר בלייבן דאָ אין דער הויפּטשטאָט, ווייטער שטודירן, פאַראַנען דאָ אַזוי פיל מעגלעכקייטן, אָט באַגעגענען זיי זיך מיט דעם יונגן רוסיש־אידישן סטודענט ענריקע דיקמאַן, וואָס האָט דעמאָלט שוין אדורכגעמאַכט אַ גאַנצע אָדיסעע: געווען אַ פּעאָן, אַ מויערער, אַ מאַיס־רייסער, אַ באַצווינגער פון אָקסן אין זשוג, אַ באַצווינגער פון ווילדע זשרעבעקעס, געווען האָלצהעקער אין די וועלדער פון מאָנטיעל, געאַרבעט אין „קוואַדריזשעס״ ביי באַנען, געסטרויעט ראַנטשעס, געצויגן שטעכיקע דראָטן אויף די אומענדלעכע סטעפּעס פון פּראָווינץ ענטרע ריאָס, געווען זעקל־טרעגער ביים פּאָרט, צעביסלעך אויך געווען וואַגאַבונד, געשלאָפן אויף די וועגן, געכאַפּט קאַרפּינטשאַס ביי די ברעגעס פון גוואַלעגוויי, כדי צו עסן אַ „דעליקאַט״ מאכל, — ביז ער האָט באַשלאָסן גאָר צו שטודירן, אַרבעטן און לערנען, וואוינען אין אַ בוידעם־שטיבל, דערנערן זיך מיט ברויט און מאַראַנצן, געבן לעקציעס אויף פראַנצויזיש, און נישט קענען קיין שייטל עברי פון דעם דאָזיקן לשון. רייצן די דאָזיקע אוועגטורעס דעם זעקס און צוואַנ־

ציק־יעריקן בעל־החלומות, וואָס האָט דאַן געהאַט אַ לענגלעך איידל פּנים, אַרומגעזוימט מיט אַ זייד־ווייך־בלאָנד בערדל, געטראָגן פּענסנע, תמיד ליב געהאַט צו פּיפּקען אַ ליולקע מעשה־דייטש, גערעדט מיט הויכגעציר־קעלטע פּראָזן, ווי פאַר אַ מאַסן־פּובליקום. זיי זיינען געבליבן ס׳לעבן לאַנג פריינט, אָבער זייערע וועגן זיינען זיך צעגאַנגען. ענריקע דיקמאַן דערגרייכט מיט מי און נויט דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם און שפּעטער די שטורמישע פּאָליטישע קאַריערע, און מיגעל סאַכאַראָוו אין דער שטילער סביבה פון דאָרף, אַרבעט די ענטרע־ריאָסער ערד, מאַכט מיט דעם גאַנצן ליידנס־וועג פון זיינע ברידער, די קאָלאָניסטן, דינט זיי, ווייזט זיי אַ וועג, איז זיי נוצלעך מיט זיין וויסן, זיין אינטעליגענץ, שוין איבער פערציק יאָר.

אין יאָר 1899, קורץ פאַרן אָפּפאָרן, קיין אַרגענטינע.

דער ליבער ברייט־האַרציקער דר. ירחי, וואַרט אָפּ זיין שוואָגער און שוועגערין מיט שטורמישער פרייד אין באַסאַווילבאַסאָ. אין דעם ברייטן פיר־רעדער־דיקן קאָטש, וואָס טריי־סלט זיך אויף דער גראָ־זיקער וועג - סטעזשקע קיין דאָמינגעז, דער־ציילן זיי זיך איינער דעם אַנדערן פון רוס־לאַנד, פון גרויסן פון אייגענע, פון די פּאָגראָ־מען, און אין דער זעלבער צייט קוקן זיך

אײַן מיט פאַרחידושטע אויגן אויף די אומגעוואוינטע רחבותן.

איין יאָר צייט איז דעם יונגן פּאָרפּאָלק אויסגעקומען צו וואוינען אין דעם ווייט און ברייטבאַליבטן הויז פון דעם גוטן דר. ירחי, וואָס איז שוין געווען א שם דבר הונדערטער קילאָמעטער ארום און ארום.

געווען דעמאָלט די ערשטע יאָרן פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארגענטינע. די פּיאָנערן האָבן נאָך געקעמפּט קעגן דעם אומגעוואוינטן פרעמדן קלימאַט, קעגן די האַרטע אַרבעטס־באַדינגונגען: אין דער אַלטער היים זיינען גאָר ווייניק פון די איצטיקע קאָלאָניסטן געווען באַשעפּטיקט ביי ערד־אַרבעט; געוועזענע בעלי־מלאכות, הענדלער, מלמדים. האָבן געמוזט זיך צוגעוואוינען וואוינען אין די זייער באַשיידענע שטיבלעך, אַרבעטן שווער און ביטער די קלעפּיקע ענטרע־ריאָסער בתולה־ערדן מיט ווידערשפּעניקע אָקסן, איינגעשפּאַנטע אין דעם פּרימיטיוון „פּאַראַנאַ־פּלוג“.

יסורים פון נייע הוימען, נייע מאכלים, נויט און פּיין, אַנטוישונגען, צערינען ווערן פון אילוזיעס, אומפאַרשטענדיקע באַהאַנדלונג מצד דעם קאָלאָניזאַטאָר, עגמת נפשן, גריזאָטע, און דערפון פאַרשידענע חלאותן.

און דער גוטער דאָקטאָר היילט, טרייסט, הערט אויס אַלע ביטערע הערצער. גייט זיין שם טוב ווייט און ברייט, ביז אַפילו צו די שוואַרצהויטיקע האַלצהעקער פון די מאָנטיעל־וועלדער הינטער ווירשאַגויי. זיינען אָנגעקומען פון צענדליקער קילאָמעטער ווייט ארום הייל־באַדערפטיקע: רייטנדיק מיט צעשפּרייטע פיס אויף טיפן „רעקאַדאָ“, אויף הויכרעדערדיקע וועגענער, געשלעפּט פון צוויי פּאָר פּאַמעלעך־טראָטנדיקע אָקסן, קראַנקע אין ברייטשקעס, אָנרעסאָרדיקע טרייסלדיקע וועגענער, קראַנקע מיט פאַרשידענע ווייטאָקן: אויסשיטן פון פאַרדאָרבענע מאָגנס, מיט אָפּגעהאַקטע פינגער, צעקלאַפּטע פיס, אַנטצינדענע אויגן, חלאים מיט אן עקשנותדיקן שילשול, אומאויפהערלעכן קאָפּ־ווייטאָק, און אַפילו איינגערעדטע קראַנקע קומען באַלאַגערן דעם בלעכענעם שפּייכלערענלעכן שפּיטאָל.

און דעמזעלבן טאָג, ווען ס'קומט אָן דאָס יונגע סאַבאַראָוו־פּאָרל,

דאָס יונגע פּאָרל בײם אָנקומען קײן ארגענטינע
אין יאָר 1899.

דאַרף זיך טרעפן, אַז מ'זאָל ברענגען אַ אידן אַ קאָלאָניסט. וואָס איז אינ־גאַנצן געווען באַגאָסן מיט בלוט: אַ קרבן פון דעם לאַנגן מעסער פון אַ ווילדן גאַאוטש. געהאַט מיט דעם אידן אַ מינדערוויכטיקן סיכסוך, איס אָפּגעוואַרט אונטערוועגס און גענומען האַקן מיטן מעסער איבערן קאָלאָניסטס קאָפּ ווי אַ אידענע מיטן האַק־מעסער פלייש אויפן האַק־ברעטל.

דער הילפס־באַרייטער דר. ירחי מוז ראַטעווען, לינדערן, פאַרבינדן די שרעקלעכע וואונדן, און תיכּף: אַ דעם צעיושעטן געעפנטן שאַרבן פון בעררדיקן אידן, אַ אָפּנעמען דאָס קינד פון דער שוואַר־געווינערין, אַ באַלד געפונען אַ תרופה צו דעם געוואַלטיקן בויך־ווייטיק פון דעם אידן פון דער ווייטער קאָלאָניע.

די ווייטע רחבותדיקע לאַנדשאַפט, די קאָלאָניסטן מיט זייערע פון ליידן דורכגעאַקערטע פּנימער, די גאַאוטשעס מיט זייער מאָדנעם הילוך — מאַכן אויף דעם יונגן פאַרפאָלק אַן אויסערגעוויינלעכן אייג־דרוק. דאָס עקזאָטישע, דאָס נייע, וואונדערט זיי, שרעקט זיי, דערמאַנט אביסל אין די „דזשיגוטן" פון די לערמענטאָווישע קאַווקאַז־בילדער.

אַ נייע פרעמדאַרטיקע סביבה, אָבער אָנציענד. טומלענדיקע, פאַר־צאָרנטע, פאַרצאָגטע, נישט־דיסציפּלינירטע חברים־ברידער, אָבער ברידער. פאַר וועלכע ס'לוינט צו קעמפן, זיך מקריב זיין. קודם כּל ווערן איינער פון זיי, נישט איבער זיי, זיין אַן עניו, זיך נישט גרויסהאַלטן מיטן וויסן, מיט דער בילדונג, מיטן עשירות.

די יק"אַ קוועקלט זיך אין אָנהויב צו קאָלאָניזירן דעם דאָזיקן זון פון מאַריומפּאָלער פאַרמעגלעכן בעל־הבית. ברייוו גייען אַהין און צוריק פון און קיין פּאַריז. צום סוף קומט אָן דער גינסטיקער ענטפער פון פּאַריז, אַז מ'זאָל באַזעצן אויף ערד דעם אַגראָנאָם מיגעל סאַבאַראָוו „צוליב זיינע פאַכקענטענישן און צוליב זיין נוצלעכקייט פאַר דער סביבה" אויף די פינפהונדערט העקטאַר פון דער קאָלאָניע לעוון, באַראָנעטשע.

דאָס איז געווען אַ ווייטער, אומבאַוואוינטער פּלאַץ, צענדליקער קי־לאָמעטער אַרום און אַרום, אומגעצוימטע „טיעררא ווירכען", באַוואַקסן מיט „קאַלאַ־סאָררא" און דערנער, וואו פערד און רייטער פּלעגן אינגאַנצן

פארשוואונדן. איז מען צוגעפארן מיטן געאמעטער, געצייגן די מעסט־קייט אין דער לענג, די מעסט־קייט אין דער ברייט, געשטעלט דרענגער, פלעקלעך אלס סימנים, און אין סאמע מיט פון די פינפהונדערט העקטאר ווערט אויפגעשטעלט די ראנטשע: ווענט פון דראט, ארומגעקלעפט מיט ליים, שטרויענער דאך, א היים מער ווי באשיידן, דאך א ריינע, זויבערע, ווייסגעקאלעכטע היים.

דעם 12־טן אפריל פון יאר 1900, גייט דאס יונגע פארל וואוינען אין דער נייער היים. אזא דאטע געדענקט זיך, ווערט איינגעקריצט אין זכרון. ס'איז א וואגעניש פון דער יונג־מוטיקער אלגא איינצושטימען זיך צו באזעצן אויף א קאמפ, וואו צו א שכן איז געווען היפש ווייט. גראזן הויכע ווי מענטשן, ווי די רייט־פערד. ארום האבן נאך געפויזט שלאנגען, ריזן־גרויסע זשאבעס. אפט האט מען געטראפן גרויסע שווארצע שפינען אין בעט, ביינאכט מאדנע געוויינען פון סאוועס, צישן פון שלאנגען, אויסטערלישע קולות פון א פרימיטיווער לאנדשאפט.

אבער דער קוראזש פון פיאנערן, פון בויער האט זיי געמוטיקט, געגעבן כוח איבערצוטראגן די אומבאקוועמלעכקייטן, די לײדן פון נייע זידלער, זיי זיינען געווען איינזאם אבער גליקלעך, דורכגעדרונגען מיטן באוואוסטזיין פון פיאנערן, וואס שלאגן זיך אדורך א וועג דורך דער ווילדערניש, דעראבערן זי נישט אזוי פאר זיך, ווי פאר די קומענדע דורות.

אינם באשיידענעם שטיבעלע האט געברענט א היימיש פייערל, אין די נעכט ביים פלעמל פון דער קעראסין־לאמפ האט מען געצייכנט פלענער אויפן פאפיר, פלענער פון פלאנטאציעס, פון אלעען, פון נייע מיני זריעות; בייטאג געריטן איבערן ברייטן ווייטן שטח פון דעם בערגלדיקן קאמפ, נישט גערוט פון זון־אויפגאנג — ביז אונטערגאנג. ציען שטריקלעך, גלייך ווי א ווירע, גראבן גריבלעך, פלאנצן, פלאנצן, אז אויפהער, זאלן די ווינטן טרייסלען די יונגע בוימעלעך, וואסערן זיי שווענקען, מעדעשקעס גריזשען, דא בויעט מען, דא קעמפט מען מיט אלערליי נאטור־פורעניותן, און מענטשן וואונדערן זיך. די ברידער־קאלאניסטן קומען אנקוקן, וואס דער מאדנער האלב־אידיש האלב־גויאיש־רעדנדיקער אגראנאם, טוט דא אויף. !

דער יונגער אגראָנאָם איז א נוח לבריות, לאָזט זיך רעדן, עצהנען, הויבט אָן אָנטיילצונעמען אין דער דעמאָלט פּרימיטיווער געזעלשאַפט־לעכקייט פון די קאָלאָניעס, פּאַרט אָפּט אויף די אסיפות, וואָס קהל אָרדנט איין, דער בראַווער אָלגא קומט אוים צו בלייבן אליין אינמיטן פעלד, זי האָט מורא, אָבער זי איז א געטרייע חברטע, מורמלט נישט, ברענגט זיך א קרבן לטובת הכלל.

אין דער דאָזיקער נייער היים ווערט געבוירן אין א קאַלטער יוני־נאַכט, דאָס ערשטע קינד זייערס אויף אַרגענטינער ערד. דאָ האָט אויך אַרויסגעוויזן גרוים מסירת נפש דער אומדערמידלעכער דר. ירחי, וועמען א רייטער האָט ספּעציעל געלאָזט מעלדן פון אָלגאס שווערן גיין־צו־קינד.

ס׳איז געווען ווינטער פון יאָר 1901 אין דער ראַנטשאָ, וואָס ווערט שפּעטער פאַרוואַנדלט אין א הויכע געדוימיקע שטוב. אָבער אַלץ נאָך באַדעקט מיט דעם שטרויענעם דאַך, א געדוימע, רחבותדיקע, פּריצימדיקע שטוב, צו וועלכער מ׳קומט צו דורך א שלאַנקער רייע פון יונגע טאָפּאָלן, וואָס ווירקן פונדערווייטנס צוציענד און פאַרשפּרעכנד: ס אַ כ אַ ר אָ ו ו ס שטוב, יאָרן־לאַנג דאָס מאַגישע וואוינאָרט פון באַליבטסטן מענטשן פון די אידישע קאָלאָניעס, ווייט און ברייט.

דער אָנהויב פון אגראַר־קאָאָפּעראַציע אין די קאָלאָניעס

יצחק קאַפּלאַן איז זיינס אַ אַרבעט איבער אידישע קאָאָפּעראַטיוועס אין די קאָלאָניעס, שטרייכט אונטער דעם פאַקט, וואָס צווישן די איינוואַנדערער פּיאָנערן־ערדאַרבעטער איז נישט געווען קיין אַנאַלפאַבעטן, דאָס רוב האָבן געהאַט אַ ידיעה אין די קליינינקע אותיעלעך, באַזונדערס דער עלעמענט פון דער קאָלאָניע קלאַראַ, וואו ס'האָט אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכע אַקטואַציע סאַכאַראָוו, ווען די קאָלאָניע האָט צוביסלעך ליב באַקומען, כאָטש מאָדנע מיט זיין דייטשמערישער קליידונג, מיט דער פּענסנע, מיטן ספּאָרט־מיצל מיט די צוויי קלאַפּעס, פלעגט ער אַריינקומען אין שטעטל אַריין פאָרנדיק אויף אַ שווערן אומגעלומפּערטן ביסיקלעט, אַלטן מאָדעל.

געווען איז געוויסן זין אַ געזעלשאַפטלעך לעבן: די שיל, אָדער דאָס שילכל פון דער קאָלאָניע, שבתים, ימים טובים זיינען געוואָרן געפּייערט פאַר צענדליקער יאָרן מיט דער גאַנצער טראַדיציאָנעלער פּייערלעכקייט, — די ערשטע איינוואַנדערער זיינען געווען פרומע טראַדיציאָנעלע אידן, האָבן מיטגעבראַכט פון דער היים די פרייד, די חדוה, די געוואוינהייט צו פּראַווענען אַ יום טובֿל כדבעי, בחברותא; האָט מען געפּראַוועט קערמעשלעך, סעודות לכבוד שמחת תורה, געטאַנצט, געזונגען אונטערן פרייען בלויען אַרגענטינער הימל, געטאַנצט דורך די לבנה־נעכט. יוגנט אויפגעקלערטע, באַלעבעסלעך משכילישע האָבן געגרינדעט

ביבליאָטעקלעך, אויסגעשריבן אמעריקאַנער גאזעטן, געלאָזט קומען קאַס־טענעס מיט אמעריקאַנער אידישע ביכער, זיך געקוויקט מיט הערמאַלינס באַשרייבונגען, האַרציק געלאַכט פון שלום־עליכםס מעשהלעך, געזונגען לידער, ראָמאַנסן...

נ'אוודאי איז עס נישט געווען לויטער אידיליע, ווייל אין די קאָ־לאָניעס איז דאָך געווען אן ערב רב פון רוסישן אידנטום, פון פאַרשידענע געגנטן און פּראָווינצן, פאַרשידענע שטאַנדן, און אויסשפּראַכן, פאַרשידן לויט די מאכלים: איינער קאָכט די פיש פאַרזיסט, א צווייטער געזאַלצן און געפעפערט, א טייל געוואוינט מיט באַשיידענע לעבנס־באַדינגונגען, די ליטוואַקעס, די יודע־ספרניקעס, און די אַנדערע די בעסאַראַבער, כער־סאָנער, וואָס האָבן ליב גוט אָפּצועסן, עולם־הזהניקעס, וואָס אין די קליינע אותיעלעך נישט אזוי איי־איי. שאַפט זיך א געוויסער אומצוטרוי, אַנטאַגאָניזם צוויינאַנדער, טרעפט זיך טאַקע אָפט, אז א בעסאַראַבער, למשל, איז זיך נישט משדך מיט א כערסאָנער, קריגט מען זיך, שכנים נישט צוגעפּאַסטע; מחלוקותן צווישן זיך, אַמפּערנישן מיט דער יק"א, וואָס איז דאָך געווען אין אָנהויב די ברויט־געבערן, דער מן פון הימל, וואָס יעדן האָט זיך אויסגעדאַכט, אז ער איז נישט יושרדיק פאַרטיילט.

דער דר. ירחי, וואָס איז אין געוויסן זין געווען א מנהיג ביי דער קאָלאָניסטן־מאַסע, האָט געזוכט פאַרשידענע תחבולותן צו באַרואיקן, צעמענטירן די אומאייניקע מאַסע מיט זיין געלאַסן וואָרט, מיט זיין איי־גענער גוטסקייט: געראָטן אמאָל זיך צענויפקומען לערנען עין יעקב, וועט הערשן שלום און אחדות אין די קאָלאָניסטישע געצעלטן.

דאָס ביסל אינטעליגענץ פון דער קאָלאָניע האָט שוין געטראַכט פון אָרגאַניזירן זיך אויפן מאַטעריעלן געביט. שוין אין יאָר 1898 האָט זיך א גרופּע אָרגאַניזירט אין א קליינער פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט קעגן שרפה פון די תבואה־סטויגן.

אלץ און אלע האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דער יק"א, זי איז געווען די שפּייזערין, די דעה־זאָגערין. די קאָלאָניע האָט זיך נאָך נישט געהאַט ווי געהעריק אויסקריסטאַליזירט, געווען א וואַנדערן אהין און צוריק, אומ־

אין יאָר 1903 פייערן קאָלאָניסטן צען־יעריקע טעטיקייט פון דר׳ נ׳ ירחי׳ צווישן דעם גרויסן קאָלאָניסטן־עולם צוזאמען מיטן באערטן און זיין פאמיליע, סאכאראָוו, קאפלאן, די ערשטע פיאָנערן־גרינדער פון די קאָלאָניעס׳ אין א זייט די מערקווירדיקע כאראקטעריסטישע געשטאלט פון קינסטלער חזן פורער׳

צאָליקע קאָנפליקטן און לאָדעניש. די אומצופרידענע עלעמענטן, און די וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט צופאַסן צום דאָרפס־לעבן זיינען אוועק אין די שטעט און שטעטלעך. א טייל האָבן פאַרקויפט דעם סקאָט און אפילו דעם רעמאַנענט, דאָס אייגנטום פון דער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט. דער דאָזיקער טייל האָט באַרעכטיקט די טאַט מיטן ארגומענט, אז זיי האָבן כ׳רעכט צו געניסן פון באַראָן הירשס ירושה. סאַבאַראָוו האָט דורכאויס פאַרדאַמט אַזאַ מין האַנדלונג צוצונעמען פאַלקס־אייגנטום. דורך די פּאַ־סירונגען און אַנדערע ענלעכע זיינען פאָרגעקומען געוויסע רייבונגען און ערנסטע קאָנפליקטן צווישן די קאָלאָניסטן מיט דער יק״אַ.

אַלס פאָרלויפערן פון „פּאָנדאָ־קאָמונאַל״ איז אַנטשטאַנען די „געזעלשאַפט פאַר פּראָטעקציע און קעגנ־זייטיקער הילף פון דער קאָלאָניע קלאַראַ ביי דער יק״א״, וואָס האָט געהאַט אַלס אויפגאַבע:

„פּראָטעזשירן און פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די מיט־גלידער, זיין די פאַרמיטלערין און פאָרשטייערין פון דער קאָלאָניע אין אירע באַציאונגען מיט דער יק״א־דירעקציע, וואַכן, אַז די דאָ־זיקע באַציאונגען זאָלן זיין לאָיאַלע און גוטע...״

א חוץ די דאָזיקע ריין מאָראַלישע צילן פון דער געזעלשאַפט, שטעלט זי זיך אויך אַלס אויפגאַבע:

„שאַפן פּאָנדן, כדי צו העלפן די מיטגלידער אין פאַל פון דורכגעפאַלענע אָדער שלעכטע גערעטענישן און אַנדערע אומ־פאָראויסגעזעענע נאַטור־אומגליקן... אויסערדעם גרינדן אינסטיטו־ציעס פון געמיינזאַמען אינטערעס, העלפן איינער דעם אַנדערן ביים קויף און פאַרקויף...״

דער מיטגלידס־אָפּצאָל איז געווען 1 פּראָצענט פונם שניט. האָט שוין געהאַט אין זיך דעם קערן פון א קאָאָפּעראַטיווע: די קאָאָ־פּעראַטיווע צעל האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו פאָרמירן.

דער יונגער סאַבאַראָוו, אומדערפאַרן ווי ער איז געווען, האָט אין דער פרייער צייט געזוכט, געגנישטערט אין ביכער, צו געפינען א תרופה

REGLAMENTO

DE LA

SOCIEDAD AGRÍCOLA ISRAELITA

FUNDADA POR LOS COLONOS

DE LA

JEWISH COLONIZATION ASSOCIATION

EL 12 DE AGOSTO DE 1900

COLONIA LUCIENVILLE

GOBERNADOR BASAVILBASO — ENTRE-RÍOS

1907
Tipografía, Papelería y Encuadernación de CORONADO & ALIER
PARANA

דאָס שער-בלאט פון דעם רעגלאמענט פון דער
עלטסטער אידישער קאָאָפּעראַטיווע אין
דער קאָלאָניע לוסיענוויל.

צו לייזן די פּראָבלעמען, די קליינע און גרויסע ליידן פון אידישן מענטשן אין די נייע היימען, פאריניקן: אייניקייט איז קראפט, קראפט קעגן די עקספּלאָטירער, די קליינע סוחרים, קעגן דער ווילקיר פון די אדמיניס־טראטאָרן, וואָס האָבן באהאנדלט פון אויבן ביז אראָפּ דעם ערד־ארבעטער. אין יענער צייט איז אראָפּגעשיקט געוואָרן פון פאריז לאפּין, אָנצופירן מיט אן ענערגישער האנט און אָרגאניזירן די קאָלאָניסטן. אָנשטאָט אויס־צוהערן טענות פון יחידים, האָט מען באשטימט פון יעדער קאָלאָניע אָדער גרופּע דעלעגאטן, וועלכע האָבן באזוכט פעריאָדיש דעם אדמיניסטראטאָר.

געשטאנען א גרויסער טיש אין הויף פון דער אדמיניסטראציע אין קאָלין. לאפּין איז געזעסן, ארום אים זיינען געשטאנען מיט דרך ארץ די קאָלאָניסטישע פארטרעטער, צו זעצן זיך, זיינען זיי נישט געוואָרן פאר־בעטן. לאפּין האָט גערעדט באפּעלעריש, אָפט געדונערט מיט דער שטימע, זיך נישט געלאָזט ארייגזאָגן א מיינונג.

פארשטענדלעך, אז די דאָזיקע באהאנדלונג איז נישט געווען חל אויף סאבאראָוון, וואָס האָט תמיד זיך אימפּאָנירט. ער האָט תיכף איינ־געפונען, אז די קאָלאָניסטן מוזן אליין האָבן אזא מין אָרגאניזאציע, וועלכע זאָל רעדן מיט די בעלי־בתים פון די פעלדער ווי גלייכע מיט גלייכע.

סאבאראָוו האָט נישט גערוט ביז ס'איז אים נישט געלונגען צו אָר־גאניזירן דעם ערשטן פאריין, וואָס האָט זיך אָנגערופן דער „פ אָ נ ד אָ ק אָ מ ו נ א ל", א געמיינזאמע קליינט, א קאָאָפּעראטיווע אין פרימיטיווער פאָרם. דער פ. ק. וואָס איז געוואָרן געגרינדעט אין יאָר 1904 האָט זיך אין אָנהויב אָפּגעגעבן מיטן איינקויפן פון קאָסטעשע־ארטיקלען, געווען אויך א שטיקל לייַ־קאסע, מ'האָט פארטיילט די פאָנדן, וואָס די יק"א האָט אויסגעליען די קאָלאָניסטן. די יק"א איז איבערהויפּט געווען די גאנצע דעה־זאָגערין.

דאָס איז געווען אין יאָר 1903, נאָכן וויזיט פון דר. זאָנענפעלד, האָט דער אדמיניסטראטאָר לאנדוי איבערגעגעבן די פּראָפּאָזיציע פון דער יק"א, וועמענס וואונטש איז, אז אין די אידישע קאָלאָניעס זאָלן זיך גרינדען לויטן מוסטער פון די אייראָפּעאישע דאָרפישע פאריינען, אזעלכע ענלעכע, און רעקאָמענדירט די קאָלאָניסטן אונטערצושרייבן אקציעס, —

REGLAMENTO

DE LA

SOCIEDAD PROTECTORA

Y DE SOCORROS MUTUOS

de la COLONIA CLARA

DE LA JEWISH COLONIZATION ASSOSIACION

BUENOS AIRES

IMP. G, Zeitlin Cerrito 421

1903

די פאַרלויפערן פונם „פאָנדאָ קאָמונאל״, די
פּראָטעקציע־און קעגנזייטיקע הילפס־געזעל־
שאפט פון דער קאָלאָניע קלארא.
דאָס שער־בלאט פונם רעגלאמענט.

צען פּעזעס אָן אקציע, מ'האָט איינגעצאָלט דריי פּעזעס א קאָנטאָ, — די יק"א האָט אויסגעליִען כמעט דעם גאנצן גרינדונגס־קאַפּיטאַל 40.000 פּעזעס. דערפאר האָט א פּאראגראף פון די סטאטוטן געלויטעט, אז דער אדמיניסטראטאָר פון דער קאָלאָניע איז אויטאָמאטיש פּרעזידענט. א. לייבאָוויטש איז געווען דער ערשטער פּאָרזיצער פון פ. קאָמונאַל. אויך דער ערשטער סעקרעטאר איז געווען א יק"א־באאמטער. פארשטענדלעך, אז דער נייער פאריין, — אין דער קאָלאָניע לוסיענוויל האָט עקזיסטירט זינט דעם יאָר 1900 אזוי־גערופענער לאנדווירטשאפטלעכער פאריין, — האָט צוגעצויגן די אינטעליגענטסטע כוחות פון דער קאָלאָניע. צווישן זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט די יונגעלייט סאַבאראָוו און קאפּלאן, וואָס זיינען געוואָרן פארכאפּט פון דער ווייטגייענדער וויכטיקייט פון אן אָרגאניזירט קאָלאָניסטנטום, און זיינען שוין אזוי געבליבן פירער און באראטער און מיטגעגאנגען און געוויזן דעם וועג, דעם זיג־זאג וועג פון בלאָנדזשעניש, זוכעניש אויף די סטעזשקעס פון אידישן קאָאָפּעראציע־וועזן.

ס'איז דאָך געווען אן עקספּערימענטירן און א זוכן, ביז ס'האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט די גוט־אָרגאניזירטע אידישע קאָאָפּעראטיוועס מיט זייער הויפּט־אָרגאניזאציע די אגראר־פעדעראציע, „די פראטערנידאד אגראריא".

אזא מין פּרימיטיווע אָרגאניזאציע איז געווען די ערשטע תבואה־קאָאָפּעראטיווע, וואָס דער יונגער סאַבאראָוו האָט אָרגאניזירט.

וועגן די־אָט־פּרימיטיווע פאריייניקונג פון זיבעצן קאָלאָניסטן גע־מיינזאם צו פארקויפן זייער פּראָדוקציע, דערציילט ברוך בענדערסקי, וואָס איז געווען דער „רעסיווידאָר" פון דער ערשטער קאָאָפּעראטיווע אין מיניאטור. מיר גיבן עס איבער מיט זיין לשון:

„דאָס איז געווען אין יאָר 1907, נאָך א 14־15 יאָר עקזיס־טענץ פון די אידישע קאָלאָניעס אין ענטרע ריאָס. דער קאָלאָניסטן־מאטעריאל האָט זיך שוין געהאט אויסקריסטאַליזירט. די וואָס האָבן געדאַרפט אוועק, זיינען אוועק, און די וואָס זיינען פאר־בליבן, האָבן פארבונדן זייער גורל מיט דער מאמע־ערד.

„אויך די ארבעטס־מעטאָדן האָבן זיך באדייטנד פארבעסערט.

קאָלאָניסטן האָבן זיך איינגעלעבט אין דער נייער סביבה, געוואָרן אַקלימאַטיזירט צעביסלעך. האָבן שוין געהאַט זייער אייגענע תבואה. דאָ האָבן זיך שוין געיאָוועט אימפּראָוויזירטע פאַרשידענע סוחרים, וואָס האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז די תבואות זאָלן אָנקומען אהין וואו מ'דאַרף, און פרייזן האָבן זיי געצאָלט, וויפיל זיי האָבן געוואָלט. און טאַמער האָט אַמאָל אַ קאָלאָניסט אַן עזות פנים גע־פרעגט: — סטייטש, אין בלאַט איז דאָך טייערער, האָט דאָס סוחרל אָפּגעענטפערט: — זאָל דאָס בלאַט קויפן, און טאַקע אויך צאָלן.

„פּאָנדראָ קאָמונאַל האָט שוין דאַן אפילו עקזיסטירט, האָט זיך אָבער נאָך נישט אָפּגעגעבן מיטן פאַרקויף פון די פּראָדוקטן פון אירע מיטגלידער. און דעם קאָלאָניסטס האָרעוואַניע איז געווען הפקר.

„מיגעל סאַכאַראָוו, וואָס האָט שוין געוואוינט אַ פּאָר יאָר אין קאָלאָניע לעווען, האָט זיך צוגעקוקט צום לעבן פון די קאָ־לאָניסטן, פון זייער האָרעוואַניע, ווי זיי ווערן עקספּלאָטירט, און געזוכט מיטלען צו פאַרמיידן די עקספּלאָטאַציע.

„און עס מוז דאָ ווערן געזאָגט, אַז נאָך מיט אַ יאָר צוריק, אין יאָר 1906 האָט סאַכאַראָוו אָפּגעמאַכט מיט אַ סוחר אין לאַס מאָסקאַס, צו פאַרקויפן געמיינזאַם מיט די שכנים די תבואה, און דערפאַר באַקומען מיט 10 סענטאַוואָס טייערער, אויף דעם קינטאַל, ווי דער מאַרק־פּרייז.

„סאַכאַראָוו, האָט זיך אָבער נישט צופרידנגעשטעלט מיט די צען סענט, ער האָט געהאַט אַ ווייטערן בליק.

„און ווי געזאָגט, איז דאָס געווען אין יאָר 1907, דעם 20־טן אָקטאָבער, האָט סאַכאַראָוו פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג פון קאָלאָ־ניסטן, זיינע שכנים, און נאָכדעם ווי ער האָט זיי דערקלערט מיט געהויבענע ווערטער דעם זין פון דעם דאָזיקן צוזאַמענקום, האָבן אַלע פאַרזאַמלטע אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן אַלע אונטערגעשריבענע מוזן אַריינפירן זייערע געוועטענישן אין דעם

שפּייכלער פון דער „געזעלשאַפט צו פאַרקויפן צוזאַמען די פּראָדוקטן פון דער קאָסעטשע.“

(די אַנוועזנדע האָבן געחתמעט פאָלגענדן קאָנטראַקט: „מיר אונטערגעשריבענע, בילדן א געזעלשאַפט מיטן צוועק צו פאַרקויפן געמיינזאַם דעם גאַנצן אויסגאָב פון אונזערע קאָסעטשעס פון ווייצן און ליאָן, האָבער נישט דווקא.

יעדער מיטגליד פאַרפּליכטעט זיך אָפּצוליפערן זיינע פּראָדוקטן דער געזעלשאַפט און זיי דעפּאָזיטירן אויף אַן אָרט, וואָס וועט אָנווייזן די אויסגעקליבענע פאַרוואַלטונג, וואָס פירט אָן די אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט.

די אויסגעקליבענע קאָמיסיאָן איז באַשטאַנען פון די הערן: מ. סאַבאַראָוו, י. באַביטש און מ. לעכטמאַן.

אין פאַל ווען מ׳וועט עובר זיין אויפן אָפּמאַך, וועט די קאָמיסיאָן האָבן ס׳רעכט אָנצוקומען צו די אויטאָריטעטן, כּדי צו צווינגען דעם קאָנטראַקט-ברעכער צו דערפילן זיין פאַרפּליכטונג.

די באַשלוסן אָנגענומענע דורך דער דערמאַנטער אויסגעקליבענער פאַרוואַלטונג, וועלן זיין אומווידעררופלעך“. דאָ קומען פאָלגענדע אונטערשריפטן: מ. סאַבאַראָוו, צבי יאָסים, יצחק ביגער, אַדאָלפאָ ראָזענטאַל, הערש יונגערמאַן, גדליה טעוועלעס, מ. פאָדלאָג, עליאַס ראָגאַטקי, דוד קויפמאַן, ברוך דאַרדיק, משה שמיסמאַן, משה סאָניער, יעקב באַראָן יוסף פאָלדאָג, משה פאָדלאָג, אברהם פריידענבערג, כאַסקל שמוסמאַן, משה לעכטמאַן, יוסף פאָרטנאָי, שלמה וויסמאַן, מתתיה (אומלעזבאַר), דוד סרעברעניק, ב. זייגערמאַן, יצחק פּויסאַכאָוויץ, כּואַן לעכטמאַן, בערל בינדערמאַן, קלמן סוירעפּמאַן, ניסין פורער, שמחה מירטשוק, צבי בראַווערמאַן, א. אוטשיטעל, נפתּלי רעכטמאַן, יצחק מעקלער, נפתּלי פריידבערג, פאַר מ. קוסלעוויטש, ישעיה בענדערסקי, מ. לעכטמאַן, (אומלעזבאַר), לייזער שמוקלער, אהרון קרעמענטשוצקי, א. שטיינבערג, יוסף אוטשיטעל, מ. באַביטש, ל. סעגאַל, משה פורמאַן, ישעיה ווינער, יצחק מיכעל סאַס, י. פּאַפּירמייסטער, ל. זאַלקינד, ב. גלאַגאָווסקי, חיים דוד בעקענשטיין, יהיאל ליפשיץ, אברהם שמוישמאַן, יצחק ראַבינאָוויטש, אפרים מאַטוסעוויטש, ישראל שינדער, פאַרן פּאָטער הערשל פאָדלאָג, ראַמאָן פאָדלאָג).

„אינטערעסאַנט איז, וואָס אין אָפּמאַך אונטערגעשריבן פון די מיטגלידער, ווערט נישט דערמאַנט דאָס וואָרט „קאָאָפּעראַטי-

La comisión elegida queda compuesta de los Sres M Sajaroff · L. Kabich · M. Lejtman

Nosotros abajo firmados, formamos una sociedad con el objeto de vender en común la totalidad del rendimiento de nuestras cosechas de trigo y lino en particular, y avena á voluntad.

Cada miembro se compromete á entregar sus productos á la sociedad y depositarlos en el lugar que le indicará la comisión elegida con la misión de dirigir los intereses de dicha sociedad.

En caso de infracción á lo estipulado la comision tendrá derecho de requerir á las autoridades para obligar al infractor al cumplimiento de su compromiso.

Las resoluciones tomadas por la comisión nombrada por los miembros de la sociedad serán irrevocables (1)

M Sajaroff

Isaac Gejer

Jungerman Hirsch

Adolfo Rosental

דער רוף איוניקט אייד! האָט געווירקט: די אונטערגעשריבענע אונטער דעם דאָקומענט זיינען אפשר די ערשטע „ראַטשדאלער" פון ארגענטינע, וואָס האָבן געמאכט א קאָלעקטיוון קאָנטראקט צו פארקויפן זייער תבואה-פראָדוקציע.



א היסטאָרישער דאָקומענט. שוין אין יאָר 1906 האָבן אידישע קאָלאָניסטן געלייגט דעם גרונטשטיין צו דער ערשטער קאָאָפּעראַטיווע אין זיד-אַמעריקע.

וועג״, אין דעראמתן איז עס דאָך געווען א קליינע קאָאָפּעראטיוו. עס איז געווען א צו שווער און פרעמד וואָרט, און סאכאראָוו האָט עס אפּנים געזוכט אויסצומיידן.״

דערציילט ווייטער בענדערסקי אין זיין שילדערונג פון דער דאָזיקער קליינער ערשטער קאָאָפּעראטיווע, אז ווען סאכאראָוו איז געפאָרן קיין לאס מאָסקאס, דער באַן־סטאציע, דינגען א שפּייכלער צו דעפּאָזיטירן די צוקונפטיקע קאָסטשע, זיינען אלע שפּייכלערס געווען פארדינגען.

„דאָס איז געווען דער ערשטער קלאַפּ, וואָס די לאָקאלע סוחרים האָבן געמיינט דערמיט צו שטערן דעם פּרואוו צו פאַראייניקן די קאָלאָניסטן אין א קאָאָפּעראטיווע. זיי האָבן אָבער גע־האט א טעות אין זייערע אויסרעכנונגען, ווייל תיכף האָט סאכאראָוו געבעטן טעלעגראַפיש אין גוואלעגווייטשו א גאלפּאָן, און אין עט־לעכע טעג איז אָנגעקומען א פארטיק צוגעשניטענער שפּייכלער, צוזאמען מיטן נויטיקן פּערסאָנאל אים צו מאָנטירן לעבן די רעלסן פון דער אייזנבאַן. אָבער מיט דעם האָט זיך נישט געענדיקט. געווען ווייטערע שטערונגען: דער באַן־שעף האָט פאַראָרדנט אָפּצושטעלן די ארבעט. מסתמא א שטיקל ארבעט פון די, וואָס האָבן אויסגע־דונגען די גאלפּאָנעס...

„דערווייל איז אונטערגעקומען די קאָסטשע, און ווען מ׳האָט געבראכט דאָס ערשטע וועגעלע מיט זעקלעך ווייץ, האָט מען נאָך געהאלטן אין קלאַפּן די לעצטע בלעכן פונם דאך, — איינער פון די קאָמיסיאָן־מיטגלידער האָט רענונסירט, כדי צו שאַפן שוועריקייטן דער נייער פאראייניקונג.

„און פון אלע זייטן פון די נאָענטע קאָלאָניעס האָבן אָנגע־הויבן שטראָמען וועגענער מיט זעק ווייץ און ליאַן און אלע אין דער ריכטונג פונם גאלפּאָן פון דער געזעלשאפט. חוץ סאכאראָווס שכנים, זיינען שפּעטער צוגעקומען נאָך קאָלאָניסטן פון קאָלאָניע זאָנענפעלד, ראש פּנה, רחל, לאס מאָסקאס א. א., וועלכע האָבן אויך אונטערגעשריבן דעם אָפּמאַך פון 20־טן אָקטאָבער. דאָס קליינע קאָאָפּעראטיווועלע האָט שוין געציילט 58 מיטגלידער.

„און אז דער גאַלפּאַן איז געוואָרן פול, האָט מען אָנגעלאָדן וואַגאָנעס, און ווידער זיינען די שפּייכלער און סטויגן געוואָרן פול, און ווידער האָט מען געלאָדן וואַגאָנעס. פינאַנסירט די געזעלשאַפט האָט דער פאַרשטאָרבענער סאַסלאַווסקי פון פּאַראַנאַ.

„עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז סאַבאַראָוו פלעגט אַלע טעג קומען אין שפּייכלער, און וואָס מער די סטויגן מיט תבואה האָבן זיך געהויבן, האָט זיך אויך געהויבן דער גלויבן ביי סאַבאַראָוון אין א פאַרייניקונג אין קאָלאָניע.

„געענדיקט די אַרבעט, אַרויסגעשיקט די לעצטע זעקלעך פון גאַלפּאַן, האָט סאַבאַראָוו ווידער פאַררופן א פאַרזאַמלונג פון די, וועלכע האָבן אַריינגעפירט זייערע תבואות אין גאַלפּאַן פון דער געזעלשאַפט, אָפּגעגעבן א באַריכט פון דער גאַנצער אַרבעט. אַלע אָן אויסנאַם זיינען געבליבן צופרידן, און אויסגעדרוקט זייער וואונטש פאָרצוזעצן אויך דאָס קומענדיקע יאָר, און אויב דאָס יאָר איז אַריינגעפירט געוואָרן ביי די צוויי טויזנט פיר הונדערט טאָן, איז צו האָפן אויפן קומענדיקן יאָר א פיל בעסערן רעזולטאַט. אַזא ענטוזיאַסטישע שטימונג האָט געהערשט צווישן עולם.

„אויפן צווייטן יאָר איז סאַבאַראָוו אויסגעקליבן געוואָרן, צום ערשטן מאָל, אַלס פּרעזידענט פון דער קאָאָפּעראַטיווע „פּאָנדראָ קאָמונאַל", און שוין ביי דער ערשטער זיצונג פון דעמאָלטיקער פאַרוואַלטונג האָט סאַבאַראָוו פאָרגעלייגט, אַז דער „פּאָנדראָ קאָמונאַל" זאָל איבערנעמען דעם פאַרקויף פון די קאָלאָניסטישע פּראָדוקטן אויף דער באַזע פון קאָאָפּעראַציע.

„פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָבן אפילו אין דער פאַרוואַלטונג נישט געפעלט קיין קעגנער, וואָס האָבן געטענהט, אַז דער קאָלאָניסט דאַרף נאָר אַרבעטן, פּראָדוצירן, און מיטן פאַרקויף דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אויף די סוחרים, א חוצדעס, האָבן א פּאָר איבערגעשפּיצטע אידן אַרויסגעלייגט זייערע טענות, וועט דער „פּאָנדראָ קאָמונאַל" נישט קענען אַדורכפירן אַזא מין געשעפט ווי תבואות־פאַרקויף, ווייל דאָס איז רזין דרזין, פאַראַן אין דעם אַזוי

פּיל סודות, וואָס נאָר סוחרים קענען דאָס באַגרייפן. — אָט למשל, האָט איינער א פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אויסגערופן: — ווער פון אייך ווייס, וואָס איז אַזעלכעס „לימיטעס״? לימיטעס, פאַרשטייט איר מיך, איז אַזוינס, וואָס נישט אַלע וויסן, לימיטעס דאַרף מען פאַרשטיין, ווייל, וואָס טוט איר, צום ביישפּיל, אַז עס געבן א קום אָן די לימיטעס? און איר הויבט גאָרנישט אָן צו וויסן, מיט וואָס מ׳עסט דאָס... איר שפּילט זיך מיט לימיטעס! א קלייניקייט — לימיטעס!

„פאַרשטייט זיך, אַז סאַכאַראָוו און זיינע אָנהענגער האָבן אַדורכגעזעצט זייערס, טראָץ דער קעגנערשאַפט. „פּאָנדאָ קאָמונאַל״ האָט דאָס יאָר געעפנט תבואה־שפּייכלערס אין די סטאַציעס לאַס מאַסקאַס, דאָמינגעז און קלאַרא.

„דאָס זיינען געווען די ערשטע טריט פון דער ערשטער קאָאָ־פּעראַטיווע פון תבואות־פאַרקויף אין אַרגענטינע.״

דער „פאָנדאָ קאָמונאַל" אויפן ברייטן שליאַך — סאַכאַראָוו דער פּרעזידענט

פּעדים פון יראת הכבוד, פון ליבשאַפט, האָבן זיך געצויגן פון די קאָלאָניסטן צו די צוויי באַליבטע פאָלקס־פירער: דר. נח ירחי און כּאַכּאַראָוו, „דאָן מיגעל".

און ס'איז געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין יאָר 1908, ווען די קאָ־לאָניסטישע אינסטיטוציע האָט זיך עמאַנציפּירט פון דער אָנפירערשאַפט פון דער יק"א, געוואָלט ווערן אומאָפּהענגיק, האָט דאָס פאָלק אים מיט באַגייסטערונג אָנפאַרטרויט די פּרעזידענץ פון דער קאָאָפּעראַטיווע.

ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט זיך אָפּצושטעלן אויף די פאַרשידענע זיג־זאַגן, וואָס די קאָאָפּעראַטיווע האָט אַדורכגעמאַכט. די פאַרשידענע מכשולים וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטייען, ביז די נויטיקייט פון אחדות איז אַריינגעדרונגען אינם באַוואוסטזיין פון די מיטגלידער. אָבער מיר שרייבן דאָ נישט די געשיכטע פון אַ קאָאָפּעראַטיווע, נאָר די גע־שיכטע פון אַ מענטש אַ פירער, וואָס האָט זיך נישט פאַרלוירן אין כאַאָס, איז נישט געוואָרן פאַרצווייפלט ביי דורכפאַלן, אַזוי אייגן אַ נייעם ישוב, מיר שילדערן אַ מענטשן אַ סבלן, וואָס האָט ליב געהאַט זיינע ברידער, נישט געוואָלט הערשן איבער זיי, נייערט זיי דינען, מקריב זיין זיך, אָפּט געבלאָנדזשעט, אָבער באַמיט זיך אַרויסצופירן דאָס פאָלק דורך חשכות צו ליכטיקייט.

דער ליבלינג פון די מאַסן ווערט פּרעזידענט פון דעם „פאָנדאָ קאָ־

מונאַל", וואָס אָרדנט זיך איין אין סאַמע געדיכטעניש פון די קאָלאָניעס, נאָענט לעבן דער אַדמיניסטראַציע, אין אַביסל פּרימיטיוון הויז פון דער קאָלאָניע קאָלין, וואו ס'וואוינט איצט דער קאָלאָניסט באָרטניק. אַן איינפאַכע איינריכטונג, פּראָסטע פון קאַסטענעס־ברעטער צוזאַמענגעשטעלטע שופלעדער, לאַנגער טיש, אַ געשאַנק פון דר. ירחי, דאָס ביוראָ פון פּאָנדאָ קאָמונאַל, וואו דער פּעאיקער יונגערמאַנטשיק, איטשקע קאַפּלאַן, ווערט דער ערשטער פאַרוואַלטער און קאַסירער.

דער יונגער פּרעזידענט איז פול מיט פּלענער, מיט אילוזיעס: צום ערשט אַ קליינער פאַריין, דערנאָך אַ פאַראייניקונג פון אַלע קאָלאָניעס פון דער פּראָווינץ, דערנאָך דאָס גאַנצע לאַנד, דערנאָך די גאַנצע וועלט איין גרויסע קאָאָפּעראַטיווע.

איצט איז עס נישט מער די קליינע גרופּע, וואָס גייט פאַרקויפן געמיינזאַם די פּראָדוקטן פון שניט, איצט איז עס אַ קאָאָפּעראַטיווע, האָט שוין אַן אייגן פאַרמעגן פון הונדערט טויזנט פּעזעס. איצט איז עס אַ קאָאָפּעראַטיווע, דאַרף מען טאַקע תיכף אויפשרייבן אויף די בלאַקן: „פּ אָ נ ד אָ ק אָ מ ו נ אַ ל, ס אָ ס י ע ד אַ ד ק אָ אָ פּ ע ר אַ ט י װ אַ".

די ברייטע מאַסן האָבן אַלץ געהאַלטן, אַז פּ. ק. איז אַזאַ מין הילפס־פאַריין, אַ מין קרעדיט־קאַסע, וואָס מוז געבן, לייען, האָבן אפילו דעם נאָמען נישט געקענט ריכטיק אויסרעדן: קאָמפּעראַטיווע, פּאָפּעראַטיווע, קופּעראַטיווע... האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע קעגנערשאַפט פון אייניקע קאָלאָניסטן מיט כּוהרישע אָדערלעך, וואָס האָבן געשפּאָט פון די צוויי, דעם אויסטערלישן פאַנטאַזיאָר, און „איטשקען" (דעם יונגן בעכרענטע יצחק קאַפּלאַן), וואָס טראָגן זיך אַרום מיט פּוסטע פאַנטאַזיעס. אפילו די אייגענע אויסגעקליבענע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג. אַ טייל פון זיי, וואָס זיינען געווען האַלב־סוחר, האַלב קאָלאָניסט, האָט נישט געשמעקט די מעשה, אַז דער פּ. קאָמונאַל זאָל קאָנצענטרירן אַרום זיך אַלע קאָלאָניסטן, איינקויפן, פאַרקויפן. האָבן זיי אפילו נישט דערלאָזט איינקויפן זעק און פּאָדים אויפן קאָאָפּעראַטיוון אופן, געקלאַפּט אין טיש, געשריגן, אַז מ'ריזיקירט מיט קהלש געלט, אינגלעך ווילן איינפירן נייע פּראָנדקעס, קהל זאָל זיך גאָר פאַרנעמען מיט סוחרישע אָפּעראַ־

ציעס, דאָס איז אומדערהערט! האנדלען דארפן נאָר דערפאַרענע סוחרים, וואָס קענען זיך דער־רונטעווען די סודות פון מסחר (א קליינינקייט „לימיטעס"!). דרך ארץ, אינגלעך! איך בין א סוחר! מבטן ולדה, וועט איר מיך גייען לערנען?).

פויערים האָבן די אויפגאַבע צו ארבעטן, פּראָדוצירן, און די סוחרים דאַרפן אויפקויפן די תבואה, באַזאָרגן זיי מיט אַלע הצטרכותן, און דערביי פאַרדינען...

קומען גאָר די „אינגלעך" און גייען איבערדרייען די וועלט מיט די פיס ארויף...

די „אינגלעך" האָבן זיך געטון זייערס, זיי האָבן געלייענט ביכער, זיי האָבן גערעדט צום פאַרשטאַנד פון די פאַראָרעמטע האָרעפּאַשנע ברידער, אז ס'איז נישט נויטיק צו האָבן פאַרמיטלער, אז מ'קאָן אליין קויפן און פאַרקויפן, און אליין האָבן די פאַרדינסטן פון דער פּראַצע.

דער יונגער סאַבאַראָוו מיט זיין ווייך בלאָנד בערדל האָט גערעדט מיט א ליבלעכער באַגייסטערטער שטים צו זיינע ברידער, וואָס זיינען געווען פאַרזאַמלט אונטערן שאָטן פון די פאַרייסן, אָדער אין א גאַלפּאָן, זיצנדיק אויף קעסטלעך און געמאָלן א יושרדיקע אחדותדיקע וועלט, ווען נאָר דער וואָס ארבעט, וועט קענען געניסן פון רעכט פון זיין פּראַצע, און דאָס אלץ וועט ווערן דערגרייכט דורך קאָאָפּעראַציע, צוזאַמענארבעט. אַזוי האָט ער געחלומט אויף דער וואָר אונטערן בלויען ארגענטינישן הימל, גערעדט מיט באַגייסטערונג, מיט התלהבות, געקוקט אין די רינג־געלעך בלויען רויך, וואָס האָט זיך געשלענגלט פון זיין ליולקע. „ס'וועט קומען א צייט, ווען אונזערע קאָאָפּעראַטיוועס וועלן שיקן שיפן מיט ברויט דירעקט צו די ענגלישע קאָאָפּעראַטיווע מילנער, שיפן מיט א קאָאָפּעראַטיווער פאָן... אַלע פעלקער וועלן זיין פאַראייניקט דורך קאָאָ־פּעראַטיוועס..."

געוויינען א סך אָנהענגער, אָבער די ניכטערע, די „פּראַקטישע" האָבן באַקעמפט די בעלי חלומות. איינער האָט סתם אַזוי, אָן א שום פאַרוואָס א זאָג־געטון: „ניין"! א צווייטער: „אז מ'זאָגט אייך, אז מ'דאַרף עס נישט, אז מ'דאַרף עס נישט..." און גיי האָט צו זיי טענות...

איינע פון די ערשטע פארוואלטונגען פון פ. קאָמונאַל (1907-8)
זיצנדיק פון רעכטס ביז לינקס: מ. גלוזמאן, מ. סאס, ב. מעזשיבאָווסקי, דר. נח ירחי, א. לייבאָוויטש (אדמ. פון דער יק"א), מ. אבראמאָוויטש, ש. פוסטילניק.
שטייענדיק: יצחק קאפלאן, מ. סאכאראָוו, שאצקי, ישעיה בענדערסקי, י. טאָוו.

די זיינען דאָס שפּעטער געוואָרן די באַקעמפּער, די מחרחרי־ריב, די פּיסל־אונטערשטעלער, וואָס האָבן טריאומפירט, ווען די נישט־פּראַק־טישע קאָאָפּעראַטיוויסטן האָבן געהאַט דעם מינדסטן דורכפאַל.

און דורכפאַלן, אויסגליטשעניש האָבן דאָך נישט געפעלט. די גע־שעפטלעכע נאָרמעס ביים תבואה־פאַרקויף זיינען דאַן געווען זייער קאָמ־פּליצירטע, מ׳האָט ווירקלעך געמוזט זיין נזהר וזהיר נישט צו מאַכן אַ פאַלשן שריט, און אריינצופאַלן אין די נעצן פון די אויפקויפער. באַזונ־דערס ווען די קאָאָפּעראַטיוויסטן זיינען געווען אַזוי לויז מיטאַנאַנדער פאַרבונדן.

נעמט, למשל, דעם פאַקט פון געמיינזאַמען תבואה־פאַרקויף. די־רעקט פאַר דער קאָסטעטשע מאַכט מען ליסטעס, יעדער פאַרשרייבט וויפיל תבואות ער וועט צושטעלן צום געמיינזאַמען פאַרקויף, — נאַטירלעך קיין פאָרמעלן עפנטלעכן קאָנטראַקט פאַרלאַנגט סאַבאַראָוו נישט, — סאַבאַ־ראָוו גלויבט אין מענטשנס אָרנטלעכקייט, קיינער וועט נישט אָפּנאַרן, גלויבט אין יעדנס גוטן ווילן. און דאָס האָט געגעבן די בעסטע געלעגנ־הייט די פאַרשריבענע אויף דער ליסטע זיך אויסצולאַכן פון דער פאַר־פליכטונג.

און דאָס פאַראורזאַכט פיל עגמת נפש דעם גוטן גלויבענדן סאַבאַ־ראָוון, וואונדן אויף דער איידעלער נשמה, און מאַטעריעלע פאַרלוסטן פאַר דער נייער שוואַכער קאָאָפּעראַטיווע.

ווערט נישט פאַרצווייפלט, פאַרלירט נישט דעם גלויבן אין מענטשן צוליב די אָפּנאַרער, צוליב די אומגעטרייע חברים. זיין מוט פאַרשטאַרקט זיך: מיטאַמאָל קאָן מען מענטשן נישט איבערציינגן, אַלץ גייט בהדרגהדיק, טראָפּנווייז מוז מען זיי איינפלאַנצן דאָס געפיל פון מענטשלעכער אחריות, פון פאַרשטענדניש, פּאַמעלעך ווי טראָפּן אויף אַ שטיין, געדולד און ליבע, נישט אוועקוואַרפן דעם אידעאַל צוליב אַ קליינעם דורכפאַל. ס׳וועלן זיין אויפשטייגן, און די צווייפלער וועלן אַליין קומען.

אין יאָר 1908 זיינען אין פּ. קאָמונאַל צום פאַרקויף פינף און צוואַנציק טויזנט קינטאַל ברויט, פּולע שפּייכלער מיט ווייצן, וואָס האָט שטאַרק אָנגעלאָקט, זאַגאַר איבערראַשט די אויפקויפער, וועמען ס׳איז

זייער באקוועם צו קויפן צוזאמען גרויסע סכומים. א סיורפריז, ווער האָט עס געגלויבט, אז די דאָזיקע באשיידענע קאָלאָניסטן וועלן דאָס באווייזן צונויפצוברענגען אזא בארג מיט תבואה אין זייערע גאָלפּאָנעס? פון די עקספּאָרט־הייזער יאָוויענען זיך אזש פיר כערענטעס קיין דאָמינגעז, איינער וויל אויסדינגען דעם אנדערן די באַדייטנדע קניה. דער פּ. קאָמונאַל דערגרייכט מיט זעכציק סענט מער אויפן קינטאַל, ווי ס׳האָבן עס געקאָנט צאָלן די אָרטיקע אויפקויפער. איצט זיינען זיי דאָ די בעלי ספקות, קומען מאַסנווייז אין דער פון זיי פארשפּאָטער קאָאָפּעראַטיווע, זיי האָבן אויך ברויט צו פארקויפן, זיי ווילן זיך צוריקציען פון זייערע אָפּמאכן מיט די לאָקאַלע סוחרים: ס׳לוינט זיך: 60 סענט מער אויפן קינטאַל, דאָס איז א יש, לוינט זיך זיין א קאָאָפּעראַטיוויסט.

איצט איז דער גוטמוטיקער פּרעזידענט א שטרענגער: ניין, מ׳קאָן זיי נישט פארשרייבן, דערקלערט קאַטעגאָריש: — א קאָלאָניסט מוז זיין אַן ערלעכער מאַן, א וואָרטסמאַן, מוז רעספּעקטירן זיין פארפליכטונג, זיין חתימה, אפילו לגבי זיין עקספּלאָטאַטאָר...

תמיד דער וואָרט־מענטש, דער בעל מוותר, דער פארגעבער אפילו לגבי זיינע גרעסטע פּערזענלעכע קעגנער.

מוז דורכמאכן אנטוישונגען, נאָך אנטוישונגען, צוליב דער אומדערפארנקייט פון די שפּאָגל־נייע קאָאָפּעראַטיוויסטן, און טאקע אויך צוליב די שווערע באַדינגונגען צו פינאַנצירן דעם שניט פון יענער צייט. מ׳האָט דאַן נישט באַקומען קיין פאָר־קרעדיטן אין די בענק אויף קאָסעטשע, איז מען געווען געצוואונגען צו מאכן א פאָרפארקויף צו א פעסטגעשטעלטן פּרייז פון א געוויסער סכום תבואה, כך וכך קינטאַלן צו דעם און דעם פּרייז. אז די תבואה פלעגט שטייגן אין פּרייז, פלעגט זיין גרויסע צרות. די קאָאָפּעראַטיווע האָט נישט געקאָנט נאָכקומען אירע פארפליכטונגען, צו ליפערן דעם גאַנצן סכום תבואה, ווייל א גרויסער טייל פון די פארשריבענע האָבן אוועקגעפירט זייערע תבואות אַנדערשוואו. לויטן אָפּמאַך מוז דער פּ. ק. צאָלן דעם דיפערענץ.

דאָס האָט באַטראָפן די אָנזעענלעכע סומע פון אכט טויזנט פּעזעס.

סאַבאַראָווס דילעמע איז געווען: ער מוז באַצאָלן די סומע פון זיין אייגענער קעשענע, וואָרום: שולדיק איז דער פירער, וואָס איז נישט געווען ווייטזיכטיק גענוג צו דערלאָזן צו אזא דורכפאַל, זיין געוויסן האָט אים געזאָגט, אַז די מאסן זיינען די פאַרפּירטע. גערופן אַ גענעראַל־פאַרזאַמלונג, גענומען אויף זיך בפני כל עם ועדה די שולד. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך, ער וועט צאָלן.

ביי די ערלעכע אויספירער פון קאָאָפּעראַטיוון קאָנטראַקט זיינען געשטאַנען טרערן אין די אויגן, די מאסע האָט זיך אַ וויג געטון, זיי וועלן נישט דערלאָזן דעם ליבן פירער אָנצונעמען אזא נישט פאַרדינטע שולד, שולדיק זיינען די אָפּטריניקע, אָבער זיי זיינען אומגרייכבאַר, וועלן די ערלעכע, די פליכט־באַוואוסטע ברענגען דעם קרבן: דערלייגן די דיפערענץ לויטן קאָנטראַקט.

דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטישער פאַל איז אפשר געוואָרן דער צעמענט פאַרן שוואַכן קאָאָפּעראַטיוון בנין. סאַבאַראָוו האָט פון איצט אָן נישט בלויז געהאַט צווייפלער ארום זיך, נאָר געטרייע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געליבט און רעספּעקטירט זייער פאַרגעטערטן אָנפירער, וואָס האָט זיי פון דאַן אָן געדינט בלב ונפש, נישט באַפוילן, נישט קאָמאַנדעוועט, נאָר ממש געדינט, געטריי און ערלעך.

א ווירדיקער, געטרייער מיטארבעטער און חבר

דער גליקלעכער צופאל האט געוואלט, אז דער טרוימער־אידעאליסט זאל זיך צונויפטרעפן מיט א מענטשן, באגאבט מיט פראקטישע חושים: יצחק קאפלאן.

קאפלאן און סאכאראוו, וועלכע האבן דערגענצט איינער דעם אנ־דערן. סאכאראוו איז געווען, געברויכנדיק דא א געלונגענעם אויסדרוק פון דר. גינזבורג, „די הייוון פון דעם טייג, וואס רופט ארויס יערונג, באַ־וועגונג און לעבן אין דעם טייג". יצחק קאפלאן דער פארווירקלעכער.

יצחק קאפלאן איז אין יאר 1908 געווען אלט דרייסיק יאר. געקומען קיין ארגענטינע אלס א פערצניעריק אינגל, געשטאמט פון א רעליגיעז ליטוויש־אידישע שטוב, וואו אלע קענען און מוזן קענען לערנען. א אי־דישע שטוב, וואו ס'הערט זיך דער קול התורה, אפילו דא אין וויטן ארגענטינע האט מען אפגעהיט שטרענג די טראדיציעס. אז דר. ירחי ארדנט איין די שיעורים פון עין יעקב, משניות, מדרש, ווײלט ער אויס די שטוב פון די קאפלאנס.

ר' מענדל קאפלאן האט זיינע זין איבערגעלאזט זיין פקחות, גע־לאסנקייט, געמאסטנקייט, אויסערגעוויינלעכע התמדה, און נייגונג צו גע־זעלשאפטלעכן לעבן. צו דריי און צוואנציק יאר פארנעמט דער יונגער איטשקע שוין דעם אמט פון סעקרעטאר פון דער צענטראלער ציוניסטי־שער ארגאניזאציע פון ענטרע ריאס.

אין יאָר 1904 איז ער פון די ערשטע גרינדער פון פ. קאָמונאַל, אין יאָר 1906 ווערט ער צום ערשטן מאָל אויסגעקליבן אלס קאָנסעבאַל, אין יאָר 1908 ווערט ער שוין באַשטימט אלס פּראָוואַלטער פון דער קאָאָפּעראַטיווע.

שוין עטלעכע דרייסיק יאָר ווי די ביידע, הגם פאַרשידענע לויט די כאַראַקטערן דינען דער קאָאָפּעראַטיווער זאַך, דער אידישער קאָלאָניסטי־שער קאָאָפּעראַציע אין פולשטענדיקער האַרמאָניע. אויב ס׳זיינען אַמאָל געווען מיינונגס־פאַרשידנקייטן צווישן די ביידע פירערס, איז עס געווען לשמה, נאָך א חלוקי־דעות גייען זיי אַרויס נאָך געאייניקטער, פאַרבונ־דענער אין זייער געמיינזאַמען אידעאַל.

מיר בלעטערן די קאָרעספּאָנדענץ צווישן קאַפּלאַן און סאַבאַראָוו אין די יאָרן 1909 ביז 1915, די ברויזענדסטע עפּאָכע פון זייער געמיינזאַ־מער טעטיקייט. זעען מיר אַרויסשטראַלן פון די אַלע הונדערטער בריוו די האַרציקע באַציאונג צווישן די צוויי מענטשן, וואָס פירן פּאַקטיש אָן מיט דער ברייט־פאַרצווייגטער אינסטיטוציע, זעען מיר אַרויסלויכטן די ווייט־זיכטיקע קלוגשאַפט פון דעם איניציאַטיוו־רייכן קאַפּלאַן, וואָס ווייזט אָפּט דעם טעאָרעטיקער סאַבאַראָוו פּראַקטישע דערפאַרנקייט.

אין זיינס א באַריכט פון 7־טן יולי 1911, לייגט ער פאָר א פּלאַן ווי צו באַזאָרגן די 320 קאָלאָניסטן, וועמענס שניט איז דורכגעפאַלן, מיט זריעה, און דעם נויטיקן רעמאַנענט. די יק״א האָט דאַן דעם פ. ק. געמאַכט אַן הלוואה פון 35 טויזנט פּעזעס, וואָס האָט דערמעגלעכט דער קאָאָפּעראַטיווע צו געבן קרעדיטן. סאַבאַראָוו דער ווייכהאַרציקער, דער מענטשן־פריינט, שטעלט זיך איין דערפאַר, אַז קרעדיט זאָל זיין לייכט דערגרייכבאַר, וואָרום, אַז יענער בעט, מסתמא דאַרף ער. קאַפּלאַן באַ־קעמפט דעם קרעדיט־סיסטעם פון א קאָאָפּעראַטיווע, וואָרום א קאָאָפּע־ראַטיווע, טאָר בשום אופן נישט זיין קיין קרעדיט־אינסטיטוציע, מוז זיין א פאַרטיידיקערין פון די קאָלאָניסטן. אויב געבן קרעדיטן, איז נאָר אויף פּראָדוקטיווע צוועקן. ראַט איינפירן א פלייש־קאָאָפּעראַטיווע. „דער

פויער זאָל קומען צום באוואוסטזיין, אַז ער אַרבעט פאַר זיך און נישט פאַר אַ חיל פון פאַרמיטלערס".

יעדע איניציאַטיווע פון יצחק קאַפלאַן איז אַ נייער, וויכטיקער אויפטו, וואָס האָט תמיד אַ ווייטגייענדע פּראַקטישע באַדייטונג. אָט שלאָגט ער פאָר אין אַ קאָמוניקאַט פון 31־טן יאַנואַר 1912, אַז די תבואה־אָפּטיילונג פון פּ. ק. מוז ווערן רעגולירט אויף פאָלגנדן אופן:

1) אין יעדן גאַלפּאָן מוזן אַרבעטן צוויי גוטע „רעסיווידאָרן".

2) די אַנאַליזן ווערן געמאַכט אין גאַלפּאָן אין דער אָנוועזנהייט פון דעם פאַראינטערעסירטן.

3) עס מוזן זיין צוויי מוסטערן, איינע פאַרן גאַלפּאָן און די צווייטע פאַרן ביוראָ.

4) אויף דער צווייטער זייט פון דער קבלה מוזן ווערן אָפּגעדרוקט די רעגלאַמענטן.

5) יעדער פאַראינטערעסירטער גיט אַ שריפטלעכע אויטאָריזאַציע צום פאַרקויף.

6) דער מיטגליד מוז זיך פאַרפליכטן צוצושטעלן צו דער קאָאָפּעראַטיווע נישט ווייניקער ווי הונדערט קינטאַל, מיטן אויסנאַם פון די, וואָס האָבן געהאַט אַ דורכפאַל אין דער קאָסעטשע. „ווייל מיר מוזן און ווילן פאַרטיידיקן די גאַנצע פּראָדוקציע פון קאָלאָניסט. ווען ער ליפערט אונז אָבער נאָר אַ טייל, איז אַ באַווייז, אַז ער האָט אַ קנאַפּן אינטערעס אין אונזער אינסטיטוציע..."

7) מ'דאַרף אינסטאַלירן אַ טעלעפאָן פון דאָמינגעז קיין לאַ קאַפּיזשאַ. אין קענגטייל מוז זיך דאָס ביוראָ אַריבערטראָגן פאַר די חדשים יאַנואַר—פעברואַר—מערץ קיין דאָמינגעז.

באַקלאָגט זיך אין זעלבן בריוו, אַז סאַניטאַרע באַדינונג שלעכט (דאָס שפּיטאָל איז דאַן געשטאַנען אונטער דער לייטונג פון פּ. ק.), פּראָפּאָנירט צו רופן אַ צוזאַמענפאָר פון קאָלאָניסטן און מעדיקער. אויך די דרוקעריי פון דער קאָלאָניסטישער אויסגאַבע — ס'האַנדלט זיך אום דעם „אידישן קאָלאָניסט", — שטעלט נישט צופרידן. הייסט איבערגעבן

די רעדאַקציע צו דער ערשטגעגרינדעטער פעדעראַציע פון אידישע קאָאָפּעראַטיוועס, זאָל נישט זיין בלויז דער אָרגאַן פון צוויי אינסטיטוציעס (פּ. קאָמונאַל און לוסיענווילער קאָאָפּעראַטיווע), נאָר פון אַלע אידישע קאָלאָניסטן פון דער גאַנצער רעפּובליק.

זיי גייען דעם גאַנצן לעבנס־וועג צוזאַמען, סיי אין פרייד, סיי אין לייד, סיי אין אויפשטייגן, סיי אין ירידות. שרייבט קאַפּלאַן צו זיין חבר אין א עת צרה, ווען צוויי קאָסעטשעס זיינען געגאַנגען פאַרלוירן, נאָך אַן אינוואַזיע פון היישעריק, עפּידעמיעס פון סקאָט, פאַראַליזירונג פון אַלע קרעמעריעס צוליב דער אָנהאַלטנדער טרוקעניש, און חובות, חובות, דער פאַנדאָ קאָמונאַל קאָן נישט נאָכקומען זיינע פאַרפליכטונגען.

„מ׳דאַרף האָבן מוט, ס׳וועלן קומען בעסערע צייטן... „אָ, ווי
וואָלט איך געוואָלט זען דעם פּ. קאָמונאַל באַפרייט פון זיינע
חובות!... אָבער ס׳וועט זיין גוט...“

קאַפּלאַן האָט תמיד גרייט דעם ריכטיק אידישן בטחון, וואָס האַלט אויף דעם גלויבן אין דער קאָלאָניע.

פאַר קאַפּלאַנען איז נישט פאַראַנען קיין שוועריקייטן, קיין מניעות, גייט זעלבסטבאַוואוסט אויף דעם אָנגעצייכנטן וועג פאָראויס, דאָס אַלץ ווערט אַדורכגעזעצט פאַרן וואויל, כבוד און דערהויבונג פון אידישן אַגראַריער.

סאַבאַראָוו דער באַגייסטערער, קאַפּלאַן דער איניציאַטאָר, וועמענס דערפינדערישער מוח ווערט נישט מיד אויסצוגעפינען נייע איניציאַטיוועס פון טראַנסצענדענטאַלער באַדייטונג נישט נאָר פאַרן אידישן פויערנטום, נאָר ווייט איבער די גרעניצן פון די אידישע קאָלאָניעס. ער איז געווען דער פאָראַנער פון א רייע אַגראַר־געזעצן. למשל, דער באַרימטער אויפרוף „ברויט צום עסן!“, וואָס אַפּעלירט צו די קאָלאָניסטן, אז צום ערשטן זאָלן זיי זיך באַזאָרגן מיט אייגן ברויט נאָך דער קאָסעטשע, זיך נישט רעכענדיק מיט קיין שום אומשטענדן, — איז געווען דער פאָרלויפער פון געזעץ פון אומעמבאַרגירבאַרקייט פון זריעה און ברויט. דער פּראָיעקטירער פון צוגענגלעכע אַגראַר־קרעדיטן, פון קאָלאָניזאַציע־געזעץ, פון דער נויטיקייט פון א פאַרזיכערונגס־פאָנד צו העלפן די קאָלאָניסטן,

ברויט צום עסען!

עס איז פשוט אומגלויבליך אז די דאזיגע וואס בעשעפטיגען זיך מיט פראדוסירען ברויט פיר דער גאנצער וועלט, זאלען אליין ניט האבען קיין אייגענע ברויט. נור עס איז דאך א טרויעריגער פאקט אז פיעל קאלאניסטען מוזען גלייך נאך דער קאסעטשע געהען זוכען בארגען א זאק מעהל, און די מעהל פראגע איז שוין געווארען א כראנישע כמעט אין אלע קאלאניעס.

איז דאס ריכטיג אזוי? גיבט טאקע קיין מיטעל צו בעוואהרענען דיזען פעהלער? דיזע פראגעס האבען זיך געשטודירט ביי אונזער קאנסעהא דירעקטיווא און מען איז געקומען צום בעשלוס אז דיזע סיסטעם וואס האט עקסיסטירט ביז יעצט מוז אויסגעבעסערט ווערען, און ס'איז אנגענומען געווארען פאלגענדער בעשלוס:

יעדער קאלאניסט זאל איבערלאזען פאר זיך 20 פאנעגאס ווייץ אום אויסצובייטען אויף מעהל. מיר גלויבען אז אלע וועלען זיך איינפארשטעהן אז דיזע פאנעגאס זיינען הייליג פיר דעם קאלאניסט און קיינער פון די אקרעדארען וועט קענען עפעס זאגען דאגעגען.

די ווייץ קען יעדער אריין פיהרען אין די גאלפאנעס פון פאנדרא קאמונאל און מיר וועלען טראטירען דאס אויסבייטען אויף מעהל אין די בעסטע קאנדיציעס.

הערען מיטגליעדער! די זאך איז אפהענגיג פון אייך אליין, אלזא האפען מיר אז יעדער וועט פארשטעהן די וויכטיגקייט פון דער זאך, אום איהר דורך צו פיהרען אין דער פראקטיק.

אם אין אני לי מי לי? וכשאני לעצמי מה אני?

פאנדרא קאמונאל, 25 טען נאוועמברע 1912.

קאפלאנס רעדאקטירטער אויפרוף, אלס פארלויפער פונם געזעץ נישט צו טארן געזעצלעך צונעמען די זריעה און ברויט פונם קאלאניסט.

וואָס האָבן פארלוירן די קאָסעטשע(פון א בריוו אין יאָר 1912 צום דר. לאהיטטע, אז די אגריקולטאָרן זאָלן ביישטייערן צו דעם צוועק מיט איין פעזא פון יעדע פּראָדוצירטע 1000 קילאָ. אין זעלבן בריוו א דעטאלירטער פּראָיעקט, אז קאָלאָניסטן זאָלן אליין פאבריצירן די זעק, פאר זייער געברויך). אין זעלבן יאָר ליינט ער אויך פאָר א פּלאן פון א אידישן אגראר־באנק, וואָס איז ערשט נאָך לאנגע גילגולים פון א קאָלאָניזאציע־פאָנד געוואָרן פארוואנדלט אין יאָר 1935 אין דעם „פאָמענטאָ אגראריאָ".

אומצאָליק זיינען קאפּלאנס איניציאטיוון, דאָ זיינען נאָר דערמאנט א ווינציקע צאָל, ווייל דאָס איז א אומדערמידלעכער מענטש, וואָס שטייט כסדר אויף דער וואך פון די קאָלאָניסטישע אינטערעסן, הן אלס בערענטע פון דער „פראטערנידאד אגראריא", דער קאָאָפּעראטיווע איבער אלע קאָאָפּעראטיוועס, פון וועלכע ער און סאכאראָוו זיינען געווען די מיטגרינדער (אין יאָר 1925), הן אלס רעדאקטאָר פון „קאָלאָניסט קאָאָפּעראטאָר", דעם אָרגאן פון די אידישע קאָאָפּעראטיוויסטן.

א ווירדיקער חבר, מיטארבעטער, פריינט און באגלייטער.

דער קולמינאַציע־פּונקט

סאַכאַראָוו און די קליינע גרופּע פון זיינע מיטאַרבעטער האָבן זיך אליין געקאָנט באַגריסן מיט זייערע דערפאָלגן: די קאָלאָניע איז אָרגאַניזירט, ווייט און ברייט קלינגט אָפּ דער נאָמען „פּאָנדאָ קאָמונאַל", א מוסטער, א ביישפּיל פאַר אַלע אידישע קאָלאָניעס. די קאָאָפּעראַטיווע איז מעכטיק, האָט קרוב ביי די אכט הונדערט מיטגלידער, נעמט אַרום א פּעריפעריע פון א זיבן באַן־סטאַציעס, שליסט איין אַלע טעטיקייטן פון די קאָלאָניסטן, א חוץ פאַרקויף פון דער פּראָדוקציע, פאַרנעמט זי זיך מיט געמיינזאַמען איינקויף פון א מאַסע קאָנסום־אַרטיקלען, פאַרוואַלטעט מיטן שפּיטאָל, אַפּטייק, ביבליאָטעקן, שול־וועזן, וועגן־בוי, האָט א בוררות־געריכט, א קרעדיט־קאַסע, איז די אינסטיטוציע איבער אַלע אינסטיטוציעס, דער צענטראַל־פּונקט אינם קאָלאָניסטישן לעבן. פּאָנדאָ קאָמונאַל איז א מאַרקע, א ביישפּיל, דער שטאָלץ פון אידישן קאָלאָניסטנטום. אין אַן עת צרה קאָן זי זיך דערלויבן אונטערצוקומען מיט הילף די הונגערנדע קאָלאָניסטן פון בערנאַסקאָני און דאָראַ, אריינשיקנדיק זיי א וואַגאָן מיט מעל.

סאַכאַראָווס איניציאַטיווע, מ׳טוט נישט בלויז א הומאַנע טאַט, נאָר א קאָלעגיאַלע, סימבאָלישע הילף צו חברים אין נויט, חברים, וואָס אַרבעטן די זעלבע ערד, וועמען די נאַטור האָט גרויזאַם באַהאַנדלט, אָפּנאַרנדיק זייערע האָפנונגען צו קענען געניסן פון די פּרוכט פון זייער אַרבעט.

דערמיט איז געוואָרן צייטיק דער געדאנק, סאבאראָווס געקעכעלטער, שטאָלצער געדאנק צו זעען פאריייניקטע אלע אידישע קאָלאָניסטן, צעזייטע און צעשפרייטע איבער דער גרויסער אומענדלעכער רעפובליק, פאריייניקן דעם צפון מיט דרום, דעם מזרח מיטן מערב, קאָלאָניסטן פון דער וויטער דאָרא, זאָלן זיך צונויפרעדן מיט זייערע ליידנס־ברידער פון די זאמדיקע פאמפעס, פון די ענטרע ריאָסער פעטע פעלדער, וואָס זיינען אויך נישט ווייניק אויסגעשטעלט אויף קאפריזן פון דער נאטור: היישעריקן און פארטרינקעניש, זיי די אלע ברידער זאָלן האָבן איין אָרגאניזאציע, אין וועלכער זיי זאָלן זיך פילן היימיש, אראָפרעדן פונם הארצן, אונטערנעמען געמיינזאמע שריט צו פארבעסערן די לאגע פון זיינע ליבע האָרעפאשנע ברידער, מיט וועלכע ער איז פארבונדן בלב ונפש.

שרייבט צום פריינט פון דער אידישער קאָלאָניזאציע, דעם שפעטערדיקן סענאטאָר וויקטאָר עטשעווערי, וואָס איז דאן געווען רעגיאָנאלער אגראָנאָם:

„איר זאָלט וויסן זיין, פון דער שטילער באשיידענער ארבעט, וואָס עס טוען די אידישע פויערן, וועלכע פארדינען מיטן שוויים פון זייער פנים זייער טעגלעך ברויט, מיט זייער מי און האָרעוואַניע, באארבעטנדיק די ערד פון דעם נייעם פאָטערלאנד, וואָס זיי ליבן מיטן גאנצן אייפער פון זייערע איינפאכע נשמות און הערצער. זאָל לעבן די פרייע, ליבע רעפובליק ארגענטינע!”

פרייד פון דערגרייכונג, פון סאטיספאקציע: די אידישע קאָלאָניעס האָבן א נעץ פון קאָאָפעראטיוועס, איבעראל חברים, וואָס שטרעבן און גאָרן צו דער דאָזיקער אייניקייט. פריינטלעכער בריוו־וועקסל פון סאבאראָוו, דעם פרעזידענט פון דער פרעסטיזשפולסטער קאָאָפעראטיווע מיט די ווירדיקע באגייסטערטע פירער פון די אנדערע קאָאָפעראטיוועס. ווייל קענען לערנען די ברידער, וואָס זיינען צעוואָרפן אין אלע פונקטן און קלימאס פון דער וויטער ארגענטינע.

סאבאראָוו שרייבט צו די פאָרזיצערס פון די קאָאָפעראטיוועס, טיילט זיך מיט זיינע פלענער, וואָס ווערן ווארעם אויפגענומען, ווייל זיי קומען פון דעם בארימטן סאבאראָוו, און אויסגעווארעמט אינם פאָנדאָ

קאָמונאַל, וואָס איז דאָך אַ שם דבר אפילו מחוץ פון די אידישע קאָלאָ־ניעס. באַקומט ערן־דיפּלאָמען אויף אויסשטעלונגען, לויב־רייד מצד דער רעגירונג.

די ענטפּערס זיינען געווען פול מיט ענטוזיאַזם. נ׳אַוודאי דאַרף מען אַ פעדעראַציע, בלי שום ספק, אַלע זיינען גרייט, וואַרטן אומגעדולדיק אויפן מאָמענט, ווען דער חלום וועט ווערן ווירקלעכקייט. פאַר אַלעם אָבער גאַרן זיי צו זעען פּנים אל פּנים דר. נח ירחי, סאַכאַראָוון, זיי ווילן האָבן די פרייד זיי צו באַגריסן, הערן פון זייער מויל די דערהאַ־בענע ווערטער, זיינען מקנא דער פּראָווינץ ענטרע ריאָס, וואָס האָבן די זכיה צו האָבן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן.

דעם טור, וואָס אַ דעלעגאַציע פון קאָלאָניסטישע פירער בראש מיטן דר. ירחי און סאַכאַראָוו מאַכן איבער די אידישע קאָלאָניעס האָט אַ פּיל־פאַכן נוצן. מ׳באַקענט זיך, מען הערט צום ערשטן מאָל דאָס וואָגיקע באַגייסטערנדע וואָרט איבער ברודערשאַפט, און דערמיט ווערט פאַרגע־גרייט דער באָדן פאַר אַ פעדעראַציע פון אַלע קאָאָפּעראַטיוועס.

ענטוזיאַסטישע אויפנאַמען. שפּעטער שטאַט מען זיך אָפּ מיט קעגנבאַזוכן. חברים האָבן זיך קענען געלערנט, זיינען זיך נאָענט געוואָרן. ריווערער קאָלאָניסטן זיינען געסט פון די באַסער און דאָמינגעזער קאָלאָ־ניסטן, ווערן אויפגענומען פייערלעך, און זאַפּן זיך אָן מיט ענטוזיאַזם און האָפערדיקייט אויף יאָרן אַרויס.

סאַכאַראָווס האַרץ קוועלט מיט שטילער אומאויסדריקלעכער פרייד. עפּעס ווערן דאָ שטרעבונגען אויסגעבענקטע פאַרווירקלעכט, ס׳וועט זיין יענע וואונדערלעכע ליכטיקע וועלט, וועגן וועלכער ס׳רעדן די גרויסע גייסטער פון דער מענטשהייט, ס׳וועט ווערן רעאַליזירט דער גרויסער אי־דעאַל פון אחדות און ליבע.

אויף די אומצאָליקע פּאַפּירלעך און באַשריבענע זייטלעך, פילע מיט דעם קעפּל פון דר. ירחים רעצעפּט־בלאָקן, לייענען מיר אַ מאַסע נאָטיצן פון סאַכאַראָוון. אַ קליינינקייט! מ׳גייט צוטרעטן צו דער שאַפונג פון אַ פאַראייניקונג פון גאַנצן אידישן ערד־אַרבעטער פון אַרגענטינע, און שפּעטער פון גאַנצן לאַנד, און שפּעטער פון דער גאַנצער וועלט. מוז מען

דאַך קומען צו אזא פעדעראַציע מיט גראנדיעזע פּלענער. יאָ, מ'וויים וואָס מ'וויל, מ'וויל אַלץ, אָבער פאַרן עולם מוז מען ברענגען עפּעס קאָנ־קרעטעס. זוכט מען פיבערהאַפט באַשייד אין די אַלע ביכער אויף רוסיש, דייטש, שרייבט מען אויס ביכער, זשורנאַלן נייע, דירעקט פון פּעטער־בורג: „עטיק פון לעבן", „לעקציעס פון געזעלשאַפטלעכער עטיק", „דאָס שפּאָרן", „די קראַפט פון אַרבעטער", „וואָס איז אַזוינס קאָאָפּעראַציע?".

שפּליטערן פון פּלענער, פּראָיעקטן, פרייד, אויפלויכטונג: זיין פ. קאָמונאַל האָט באַקומען א גאָלדענעם מעדאַל אויפן אינטערנאַציאָנאַלן קאָאָפּעראַטיוון קאָנגרעס, אַנערקענונג פון אַלע זייטן, אויך אין מלוכה־קרייזן לויבט מען זיינע ברידער־קאָלאָניסטן, ער אליין: פּרעמיעס פון בעסטן ווייץ, ליאָן, פון שיינע ראַסן־האָנען, פון בעסטגעהאָדעוועטע פּער־שעראָן פערד, פון גוטע מילכבערינס.

אַלזאָ, וואָס ברייטער זאָל זיין דאָס פּראָגראַם פון אזא פעדעראַציע. ברייטע האָריזאָנטן.

...איבערגייען פון קאָנסום צו פּראָדוקציע־קאָאָפּעראַטיוועס, אַלע צווייגן פון דער מענטשלעכער טעטיקייט מוזן ווערן פאַריי־ניקט, צוזאַמען פּראָדוצירן, דער שוואַכער זאָל ווערן געשיצט פונם שטאַרקן, מאַשינען אָנשטאָט די שווערע האַנט־אַרבעט. פּראָדוצירן אַלץ פאַרן איינענעם געברויך: זעק, וואָל, שפּינערייען, קאָאָפּעראַ־טיווע בעקערייען, מילן, פליישערייען, קאָאָפּעראַטיווע קליידער־פאַבריקן... קאָאָפּעראַטיוון שול־וועזן... דערציען קינדער צו צוקונפ־טיקע קאָאָפּעראַטיוויסטן... „די לערער זיינען א קאַסטע אין דער קאָלאָניע, זיינען ווייט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. לערער וואָלטן געדאַרפט זיין פּראָפּאַגאַנדיסטן פון קעגנזייטיקער חברישער מיט־אַרבעט... אין די עלעמענטאַר־שולעס מוזן ווערן איינגעשלאָסן אַגרי־קולטורעלער אונטעררכט... מ'וואוינט אין דאָרף, דאַרף מען זיין דאָרפיש... אין יעדן דאָרף מוז זיין א שול־קינטע... אַן עקספּערי־מענטאַל־טשאַקרע... פון צייט צו צייט זאָלן ווערן איינגעאָרדנט מוסטער־אויסשטעלונגען, וואו דער פליישיקער, דער אויסטויגער

זאָל זיך קענען באַווייזן מיט וואָס ער קאָן"... פּעדעראַציע־ביבליאָ־טעק... פּעדעראַציע־געריכט... דערנענטערונג פון חברים דורך אָפטע צוזאַמענטרעפן... דורך געמיינזאַמען געדאַנקען־אויסטויש... וויכ־טיק א פּעדעראַציע־אָרגאַן... אחדות! אחדות!

חשבונות, גאַנצע זייטן מיט אַלערליי חשבונות, וואָס באַציען זיך אויף די אַלע פּראָיעקטן, פּראָיעקט פון געמיינזאַמע באַנוצונג פון גרויסע מאַשינען. קאָאָפּעראַטיווע דרעש־מאַשינען... לאַנגיעריקע קרעדיטן פאַר קאָלאָניסטן... זאָלן גרינדן אייגענע אינסטיטוציעס... קרעדיטן אויף צוואַנציק, דרייסיק יאָר... זייער נויטיק... אויפצייכנונג מיט בליי (אומ־באַדינגט אָנשרייבן דער יק"אַ!):

„ אין דעם דאָזיקן לאַנד איז עס מעגלעך קאָלאָניסטן זאָלן שטאַרבן פאַר הונגער... ביי פולגעפּאַקטע שפּייכלערס פון תבואה..."

זאָל לעבן די פאַרייניקונג!... דרינגענד שטעלן צו טאָג־אָרדנונג די אויטאָ־קאָלאָניזאַציע... מ'קאָן נישט זיין אויסגעשטעלט אויפן חסד פון א קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט... מ'מוז אַליין זאָרגן פאַר זיך... דאָס לאַנד איז גענוג גרויס, מ'דאַרף זוכן אַרויסצוגייען פון די גרעניצן פון זיין קאָלאָניע...

דער מייסטער האָט זיך פאַרגעטרייט צו זיין קרוין־ווערק: די ערשטע אידישע פּעדעראַציע פון אַלע קאָלאָניסטן אין לאַנד, אַן עטאַפּן־פּונקט אויפן וועג פון צו פאַרווירקלעכן דעם קאָאָפּעראַטיוון אידעאַל...

די פעדעראַציע פון יאָר 1910

סאַבאַראָווס קרוין־ווערק: די פעדעראַציע פון יאָר 1910, איז געווען א היסטאָריש געשעעניש פון קאָלאָסאַלער וויכטיקייט. מיט איר איז גע־לייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער שפּעטערדיקער פאַראייניקונג פון די אידישע קאָלאָניסטן אין דער אַרגענטינער רעפּובליק.

פאָרגעקומען אין בוענאָס איירעס צווישן דעם 12—19 נאָוועמבער פון דערמאַנטן יאָר, אין האָטעל סאַן מאַרטין, אויף דער גאַס קאַרלאָס פּעלעגריני 444.

געווען א קאָנגרעס פון אויסערגעוויינלעכן ענטוזיאַזם, דעלעגאַטן פון כמעט אַלע קאָלאָניעס. פון דער קאָלאָניע קלאַראַ זיינען געקומען: דער דר. נח ירחי, מיגעל סאַבאַראָוו, שמעון פּוסטילניק, דוד טשערטקאָוו און יצחק קאַפּלאַן; פון דער קאָלאָניע סאַן אַנטאָניאָ: דער דר. קליין; פון דער קאָלאָניע לוסיענוויל־באַסאַוויל־באַסאָ: ש. י. הורוויטש, מענדל קאָסאָי און בערל טאָלקאַטשיר, משה טשערני, אהרן בראָדסקי און אַרטוראָ באַב פון דער קאָאָפּעראַטיווע „באַראָן הירש” אין ריווערא. די אָרימע קאָלאָניעס דאָראַ און בערנאַסקאָני האָבן בשום אופן נישט געקאָנט שיקן קיין דע־לעגאַט. זיי האָבן פּשוט נישט געהאַט אויף רייזע־הוצאות. פאָרגעקומען א זייער רירנדער בריוו־אויסטויש צווישן די בערנאַסקאָניער און פ. קאָ־מונאַל. די אָרימע פאַמפּער קאָלאָניסטן האָבן פּשוט געגעבן אָנצוזעהערן די רייכערע אינסטיטוציעס, אז ס'וואָלט געווען גלייך מ'זאָל זיי פאַרשאַפן די רייזע־הוצאות. דער פּרעזידענט פון דער נאַרסים־לעווענער קאָאָפּעראַ־

טיווע רעדט וועגן דער דאָזיקער חרפּה מיט א זייער פּאַטעטישער שפּראַך. און אזוי ווי זיי קענען צוליב די פארשטענדלעכע טעמים נישט אַנוועזנד זיין אויף דער קאָלאָניסטישער שמחה, שיקן זיי א בריוו, וועלכן זיי בעטן פּאַרצולייענען אויף דער אסיפה בקול רם. דאָס איז געווען א בריוו, וואָס האָט דערציילט פון די ליידן פון די נאָרדסים־לעווענער אויף דער זאמדי־קער און געזאַלצענער ערד פון דער ווייטער פּאמפּאַ, אָן ברויט, באָרוועסע און נאַקעטע, נאָר עקשנותדיקע, בטחונדיקע, גלויבנדיקע אינם אחדות פון די ברידער־קאָלאָניסטן, וואָס וועלן זיי נישט לאָזן פאלן.

מאָזעסוויל האָט נישט געשיקט קיין דעלעגאַטן, „צוליב אינערלעך טעכנישע סיבות", אָבער זי איז בלב ונפש פאר דער פעדעראַציע.

אחוצדעם זיינען אַנוועזנד געווען אויפן אָפיציעלן דערעפנונגס־אַקט פיל פון די דעמאָלטיקע כלל־און קולטור־טוער: יעקב יאָסעלעוויטש, ליפשיץ, דר"ם נירענבערג, זשאבאָטינסקי, דוד עלקין, ענקין א. א. אויך קאָלאָניס־טישע געסט. צווישן אנדערע רייצין, אלפּערזאָן, שאראָגראָדסקי, גיסענזאָן, ראָזענפעלד, דוב גרינבערג, יאנקעלעוויטש, פינגערמאַן און רעפּאָרטערס פון צייטונגען, צווישן זיי דער רעפּאָרטער פון דער „לא נאַסיאָן".

די דערעפנונגס־רעדע האָט געהאַלטן דער ליבלינג פונם גאַנצן ישוב, דר. נח ירחי, וואָס האָט מיט פּאַטעטישע רייד, דורכגעווירצטע מיט פאָלקס־טימלעכן לשון געגעבן דעם פייערלעכן טאָן דעם צוזאַמענפאָר. צווישן אַנ־דערעם האָט ער געזאָגט:

„מער פון צוואַנציק יאָרהונדערטער האָט מען אָפּגעריסן אידן פון ערד־ארבעט, און אין ווייניקער פון 20 יאָר האָבן מיר באוויזן אונזער ארבעטס־פעאיקייט צו קענען באַלעבן און באפרוכפּערן אַן אומבאזעצטן געגנט און מאכן פון א מדבר א גן־עדן."

דער מיטלפּונקט פונם קאָנגרעס איז געווען סאַכאראָוו, וואָס האָט מיט גרויס עמאָציע דורכגעלייענט פּונקט נאָך פּונקט וועגן די אויפגאַבן פון דער נייער פעדעראַציע, ביי יעדן פּאַראַגראַף זיך באזונדער אָפּגע־שטעלט, דערקלערט דעם זין און נוצלעכקייט.

פלענער ווייטגרייכנדע, פון געוואַלטיקן פאַרנעם, פלענער פון א טרוימער־אידעאַליסט, וועמענס ציל איז געווען, צו דערהייבן דעם מאַ־

טעריעלן און גייסטיקן ניוואָ פון זיינע ברידער־קאָלאָניסטן דורך גוט־אָרגאַניזירטע קאָאָפּעראַטיוועס, וואָס צוזאַמענגעשלאָסן אין דעם מעכטיקן בונד די גרויסע קאָלאָניסטישע פעדעראַציע, וועלן זיי זיין אימשטאַנד אויפצוטון גראַנדיעזעס.

סאַבאַראָוו רעדט וועגן די אויפגאַבן און צילן פון דער גרויסער קאָ־לאָניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אַרומנעמען די מאַטעריעלע, פּראָ־פעסיאָנעלע און געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן פון די אָנגעשלאָסענע קאָאָ־פּעראַטיוועס; די פעדעראַציע וועט זיך זעצן אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע ענלעכע לאַנדווירטשאַפטלעכע גרופּירונגען, אינעלענדישע ווי אויסלענדי־שע — סאַבאַראָווס געקעכלטער אידעאַל: אַרויס אין דער ברייטער וועלט, די גאַנצע מענטשהייט זאָל זיך קאָאָפּערירן, פאַרן אייגענעם נוצן, פאַרן פּראָגרעס און פאַר דער מאָראַלער דערהויבונג.

די פעדעראַציע וועט זיין די לעגאַלע פאָרשטייערן פון די קאָלאָניסטן לגבי דער אויסערלעכער וועלט, לגבי די באַהערדן און דער יק״אַ; זי וועט שטודירן דעם לוינבאַרן פאַרקויף און אָפּזאַץ פון דער קאָלאָניסטישער פּראָדוקציע, וועט שטרעבן צו פאַרביליקן די פּראָדוציר־מיטל און קאָנסום־אַרטיקלען.

די פאַרייניקונג פון די קאָלאָניסטישע קערפּערשאַפטן וועט זיך באַ־שעפטיקן אויך מיט דער לייזונג פון אַנדערע וויכטיקע פּראָבלעמען פון אידישן אַגראַריער ווי:

א) די גרינדונג פון א אידישן אגראַר־באַנק — שוין דאַן האָבן סאַ־באַראָוו און קאַפּלאַן באַגריפן די אומגעהויערע וויכטיקייט צו שאַפן א זעלבסטשטענדיקן פינאַנציעלן אינסטרומענט פאַר קאָלאָניזאַציע. — דעם־גלייכן אַן אָרגאַניזאַציע פון אגראַר־קרעדיטן אויף לאַנגיעריקע טערמינען.

ב) אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע און קאָנסום אויף קאָאָפּעראַ־טיווער באַזע. שוין דאַן איז אין סאַבאַראָווס באַוואוסטזיין געווען קלאָר, אז דער העכסטער פאָלקאָמענסטער אופן פון קאָאָפּעראַציע איז די פאַר־געזעלשאַפטלעכונג פון דער פּראָדוקציע.

ג) די קאָלאָניזירונג פון די קאָלאָניסטישע זין פון די אָנגעשלאָסענע

ק. ד. פון דער קאָלאָניסטישער פעדעראַציע, 1911.
זיצנדיק פון רעכטס ביז לינקס: ק. טשערטקאָוו, ש. הורוויץ, מ. סאכאראָוו, א. באב, א. הורוויטש — מאָזעסוויל.
שטייענדיק פון רעכטס ביז לינקס: ב. מעזשיבאָווסקי, כייטאָוויטש, ש. פוסטילניק, באווקין און הירש קאלער.

קאָלאָניעס, — איינע פון די חטאים פון דער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט איז געװען, װאָס זי האָט זיך נישט געזאָרגט װעגן נאָכװאוקס פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע, האָט נישט פעסט־געהאַלטן די קאָלאָניסטישע זין אין די קאָלאָניעס דורכן קאָלאָניזירן און דערמיט באַפעסטיקן דעם מאַטעריעלן מצב פון אידישן פויערנטום.

ד) פאַרשפּרייטן דעם גייסט פון איינװאורצלונג און ליבע צו דער ערד־אַרבעט, סיי ביים אַלטן קאָלאָניסט, און סיי ביי דעם ערשט־קאָלאָניזירטן. מען האָט געפילט בפועל ממש, אַז ס'איז נויטיק אַן אידעאַלער הינטערגרונט פאַר דעם אידישן אַקערבויער, אַ נאַציאָנאַלער הויך, װאָס זאָל באַגייסטערן און אין שװערע מאָמענטן זאָלן זיי געבן כוחות און מוט אויסצוהאַלטן, און בלייבן מוטיק אויף די פּאָזיציעס.

ה) אָרגאַניזירן סאַניטאַרע און היגיענישע באַדינונגען אין די אָנגעשלאָסענע קאָלאָניעס.

ו) מיטהעלפן מאָראַליש און מאַטעריעל די אַנטװיקלונג פונם שול־װעזן אין די קאָלאָניעס. דאָס שול־װעזן אין די אידישע דערפער איז געװען זייער דעפיציענט, האָט װייניק צופרידנגעשטעלט די קאָלאָניסטן. די בעסערע אינטעליגענטערע עלעמענטן האָבן געשטרעבט צו שאַפן אַן אומאָפּהענגיקע אייגענע שול־אָרגאַניזאַציע.

ז) גרינדן אַן אייגענעם אָפיציעלן אָרגאַן, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו ברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט די אידעען פון דער קאָאָפּעראַציע, לערנען די קאָלאָניסטן, פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן, און לאָזן קומען צום װאָרט די באַשיידנסטע האָרעפּאַשניקעס פון די װייטסטע װינקלען פון די אידישע קאָלאָניעס.

ח) אָרגאַניזירן אַן אַפּאַראַט פון קעגנזייטיקער פאַרזיכערונג קעגן שריפות פון תבואה־סטערטעס, האָגל־געפאַר און עפּידעמיעס פון סקאָט און פערד.

ט) איינריכטן עקספּערימענטאַל־טשאַקרעס, און בכלל פאַרשפּרייטן אַגראַר־קענטענישן צװישן די אידישע קאָלאָניסטן.

י) אַ בוררות־געריכט פון די אַלע אָנגעשלאָסענע קאָאָפּעראַטיװעס,

וואָס זאָל דערלייידיקן אַלע סכסוכים וואָס קענען אַנטשטייען אויפן גערזעל־שאַפטלעכן געביט. (אַזעלכע אַזויגערופענע „אַרביטר־באָרדס״ זיינען שפּעטער אויף דער איניציאַטיווע פון סאַכאַראָוו און קאַפּלאַן געוואָרן געשאַפן כמעט ביי יעדער קאָאָפּעראַטיווע, וואו זיי האָבן געשפּילט א וויכטיקע ראָלע צו לייזן די אומצאָליקע קריגערייען פון שכנים און נישט־שכנים, וואָס וואָלטן געוואָרן געלאָפּטערט ביי די אַלגעמיינע געריכטן; זיינען זיי אָפּט געוואָרן דערלייידיקט אויף א פרידלעכן און פּשוטן אופן פאַר די בוררים — רודף־שלומניקעס פון דער אייגענער אינסטיטוציע.)

אונטערגעשריבן די אַלע פּלענער און פּראָיעקטן האָט דער אויסגע־ווייילטער עקזעקוטיוו פון דער פעדעראַציע, וואָס האָט געהאַט פאָלגענדן צוזאַמענשטעל: ערן־פּרעזידענט: דר. נח ירחי, אַקטיווער פּרעזידענט: מיגעל סאַכאַראָוו, וויצע־פּרעזידענט: ש. י. הורוויטש, סעקרעטאַר: א. באַב. וואָקאַלן: דר. קליין, ש. פּוסטילניק, י. קאַפּלאַן, מ. קאַסאַי, ד. טשערטקאָוו, מ. טשערני, א. בראָדסקי און ב. טאָלקאַטשיר.

עס איז געווען א פייערלעכער קאָנגרעס, וואָס האָט אַריינגעגעבן מוט און האָפענונג די איבער דער גאַנצער רעפּובליק צעזייטע און צעשפּרייטע אידישע קאָלאָניסטן.

געווען ווארעמע באַגריסונגען פון די אַנוועזנדע געסט. דער דר. זשאַבאָטינסקי האָט באַגריסט דעם צוזאַמענפאָר אין נאָמען פון דער אינ־טעליגענץ. דער רעדאַקטאָר פון „אידישן קאָלאָניסט״, ש. פּוסטילניק, האָט געהאַלטן אן ענטוזיאַסטישע רעדע, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם התלהבות פון דעם אידישן פּויערנטום צוליב דער געשאַפענער פאַריייני־קונג. צווישן אַנדערעס האָט ער געזאָגט:

„עס איז ביי אונז אידישע אַגריקולטאָרעס א היסטאָרישער טאָג. די מענטשן, וואָס האָבן נאָך נישט קיין פערטל יאָרהונדערט פאַרבראַכט אין לאַנד, זאָלן פון טויזנטער צעוואָרפענע און צע־שפּרייטע אברים זיך צונויפבינדן און צונויפפלעכטן אין איין גע־זונטן און מעכטיקן קערפּער. וועלכער זאָל אונז אידישע אַגריקול־טאָרן אין דער רעפּובליק פירן אויף א וועג פאַר זיך און פאַר דעם

לאנד. דער פונדאמענט פון דער געביידע איז געלייגט געוואָרן שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק, מיט דעם גרינדן פון די לאָקאלע קאָאָפּעראטיוועס, באזונדערס פון אונזער פ. קאָמונאל, וואָס גייט אריין אין זיבעטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ, ציילט איצט שוין ביי די זיבנהונדערט און פופציק מיטגלידער, מיט א פארמעגן פון הונדערט טויזנט פּעזעס, און מיט פארשריבענע אקציעס אויף א האלבן מיליאָן פּעזעס...

„מיר אידישע אגריקולטאָרן, וועלכע שטרענגען אָן אלע כוחות צו בויען דעם דאָזיקן ריזיקן בנין, ווילן דערמיט פאר אלעם צו־זאמענרופן אונזערע ברידער ערד־ארבעטער אונטער א פאָן פון אחדות, פאר א נאָבעלער אידעע צוזאמענארבעטן, און צוגעוואוינען זיי צו א לעבן פון הארמאָניע, און גלייכצייטיק צו באווייזן דער גאסטפריינטלעכער ארגענטינער רעפּובליק, אז מיר אידן ווייסן צו שעצן דאָס לאנד, דערמיט וואָס מיר וועלן ביטראָגן און מיטאר־בעטן צו דעם אלגעמיינעם פּראָגרעס און וואוילשטאנד פון לאנד... לאָמיר זיך פאריייניקן און אויסשרייען: וויווא לא רעפּובליקא אר־כענטינא! וויווא לא קאָנפעדעראסיאָן אגריקאָלא ארכענטינא איזראעליטא!"

* *

*

די גרינדונג פון דער פעדעראציע האָט ארויסגערופן אן אלגעמיינעם ענטוזיאזם. אפילו אין די מלוכהשע קרייזן, לאנד־פּרעסע, האָט דער אויפטו פון די אידישע אגריקולטאָרן ארויסגערופן באוואונדערונג און גרויס אכטונג. צום קאָנגרעס זיינען אָנגעקומען מאסן באגריסונגען און טעלע־גראמעס: פון דער יק"א־דירעקציע אין פאריז, פון די אידישע פארמערס אין נאָרד־אמעריקע, פון לערער־פארבאנד און פון א מאסע אָנגעזעענע פּערזאָנען פון דער רעפּובליק.

מיר זעען דאָס אלץ אָפּגעשפּיגלט אין דעם „אידישן קאָלאָניסט", וואָס איז געוואָרן דער אָרגאַן פון דער פעדעראציע. אָנשטאָט אן איינצל־נעם רעדאקטאָר איז ער געוואָרן רעדאגירט פון רעדאקציע־קאָלעגיע, אין



די אייגענע דרוקעריי פון דער פעדעראציע אין שטעטל לא קאפיזשא, וואו ס'האָט זיך געדרוקט
דער קאָלאָניסטישער אָרגאַן, „דער יודישער קאָלאָניסט", די רעדאַקטאָרן, מיטארבעטער און פערסאָנאַל.

באַשטאַנד פון די ה"ה: מ. סאַכאַראָוו, ש. פּוסטילניק, גאַרבאָוועצקי און אפרון. כדאי צו באַמערקן, אַז איינע פון סאַכאַראָווס וויכטיקע אויפטוען איז געווען דאָס גרינדן די קאָלאָניסטישע פּרעסע. שוין אין יאָר 1909 איז דערשינען דער ערשטער נומער פון „אידישן קאָלאָניסט", געדרוקט געוואָרן אין דער הויפּטשטאָט אויף דער גאַס ליבערטאַד. דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער קאָלאָניסטישער אויסגאַבע איז געווען ישראל דוד פינגערמאַן. פינגערמאַן איז געווען איינער פון די פּאַמפּיסטן, געווען אַ משכיל, געדרוקט קאָרעספּאָנדענציעס אין המליץ, הצפירה. פינגערמאַן האָט רעדאַגירט דעם קאָלאָניסטישן זשורנאַל אויף אַן אייגנ־אַרטיקן אופן: אַלע מאמרים זיינען געווען געפּעפּערט און געווירצט מיט פּסוקים, גמרה־ווערטלעך. געשריבן האָבן אַלע, ווער ס'האָט נאָר געהאַט אַ הענטל־פּען, מיט אַ משכילישן סטיל, פיל פּשטות, גרויסע הקדמות ביז מ'איז געקומען צום עיקר. מיטאַרבעטער זיינען געווען אַלע, וואָס האָבן געבילדעט די אינטעליגענץ פון די קאָלאָניעס. געשריבן האָבן אין „אידישן קאָלאָניסט": צבי שניידער, מיט זיינע חקירות און פּאָלקסטימלעכן לשון, ברוך בענדערסקי האָט אָנגעהויבן מיט זיינע זאַפטיקע הומאָרעסקעס אַלס פּיינער שילדערער פון דער קאָלאָניע. יעקב שטיינבערג האָט דעבוטירט אַלס ליטעראַט, געשריבן אויך לידער און אָפּהאַנדלונגען איבער אַרגענטינער געשיכטע, ש. פּוסטילניק האָט געגעבן לעקציעס איבער קאָאָפּעראַטיוויזם מיט אַ קלאָר הסברהדיקע שפּראַך, ידידיה אפרון איבער דערציאונגס־פראַגן, די אַנאָנימע מיטאַרבעטער קאָלאָניסטן האָבן דעם זשורנאַל צוגעגעבן אָרטלעכן קאָלאָריט מיט זייערע פאַרשידענע קליינע און גרויסע טענות, פּרעטענזיעס, פּאַרטשעפּעניש. דער זשורנאַל לייענט זיך היינט נאָך מיט גרויס געשמאַק, שפּיגלט אָפּ געטריי כמעט אַלע וויכטיקע קאָלאָניסטישע געשעענישן פון יענער צייט.

ווייל דער „אידישער קאָלאָניסט" איז שפּעטער דערשינען אין אַן אייגענער דרוקעריי אין לאַ קאַפּיזשאַ, דעם סאַמע וויכטיקסטן צענטער פון די אידישע קאָלאָניעס אין ענטרע ריאָס, געוואָרן דער אויסדרוק פון דער אידישער פעדעראַציע. פאַר דער אויסערלעכער וועלט האָט די אויס־

יודישער קאלאניסט
— אין ארגענטינא —
"EL COLONO ISRAELITA ARGENTINO"

Organo Fundado por las Sociedades Agrícolas
"FONDO COMUNAL" de la Colonia CLARA
— Y —
"SOC. AGRIC. ISRAELITA" de Basavilbaso

אינהאלט

לייט ארטיקעל	פון (איש מבית לוי)
מאדערנע געזעלשאפט (ענדע)	ש. פוסטילניק
היסטאריע פון פארטוגאל	ה. שקאלניק
רעפובליקא ארגענטינא	י. שטיינבערג
געאגראפיע פון ענטרע-ריאס	י. אפרון
היגיענע דר׳ מ. גאבליר	
אגריקולטור	ה. ש. שניידער
אוויקולטור	ה. שקאלניק
דאס גרינע קעניגרייך	ש״ץ
קאלאניסטען טריבונע	
נייעס	
נעקראלאגען	
קאנפעדעראציאן	
פעליטאן	ר׳ לעקיש
רייזען	[illegible] מלמד

רעדאגירט פון פרעס-קאמיטעט

פרייז 20 סענט

דרוק פון „יודישער קאלאניסט" קאפיללא

דאָס שער-בלאַט פון עלטסטן קאָלאָניסטישן אָרגאַן: „דער יודישער קאָלאָניסט"
פון יאָר 1910—1913.

גאַבע אויך געהאַט א שפּאַנישע ביילאַגע, וואו ס'האָבן מיטגעאַרבעט: פּראָפ. אַרטוראָ קאָנסעלאָ, דר. ניסענסאָן, סאַנסאָן ראַשקאָווסקי, גרעגאָריאָ פינגערמאַן, דער אַגראָנאָם און שפּעטערדיקער סענאַטאָר עטשעווערי און אַנדערע באַקאַנטע פּראָפעסיאָנאַלן פון יענער צייט.

דער קאָלאָניסטישער אָרגאַן האָט געדאַרפט זיין אין דער הויפּט־זאַך א טריבונע פון בילדונג, באַלערונג, און צוגרייטונג פון דעם קאָלאָניסט צו אַן אחדות־לעבן. האָט מען איינגעפירט לויט סאַכאַראָווס איניציאַטיווע (אַרויסגענומען פון זיינע ביכער איבער קאָאָפּעראַטיוויזם, וואָס ער האָט געלייענט מיט גרויס התמדה) פאַרשידענע שלאָג־ווערטער אין שייכות מיט קאָאָפּעראַטיוויזם. סאַכאַראָוו האָט זיך באַמיט צו זיין דער לערער, דער ליבלעכער לערער פון די קאָלאָניסטישע מאַסן, האָט ער זיי געלערנט, אַז „די געמיינשאַפטלעכע אַרבעט ברענגט לעבן", „די אָפּזונדערונג טויט", אַז „דורך גוטן ווילן און דורך געמיינזאַמע קרעפטן, קאָן אַלץ דערגרייכט ווערן", אַז „ווילט איר זיין שטאַרק, דענקט וועגן אייער צוקונפט, ווילט איר זיין זעלבסטשטענדיק, פאַראייניקט אייך", מ'דאַרף זיין אייניק, ליב־האָבן איינאַנדער, די באַלוינונג וועט קומען, ווייל: „די יעניקע וועלכע זייערע פייגן־ביימער היטן, וועלן אויך עסן צו דער צייט די פּרוכטן", האָט געפּרעדיקט זעלבסט־הילף, נישט הילף פון אַנדערע, מ'דאַרף האָבן זעלבסט־ווירדע: „די וואויל־טעטיקייט דערהויבט דעם געפאַלענעם, דער מוטואַליזם לאָזט נישט פאַלן".

איז דער „אידישער קאָלאָניסט" געוואָרן דער וועג־ווייזער און דער דערציער פון די קאָלאָניסטן אויפן וועג פון אחדות, מ'האָט געוואָלט מיטאַמאָל פאַרווירקלעכן אַלע געשטעלטע צילן פון דער פעדעראַציע. באַטש די זעלבע האָט געהאַט אַדורכצומאַכן א גרויסן שווערן גערונגל, האָט זי אין אָנהויב ביי איר גרינדונג געהאַט אַזעלכע ענטוזיאַסטן ווי איר סעקרעטאַר אַרטוראָ באַב, דער באַקאַנטער ריוועראַ קאָלאָניסט — וויסנ־שאַפטלער און פאָרשער, וואָס צייכנט זיך אויס במשך פון זיין לאַנג־יעריקער אַקטואַציע צווישן די קאָלאָניסטישע מאַסן מיט אומגעהויערער תמימות. באַב שרייבט צו סאַכאַראָוון און דריקט אים אויס זיין התפעלות

איבער דער גרינדונג פון דער קאָנפעדעראַציע, ליגט פאָר, אז קודם כל מוז עס וויסן די גאַנצע וועלט: די טיימס, טאַן, בערלינער טאַגעבלאַט, די פּאָסישע צייטונג. דאַן מוז מען פּועלן ביי דער יק"א, זי זאָל אָנרופן איינע פון אירע קאָלאָניעס „דעם פערצנטן נאָוועמבער", ווייל אין דעם דאָזיקן טאָג איז געוואָרן געגרינדעט די „קאָנפעדעראַסיאָן אַגריקאָלא אַרכענטינא איזראַעליטא"...

„אַלץ מוז טון די פעדעראַציע, אַלץ. פאַר אַלעם: קאָלאָניזירן, און דאַן בילדן. דאָס איז דער עיקר... איך וואָלט פאָרגעשלאָגן, מ'זאָל קויפן קינאָ־אַפּאַראַטן, כדי צו ווייזן די קאָלאָניסטן באַלערנ־דע, נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פילמען... ס'וועט זיין אַזוי פיל אַרבעט, אַז איר, פריינט סאַכאַראָוו, וועט זיך מוזן אָפּזאָגן פון דער פּרעזי־דענץ פון פאָנדאָ קאָמונאַל, כדי זיך צו ווידמענען בלב ונפש דער פעדעראַציע..."

די פעדעראַציע ביי פּראַקטישער אַרבעט

די פאַרדינסטן פון דער פעדעראַציע פון 1910 זיינען שוין דערמיט פון טראַסצעדענטאַלער וויכטיקייט, וואָס זיי האָבן פאַרבינדן אַלע אידישע קאָלאָניסטן פון לאַנד, צעזייטע און צעשפּרייטע איבער דער גרויסער אַר־גענטינער מדינה, ברידער האָבן זיך קענען געלערנט, געפאָרן צוגאַסט צואייאַנאַנדער, געשאַפן אינטערעסן־געמיינשאַפטן, געלייגט דעם יסוד פאַר דער שפּעטערדיקער אַגראַר־פעדעראַציע.

ס'איז געווען אַ וויכטיק געשעעניש פאַר די ווייטע קאָלאָניעס פון דער פּראָווינץ בוענאָס איירעס און דער פּאַמפּאַ די אינספּעקציע־טורן פון יצחק קאַפּלאַן, דער שליח פון דער פעדעראַציע, וואָס ברענגט די קאָאָ־פּעראַטיוועס פון ריווערא און נאַרסיס־לעווען זיינע דערפאַרונגען פון דער גרויסער אָנגעזעענער קאָאָפּעראַטיווע: פאָנדאָ קאָמונאַל, וועלכע קאָן זיין שטאָלץ דערמיט, וואָס איר געשיקטער העלפּט רעאָרגאַניזירן די אדמיניס־טראַציע און די בוכפירונג פון דער קאָאָפּעראַטיווע „באַראָן הירש", גיט עצות, וואָס רופן אַרויס די באַגייסטערונג פון די מיטגלידער און פאַרוואַל־טער, וואָס דרוקן אויס זייער דאַנקבאַרקייט. נוצלעכע ווייטגרייכנדע פאַר־בינדונגען, מיט די הונגערנדע ברידער פון דאָרא, מאָנטעפּיאָרע, בערנאַס־קאָני, וואו די קאָלאָניסטישע פאַרזאַמלונגען ענדיקן מיט די באַגייסטערנ־דע אויסרופן: זאָל לעבן די פעדעראַציע! זאָל לעבן קאַפּלאַן! זאָל לעבן סאַבאַראָוו! מ'נעמט זיך אָן מיט מוט „אין דער בליענדער קאָלאָניע מאָ־זעסוויל (פון קאַפּלאַנס אַ בריוו פון יאָר 1912, 10 נאָוועמבער): „ס'לוינט

די שווערע נסיעה, כדי צו פארברענגען די עטלעכע טעג אין א קאָלאָניע, וואָס איז א מוסטער אין אלע הינזיכטן... דאָס איז קיין צופאל זי צו טרעפן אזעלכע. דער דאָזיקער בליענדער ישוב האָט תיכף פון אָנהויב געהאט גוטע אָרגאַניזאַטאָרן, וואָס האָבן געבויט די קאָלאָניע פּלאַנמעסיק און באַטראַכט, און אזוי האָט זי זיך טאַקע אנטוויקלט... מיטן פריינט קאַציאָוויטש האָבן מיר א סך גערעדט מכוח דער צוקונפטיקער אָרגאַניזאַציע און ער האָט זייער פּראַקטישע אידעען, באַזונדערס אינטערעסירן אים די קאָלאָניזאַציע פון די קאָלאָניסטישע זין."

די קאָלאָניזאַציע פון די קאָלאָניסטישע זין איז געשטאַנען אין מיטל־פּונקט פון די אינטערעסן פון פעדעראַציע־פירער. געווען א מאַסע פּראָיעקטן אויף די פעדעראַציע־זיצונגען.

בראָצקי פון ריווערא האָט פאָרגעשלאָגן, אז יעדער פאָטער זאָל פאַר זיין ערשטגעבוירענעם זון אריינטראָגן אין פעדעראַציע 100 פּעזעס, און מיט דעם דאָזיקן געלט־פאָנד וועט קענען ווערן קאָלאָניזירט דער קאָלאָניסטישער זון.

באַבס פאָרשלאָג איז געווען, מ'זאָל צוזעצן 2—3 פּראָצענט צו אלע דורך דער פעדעראַציע איינגעקויפטע אַרטיקלען.

סאַכאַראָוו האָט פּראָפּאָנירט, דער קאָלאָניסט זאָל יערלעך האָבן א צוגאַב פון דריי פּעזעס אין זיינע צאָלונגען דער יק"א, וועט זיך אין משך פון יאָרן בילדן א היפּשער קאַפּיטאַל, וואָס וועט דינען דער קאָלאָניזאַציע פון די קאָלאָניסטישע זין.

שמעון פּוסטילניק דאַקעגן האָט פאָרגעשלאָגן, אז די יק"א זאָל ארויפלייגן א היפּאָטעק אויף די קאָלאָניסטישע נחלות, וואָס זאָלן דינען אלס יסוד פון דער קאָלאָניזאַציע.

א זייער אינטערעסאַנטער עפּיזאָד איז געווען דער פּראָיעקט פון דער קאָלאָניזאַציע אין דער פּראָווינץ קאָריענטעס. די אידישע פעדעראַציע האָט באַקומען א שם אין אלע קרייזן פון לאַנד, מען האָט געגלויבט די אויפטוען פון די אידישע קאָאָפּעראַטיוועס, זיי געהאַלטן אלס מוסטער, און פון איבעראל זיינען אָנגעקומען ביטעס מ'זאָל איינשיקן די סטאַטוטן

פון פ. קאָמונאַל, ווי אביישפּיל פאר אנדערע קאָאָפּעראַטיוועס פון לאַנד.

עס זיינען באקאנט געוואָרן אין לאַנד די פארשידענע קאָלאָניזאַציע־פּלענער פון דער פעדעראַציע, וועלכע האָט אָנגעהויבן צו באַקומען פון אַלע זייטן לאַנד־אָנגעבאָטן. צווישן זיי איז אויך געווען א אומדירעקטע אָנצוהערעניש פון דער פּראָווינציעלער קאָריענטעסער רעגירונג, אז ס׳וואָלט זיי זייער געפרייט אויפצונעמען אידישע קאָלאָניסטן אין זייער פּראָווינץ. א קאָריענטעסער דעפּוטאַט האָט וועגן דעם געשריבן צו סאַבאַראָוון, אים געלויבט דעם קוואַליטעט באָדן פון זיין פּראָווינץ, דעם גוטן קלימאַט, און צוגעגעבן, אז קאָריענטעס וואָלט זיך געפרייט אויפצונעמען די גוטאַוויס׳עפּרוּאַוועטע ענטרע ריאָסער קאָלאָניסטן, וואָס האָבן פּרוכטבאַר געמאַכט סטעפּעס.

די אידישע קאָאָפּעראַטיוועס האָבן אפילו געשיקט א דעלעגאַציע קיין קאָריענטעס, אָנגעקוקט דאָס לאַנד, געפונען עס זייער געאייגנעט פאר אידישער קאָלאָניזאַציע, אָבער צוליב פילע טעמים האָבן די אַלע קאָלאָניזאַציע־פּלענער נישט געגעבן קיין שום רעאַלן רעזולטאַט.

אָבער דאָס פאָלק האָט דעם קאָלאָניזאַציע־פּרואוו שוין געהאַלטן פאר א ממשותדיקע זאַך.

צו סאַבאַראָוון אַלס פּרעזידענט פון דער פעדעראַציע האָבן אָנגעהויבן אריינקומען מאַסן ווענדונגען פון קאַנדידאַטן, וואָס ווילן זיך קאָלאָניזירן. קאַנדידאַטן, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פון פארשידענע עלעמענטן: אומצופרידענע מיט די פארוואַלטונגס־מעטאָדן פון דער יק״א־אַדמיניסטראַציע, אָדער אזעלכע וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט איינלעבן אין די קאָלאָניעס צוליב די אָדער אנדערע סיבות: 20 משפחות פון וויזשא אַלבא, 36 פון ראָזאַריאָ, פון מעדאַנאָס א תחנונים־בריוו אין נאָמען פון 50 משפחות; א גרופּע מאַאוריציער, וואָס האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דער יק״א, האָבן איינגעפונען „אז איר, הער סאַבאַראָוו, וועט אונז געבן די מעגלעכקייט צו לעבן א פריי לעבן אין א פרייער קאָלאָניע...״

גאַנצע שטויסן בריוו געפינען זיך אין סאַבאַראָווס ארכיוו, פון הוערגאָ, דאָרא, גאַסקאָן, אפילו שוין זעקס יאָר ארגאַנזשירטע קאָלאָניסטן

פעדעראציע-זיצונג, בוענאָס-איירעס, 1911, דעלעגאטן. — זיצנדיק פון רעכטס ביז לינקס: דר. קלוין, ש. פּוסטילניק, מ. סאכאראָוו, טשערני, מ. קאָסאָי. שטייענדיק: י. קאפּלאן, בראָדסקי, א. באב, ש. הורוויץ, טשערטקאָוו און ב. טאָלקאטשיר.

אויף הונדער און פופציק העקטאר אין דער קאָלאָניע „באראָן הירש” זייינען ארומגענומען געוואָרן פון פסיכאָז פון אומצופרידנקייט: „מיר קענען דאָ לענגער נישט בלייבן, ווייל מ׳דריקט אונז אונטער... מיר ווילן אונז קאָלאָניזירן אין דער נייער קאָלאָניע פון דער פעדעראציע... דאָ קענען מיר ווייטער נישט בלייבן... אונזער ערד איז אויסגענוצט און „קאנסאדאָ”.

30 פאלאסיאָסער קאָלאָניסטן ווענדן זיך צו סאכאראָוון בזה הלשון: (מיר גיבן דאָ איבער דעם אָריגינעלן העברעאישן טעקסט מיט דער אומגעענדערטער אָרטאָגראפיע) פאלאסיאָס, 5|3, 1911.

שלום ורב ברכות לראש נשיא ההפונדאָ־קאָמונאל, עטרת ישראל בארץ ארגענטינע מר מ. סאכאראָוו.

לפני שמש ינון שמו!

הכתב בשם שלשים משפחות מ׳פאלאסיאָז

דוד נאזיקאָוו

מכתב בקשה

אני המדבר בזה הוא האיש אשר שלחת במלאכות האנשים מ׳ „פאלאסיאָז” המשתוקקים להאחז בארץ „קאָריענטעס”, וזה לפני ימים אחדים נתכבדתי לעמוד ולדבר לפני רום כבודו (ביחד עם הדעפוטאט פאיעווסקי מבוענאָס איירעס) במרכבת מסילת הברזל מהתתנה „דאמינגועץ” עד „באסא־ווילבאָסע” ואז חלת פניו לספח את המשפחות אשר שלחוני אל הגרופפעס אשר בדעת רום כבודו להושיב אל אדמת „קאָריענטעס” והוא בבגדל טובו הבטהנו וגם יעצני לשלוח אליו את רשימת שמות האנשים האלה.

אי לזאת באתי עתה בכתב בקשה הזאת עם רשימת האנשים אשר כלם המה כנים וישרים אהבי עבודה ומלומדה עבודת השדה כי מקור חייהם הוא משכירות יום אצל הקולוניסטים בסביבת מאָזעסווילע ופאלאזיאָז, וכלם כאחד מפלים תחנתם לפני כבוד הנשיא לשום עינו עליהם לטובה ובתת ה״ וויוציא רום כבודו את המפעל הכביר הזה לאור עולם יכתוב אתנו בספר הקולוניזאציע

ב|קאָריענטעס" ובקשתנו שטוחה להודיענו אם נתקבלה בקשתנו, גם מהנשמע והנעשה.

ברגשי כבוד ויקר

החתום בשם שלשים המשפחות דוד נאזיקאָוו.

א צווייטע גרופּע פון וויזשא אלבא ווענדעט זיך מיט פאָלגענדן הארצרייסנדן בריוו, דאַטירט דעם פערצענטן מערץ, 1911.

לכבוד ה"ה הרבני הנגיד המופלג מפורסים נ"י ה"א מ. סאַחאַראָוו,

מיר אָרימע געטריבענע פארשמאכטע פאמיליעס פון בערנאַס־קאָני האָט אונז די נויט מיטגעבראַכט צו האָבן איין חוצפה זעך ווענדין צום הער סאַחאַראָוו. פריער גאָט, נאָכער דער הער סאַחאַ־ראָוו. זאָ ווי מיר האָבן געהערט, אז די רעגירונג קאָלאָניזירט און איר זיינט דער פּרעזידענט פון דער קאָלאָניזאַציע בעטן מיר אייך אז אויב ס'איז מעגלעך אַרויסרעטן אונז פון דער פינסטערניש. לויפן האָבן מיר נישט מיט וואָס. נאָר אונזערע קליינע קינדער וועט אויך נישט זיין נוער ס'זאָל האָדעווען. מיר ווענדן זיך דאָ ווי צו אן אייגענעם פאָטער רעטעט אונז פון אונזערע צאָרעס. האָט מיט־לייד אף אונזערע קליינע קינדער און אויף די קראַנקע פרויען, און נעמט אונז אויף דער קאָלאָניזאַציע פון דער רעגירונג. אימער וועלן מיר בעטן גאָט פיר אייך און אימער וועלין מיר אייך האלטין פאַר איין אויסלייזער פון נויט און פיין און הונגער און צאָרעס...

אלזאָ מיר אלע בערנאסקאָניער שטעלין זיך אָפּ מיטן האָפנינג, אז איר וועט אונז געבין אַנטוואָרט. געחתמעט אין נאָמען פון א גרופּע משפחות, פּנחס מאַזורסקי.

אויף די אלע בריוו לייענען מיר אין „אידישן קאָלאָניסט":

א אָפּענער בריוו

ה' סאַכאַראָוו, פּרעזידענט פון פּ. ק. ענטפערט אויף די פילע בריוו וואָס ער באַקומט יעדן טאָג וועגן קאָלאָניזאַציאָן אין קאָרריענטעס.

ווערטע רעדאַקציאָן פון „יודישער קאָלאָניסט":

COLONIA DORA OCTUBRE 24 DE 1912

SEÑOR PRESIDENTE DE LA

CONFEDERACION AGRICOLA ARGENTINO.ISRAELITA

DOMINGUEZ

MUY SEÑOR NUESTRO

POR LA PRESENTE VENIMOS INFORMARLE QUE HEMOS RECIBIDO LAS 100 BOLSAS DE HARINA QUE LA SOCIEDAD QUE VD TAN DIGNAMENTE REPRESENTA HA TENIDO A BIEN REMITIRNOS .-

REITERAMOSLE NUESTRO PROFUNDO AGRADECIMIENTO POR LA AYUDA TAN EFICAZ QUE EN ESTA OPORTUNIDAD NOS HAN PRESTADO .-

RECIBIMOS DEL MOLINO RIO DE LA PLATA LA FACTURA CORRESPONDIENTE A ESTE ENVIO POR CUYO IMPORTE DE $ 938M/N ACREDITAMOS EN CUENTA DE ESA SOCIEDAD , ROGANDOLE SIN EMBARGO REMITIRNOS A LA FIRMA EL DOCUMENTO QUE NUESTRA SOCIEDAD FIRMARA COMO COMPROBANTE DE ESTA DEUDA CON LAS CONDICIONES DE PAGO E INTERESES USUALES .-

REFIRIENDONOS A SU ATTA NO 171 DE AGOSTO 7 EN LA QUE NOS COMUNICABAN LA ELABORACION DE UN MODELO DE ESTATUTOS PARA TODAS LAS SOCIEDADES COOPERATIVAS , INFORMANDOLE QUE ESPERAMOS LA REMESA DE UNO DE LOS EJEMPLARES PARA PODER PROCEDER LOS NUESTROS .-

SALUDAMOS A VD MUY ATTE S. S. S.

El Presidente

Samuel Levin

מען העלפט ברידער אין נויט. די פעדעראַציע שיקט די הונגערנדע דאָרער קאָלאָניסטן 100 זעק מעל, פאַר וועלכע די קאָלאָניע און איר אָרגאַניזאַציע דאַנקט האַרציק.

שוין א לאנגע צייט ווי איך דערהאַלט יעדן טאָג פילע בריוו פון איינצלנע פּערזאָנען, פון גאנצע קאָמפּאניעס, פון מענטשן פון פארשידענעם סאָציאַלן שטאנד, פארשידענע עלטער און אבגעבונג, בריוו מיט פילע אונטערשריפטן, וועלכע בעטן אומגעדולדיק צו באַקומען א שטיקל פּלאַץ אום זיך צו קענען אָפּגעבן מיט דער שווערער אָבער נאָבעלער ערד־ארבעט.

עס איז קוריאָז ווי דיזע אלע, וועלכע ווענדן זיך צו מיר דענקען, דאָס איך בין א בעפאָלמעכטיקטע פּערזאָן פון אייניקע רעגירונגס־פּראָווינצן דורכצופירן גרויסע קאָלאָניזאַציאָן־פּלענער.

ניט קענענדיק ענטפערן יעדן באַזונדער אויף די פילע בריוו, וועל איך עפנטלעך דערקלערן אין די קאָלומנעס פון אייער געשעצטן אָרגאַן „יודישער קאָלאָניסט", אז איך האָב ניעמאלס און מיט קיינעם טראַטירט וועגן דעם און האָב ניט געגעבן קיין מאָטיוו אזוי צו דענקען. דאָס איינציקע וואָס איך קען זאָגן איז, אז דער „פאָנדאָ קאָמונאל" און די אגריקולטור־געזעלשאפטן פון דער קאָלאָניע אינטערעסירן זיך מער מיט דער לאנד־פראגע פאר אונזערע קאָלאָניסטן, און וועגן דעם איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן א קאָמיסיאָן אין קאָררענטעס צו אונטערזוכן און פעסטשטעלן דיזע אנגעלעגנהייט, און דעם רעזולטאַט וועלן מיר נאכהער באַקאַנט מאכן.

מיט אכטונג: מ. סאבאראָוו.

סאַבאראָוו איז בכלל געוואָרן אן אדרעס פאר אלערליי בקשות, אלערליי שווערע הערצער, אלערליי נויטליידנדע, שטעל־און שטיצע־בעטערס. דאָס פאָלק האָט אין אים געגלויבט, געהאָפט אויף זיין גוטהאַרציקייט, אויף זיין ברייטע האנט, און ער פלעגט יעדן ענטפערן, און אונטערשטיצן און העלפן, ס'רוב בסתר.

ביילאגע.

בריוו־וועקסל צווישן ש. י. הורוויץ און מ. סאכאראוו
בעת דעם פעדעראציע־פעריאד

פון ש. י. הורוויץ

מיר גיבן דאָ איבער דאָס וואָרט דעם הער הורוויץ, דעם וויצע־פּרעזידענט פון דער ערשטער אידישער פעדעראציע, אליין א טיכטי־קער קאָלאָניסט, אינטעליגענט, האָט ער זיך אויך אריינגעוואָרפן מיט אימפּעט אין דער ארבעט צו אָרגאניזירן דעם אידישן אגראריער, טיילט ער זיך דאָ מיט זיינע איינדרוקן פון דער צוזאמענארבעט מיט סאכאראָוון אין דעם פּעריאָד פון 1908-1913:

דער דערמאנטער פּעריאָד, וועלכן מ'קאָן אָנרופן די געבורט און די ערשטע פּאקטישע שריט, וואָס זיינען געמאכט געוואָרן פאר דער פּאריי־ניקונג פון אלע אידישע קאָלאָניעס, צעזייט איבער די פארשידענע פּראָווינצן פון ארגענטינער ערד, און וואָס איז גלייכצייטיק געווען כמעט ווי דער אָנהויב פון סאכאראָווס אינטענסיווער טעטיקייט לטובת דעם אי־דישן קאָלאָניסט אין ארגענטינע, און פאר וועלכן ער האָט געבראכט פאר א קרבן זיין רייכע עקאָנאָמישע עקזיסטענץ, מיט די אלע קאָנסעקווענצן, וואָס דאָס ברענגט מיט זיך.

איך ווייס נישט צי איז נאָך פאראנען עמיצער אין אונזער געזעל־שאפט, וואָס זאָל האָבן אוועקגעגעבן 30 יאָר פון אינטענסיווער ארבעט פאר דער געמיינדע צווישן וועלכע ער לעבט, ווי דאָס האָט געטון דאָן מיגעל (אזוי רופן אים חבריש אלע קאָלאָניסטן).

און זאָל דאָ דערלויבט זיין צו ווידמענען עטלעכע שורות דעם

בראשית פון יובילִיארס געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וואָו מיין ווייני־קייט האָט געהאט דאָס גליק און דעם כבוד אָנטיילצונעמען.

אין 1908 איז דאָס געווען, דאָס הייסט מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען דאָן מיגעל סאבאראָוו מיט זיין שוואָגער דר. נח ירחי ע"ה, וואָס איז געווען היפּש עלטער פון אים, האָבן גענומען די איניציאַטיווע, אין אָנהויב אין דער קאָלאָניע לוסיענוויל־באַסאַווילבאַסאָ און שפּעטער אין די איבעריקע קאָלאָניעס, צו אונטערנעמען א פּראָפּאַגאַנדע־טור אין די אידישע קאָלאָניעס מיטן צוועק צו פאַראייניקן זיי אין איין אָרגאַניזם אויפן געביט פון עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אויסצוגעפונען דעם וועג צו דערנענטערן און פאַרברידערן די צעוואָרפענע קאָלאָניעס מיטאיינאַנדער.

צום צוועק פון דער דאָזיקער נסיעה האָט די קאָלאָניע קלאַראַ גע־ווייִלט פיר דעלעגאַטן:

דר. ירחי, מ. סאבאראָוו, ש. פּוסטילניק און ד. האָראָוויץ, און לוסיענוויל האָט באַשטימט צוויי דעלעגאַטן: דעם שרייבער פון די שורות און הערשל צענטער. אָט די היפּשע דעלעגאַציע האָט דאָס געדאַרפט דורכפירן דעם פּראָפּאַגאַנדע־טור איבער אַלע יק"א־קאָלאָניעס, וואָס איז, אגב אָנגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג פון די גענעראַל־פאַרזאַמלונגען פון ביידע קאָאָפּעראַטיוועס.

זעכצן טעג האָט געדויערט אָט דער טור איבער די דעמאָלט עקזיס־טירנדע קאָלאָניעס מאָזעסוויל, מאַוריסיאָ און ריוועראַ.

דאָס איז געווען א נעשעעניש פון ערשטער וויכטיקייט אינם לעבן פון די קאָלאָניעס. אין אַלע קאָלאָניעס איז די דעלעגאַציע גוט אויפגע־נומען געוואָרן, און די טעג וואָס די דעלעגאַטן האָבן דאָרטן פאַרבראַכט זיינען געווען יום־טוב־טעג. עס זיינען פאָרגעקומען באַראַטונגען מיט די עקזיסטירנדע קאָאָפּעראַטיוועס. דאָן מיגעל סאבאראָוו איז געווען דער, וואָס האָט אין ברייטע שוואונגפולע עקספּאָזעס קלאָר געמאַכט פאַרן קאָ־לאָניסטישן עולם דעם געדאַנק פון פאַראייניקונג. פונדעסטוועגן איז דאָס נישט צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק. אין קאָלאָניע מאָוריסיאָ איז געווען א

סטעמפּל פון א קאָאָפּעראַטיווע, קיין לעבעדיקע אינסטיטוציע האָט אָבער נישט עקזיסטירט. אין מאָזעסוויל איז די „מוטוא אגריקאָלא" אלט געווען ערשט א פּאָר יאָר און זיי האָבן צוליב ריין טעכנישע טעמים זיך נישט געוואָלט אָנשליסן אין דער געפּלאַנטער פעדעראַציע. אין ריווערא איז איבערהויפּט נישט געווען קיין קאָאָפּעראַטיווע. דאָך האָבן די לייטנדע פּערזאָנען פון יענער קאָלאָניע: — דער פארשטאָרבענער מ. טשארני, בראָדסקי, א. שליאַפּאָקאָף און א. באב זיינען געווען באגייסטערטע אָנהענגער, — זיי געגעבן דעם פייערלעכן צוזאָג, אז אזוי באלד ווי די קאָלאָניע וועט זיך אָרגאניזירן וועלן זיי זיך אָנשליסן.

דער טור פון דער דעלעגאציע איז געווען ווי א מין זאָנדירונג פון באָדן. צו קיין פּראַקטישעם איז נישט געקומען, אָבער די זריעה פאַר דער אידעע איז געוואָרפן געוואָרן, ווייל דאָן מיגעל סאבאראָוו האָט שוין נישט גערוט, אז פון דעם פּלאַן זאָל ווערןווירקלעכקייט.

אין 1910 איז גערופן געוואָרן דער ערשטער קאָלאָניסטישער קאָנגרעס אין בוענאָס איירעס (בכלל דער ערשטער אינטערפּראָווינציעלער צוזאמענקונפט פון אידן אין ארגענטינע) און גערופן געוואָרן איז דער קאָנגרעס מיטן אויסרעכנונג אויף א היפּשן פּארנעם, אין א גרויסן סאלאָן, מיט א פייערלעכער דערעפענונג, צו וועלכן ס'זיינען איינגעלאַדן געוואָרן די אידן פון בוענאָס איירעס, און ספּעציעל דעם דירעקטאָר פון „לא נאציאָן".

בלי ספק איז דער דאָזיקער באשיידענער קאָנגרעס פון דער געגרינדעטער „קאָנפעדעראציאָן אגריקאָלא ארכענטינא איזראעליטא" מיט דעם אָנטייל פון די קאָלאָניעס קלארא, לוסיענוויל און ריווערא, א פּאסירונג פון היסטאָרישער וויכטיקייט.

פון דעם מאָמענט, וואָס די פאריייניקונג איז צושטאַנד־געקומען, האָט סאבאראָוו אויסגעאיבט זיין גאנצן איינפלוס, אז די פעדעראציע זאָל טאָקע ברענגען פּאָזיטיווע נוצן. חוץ זיין שטענדיקע באשעפטיקונג אלס פּרעזידענט פון פאָנדאָ־קאָמונאַל, און זיין אייגענע באלעבאטישקייט, וואָס איז געווען פון גאנץ באדייטנדן פּארנעם, א ווירטשאפט, וואָס האָט געפאָדערט זיין טאָג־טעגלעכע אויפמערקזאמקייט, האָט ער אויסגענוצט

יעדע געלעגנהייט צו ווידמענען זיין גאנצע צייט און ענערגיע פאר דער פעדעראַציע, וואָס האָט געדאַרפט דינען פאר דער צעמענטירונג פון די אידישע קאָלאָניסטישע מאסן.

אין די ווייטערדיקע שורות ברענגען מיר אויסצוגן פון בריוו פון דאָן מיגעל סאבאראָוו צום שרייבער פון די שורות. מיר טוען עס צוליבן מאָטיוו, וואָס סאָבאראָוו איז א פארעקשנטער נישט וועלער צו רעדן צום פובליקום דורכן געדרוקטן וואָרט, טראָץ דעם וואָס אין זיינע פריוואטע בריוו איז פאראן א שלל פון אידעען, און באגייסטערנדע רייד.

אין א בריוו פון דעצעמבער דעם 9־טן, 1910, שרייבט מיר דאָן מיגעל צווישן אנדערעס:

„איך האָט שוין זיכער דערהאלטן דעם נומער 22 „דער אידישער קאָלאָניסט", וואו מיר האָבן איינגעפירט א ספעציעלע סעקציע פאר דער קאָנפעדעראציע. חוץ דעם האָב איך געלאָזט אָפּדרוקן א געוויסע צאָל פון פראָפאַגאנדע־בלעטלעך אין דער שפאנישער שפראך, איך וועל דאָס לאָזן איבערזעצן אין אידיש, און ווי נאָר עס וועט ווערן אָפּגעדרוקט, וועל איך אייך אריינשיקן אלס פראָפּאַגאנדע־מאטעריאל...

„עס שטערט מיר דאָס וואָס איך בין לעצטנס נישט געזונט, אָבער מ'דאַרף נעמען די זאכן ווי זיי זיינען, און קיינמאָל זיך נישט אנטמוטיקן...

„איך האָב די טעג געשריבן א בריוו (דערווייל אין נאָמען פון פ. קאָמונאַל) צו א דעפּוטאט פון קאָריענטעס, וועלכער האָט זיך געווענדעט צו מיר וועגן קאָלאָניזאציע־ענינים אין יענער פּראָווינץ. דאָס איז אן ענין פון גרויס אינטערעס און וויכטיקייט, וואָס דאַרף ווערן באהאנדלט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט...

„וואָס אנבאלאנגט סטאטוטן פאר דער „קאָנפעדעראציע" האָב איך שוין וועגן דעם געוויסע אידעען, און איך רעכן אזוי באלד ווי מיר וועלן זיך באפרייען פונם עול פון די קאָסעטשעס, וועלן מיר איינאָרדנען א קליינע פארזאמלונג, כדי ארומצורעדן, וואָס מיר דאַרפן טאָן אין דער צוקונפט."

(אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיקן בריוו זאָל דאָ ווערן דערמאַנט, אַז אין חודש יולי 1911 האָט אַ דעלעגאַציע אין באַשטאַנד פון דר. ירחי, מיגעל סאַכאַראָוו, לעאָן סידי, מ. טשאַרני, סימאָן ווייל און ש. י. הורוויץ געמאַכט אַ וויזיט דעם דעמאָלטסדיקן גובערנאַטאָר פון קאָרענטעס, וואָס האָט געהאַט בדעה צו געבן געוויסע פּריווילעגיעס פאַר אַ קאָלאָניזאַציע פון אידן אין יענער פּראָווינץ).

פון אַ בריוו פון 13־טן אַפּריל 1911:

„איך בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַר די אידעען און איניציאַטיוועס, וואָס איר שלאָגט פאָר אין אייער בריוו. ווירקלעך, אויך איך בין איבערצייגט, אַז ס'איז גאָר ווייניק געטון געוואָרן פאַר דער פעדעראַציע זינט דער צייט, וואָס מיר זיינען געווען אין בוענאָס איירעס. אָבער וואָס ס'זאָל נישט זיין, מוז מען אומבאַדינגט עפּעס אָנהויבן טאָן. וואָס אַנבאַלאַנגט מיר, וועל איך דערפילן מיין פליכט.

„לעצטנס, צוליב די טאָג־טעגלעכע באַשעפטיקונג אין פאַנדאָ קאָמונאַל: שניט־צייט, איינמאָנונג פון די חובות און באַלד באַלאַנס, דאָך האָב איך פיל נאָכגעטראַכט וועגן אונזער פעדעראַציע.

„אין נאָמען פון דער פעדעראַציע האָבן מיר עפּעס געטאָן פאַר דער קאָלאָניע ריווערא. זיי האָבן מיך אַרויסגערופן טעלעגראַפיש קיין בוענאָס איירעס, און דער רעזולטאַט פון אונזער אַקטואַציע איז געווען, אַז מיר האָבן באַקומען אַ פּאַרזיי־קרעדיט ביי דער יק"אַ פון 70.000 פּעזעס, אויף אויסצוצאָלן אין פיר יאָר, די זעלבע באַדינגונגען ווי די הלוואות פאַרן פאָנדאָ קאָמונאַל... דערמיט איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אַ קליינער מאָס צו באַקומען אַ קרעדיט אויף לאַנגע טערמינען...

„מיין ביטע צו דער יק"אַ־דירעקציע צו פאַרהאַנדלען איבער דער סיטואַציע פון ריווערא איז געגאַנגען אין נאָמען פון אונזער פעדעראַציע, און דאָס איז פאַר דער דירעקציע געווען אַ נייער פאַל. דאָך, נאָך אַ קליינער אויפקלערונג, האָבן זיי אונז באַגריסט, און געוואונטשן פּרוכטבאַרע און סאָלידע טעטיקייט.

„איך האָב באַקאַנט געמאַכט מיט אונזערע אידען דעם ערשטן „מוטואַליסטישן דרום־אַמעריקאַנישן קאָנגרעס“, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין סאַן פּאַולאָ, בראַזיל, אין חודש מערץ; דער דאָזיקער קאָנגרעס האָט ממש באַגריסט אונזער איניציאַטיווע זיך צו פאַרייניקן. איך האָב אויך צושיקט צירקוליאַרן צו אונזערע דעלעגאַטן, כדי זיי זאָלן באַקומען קלאָרע באַגריפן איבער די וויכטיקע פּראָבלעמען, וועלכע דאַרפן ווערן באַהאַנדלט צוזאַמען מיט דער קאָמיסיע, וואָס קומט פון פּאַריז...“

בריוו פון 2־טן יוני, 1911:

„מיר האָבן היינט באַקומען אַ טעלעגראַמע פון ריוועראַ. זיי האָבן באַשטימט אַלס דעלעגאַט אין דעם שליחות קיין קאָריענטעס דעם חבר מ. טשאַרני. איך ווייס גוט, אַז איצט איז אָנגעשטרענגטע אַרבעט אין פעלד, און דערפאַר האָב איך די ענינים נישט צוגעאײַלט. אָ, ווי איך באַדויער, וואָס מיר וואוינען אַזוי ווייט איינער פון אַנדערן. פיל מאָל האָב איך אַזאַ שטאַרקן וואונטש צו זיין צוזאַמען און שמועסן מיט די חברים און פריינט, בייטן אידעען, אויסאַרבעטן פּראָגראַמען און פּראָיעקטן... אָבער די דיסטאַנץ דערהרגעט אינגאַנצן. איך פיל אמתן ווייטיק, ווען איך גיב זיך אָפּ רעכנונג וויפיל צייט מיר קומט אויס צו פטרן מיטן שטענדיקן אַרומפאָרן אין דער „וואָלאַנטע“ צו קענען בייקומען די אומענדלעכע ווייטקייטן...“

בריוו פון 21־טן יוני, 1911:

„פאַר אַלעמען שיק איך אייך אַ קאָפּיע פון אַ בריוו פון דער מאָזעסווילער „מוטוא אַגריקאָלאַ“. דאָס איז אַ וויכטיק געשעעניש. די „מוטוא אַגריקאָלאַ“ בעט מען זאָל זי אַריינעמען אַלס מיטגליד אין דער פעדעראַציע. דאָס איז אַ געוואַלטיקע פּאַסירונג, וואָס באַווייזט אין גענוגענדער מאָס די לעבנס־פעאיקייט פון אונזער אידעע זיך צו פאַרייניקן. אונזער פעדעראַציע איז געשאַפן געוואָרן אין דעם סאַמע דרינגענדסטן מאָמענט...

„איצט איז קיין שום צווייפל, אז ס'וועט נישט לאַנג דויערן און די קאָלאָניע מאוריסיאָ וועט אויך בייטן איר מיינונג, ווען די פעדעראַציע וועט נאָר אריינטרעטן אין דער פּראַקטישער פאַזע פון ארבעט...

„די פּאַקטישע מעשים פון דער פעדעראַציע וועלן אימפּאָנירן רעספּעקט צו איר. אפילו די יעניקע גלייכגילטיקע קאַלטע, וואָס שטייען ביי זייט, זיי וועלן זיך מוזן פאַרבויגן פאַר דער פּרוכט־באַרער און לשמהדיקער ארבעט, וואָס וועט אַלעמען צוציען מיט דער נאַטירלעכער אַטראַקציע־קראַפט.

„איך האָב היינט געשריבן אָפיציעל אין „פּאַריין" (באַסער קאָאָפּעראַטיווע), אז די נסיעה קיין קאָריענטעס וועט פאָרקומען אין דער ערשטער העלפט פון מאָנאַט יולי, דעם גענויעם דאַטום וועל איך טעלעגראַפירן.

„ווען אייערע באַמערקונגען צו אונטערזוכן די פאַרגעשלאָגע־נע לענדערייען אין קאָריענטעס, בין איך מיט דער מיינונג, אז דערוויילע דאַרף אונזער רייזע טראָגן נאָר א רעפּרעזענטאַטיוון כאַ־ראַקטער פאַר דער קאָריענטעסער רעגירונג, דורכשמועסן זיך מיט זיי, איינשטעלן פּרעלימינאַרע באַציאונגען פאַר א מעגלעכע קאָלאָ־ניזאַציע אין יענע ראַיאָנען. אָט דערפאַר, ווייזט מיר טאַקע אויס, אז פון אייער קאָלאָניע וואָלטן געדאַרפט פאָרן צוויי פּערזאָן, ווייל יעדער נאָענטער קאָנטאַקט, די קעגנזייטיקע באַזוכן פון פאַרשידע־נע פּערזאָנען און פאַרשידענע קאָלאָניעס, זיינען שטענדיק פון גרויסן נוצן פאַר אַלעמען. די דיסקוסיעס, געשפּרעכן, די אונטער־האַנדלונגען מיט מלוכהשע פּערזאָנען, טראָגן א דערציערישן כאַ־ראַקטער פאַר אונז אַלעמען. עס גיט אונז גלאַנץ, עס באַרייכערט אונז מיט א גרעסערער פּראַקטיק, עס מאַכט אונז גייסטיק רייפער. אין איצטיקן יאָרהונדערט דאַרף מען נישט זיך איינשליסן אין זיינע דל"ד אמות, נישט ווייזן זיך פאַר דער וועלט, און נישט קומען אין באַציאונגען מיט דער ברייטער וועלט. מיר וועלן גיין האַנט ביי האַנט, אם ירצה השם „סי דיאָס קיערע", ווי ס'זאָגט דער

Damos a continuación la carta que ha recibido el Fondo Comunal del Señor Augusto Wybert Diputado en Corrientes respecto la colonización en aquella provincia.

Corrientes, Diciembre 7 de 1910

Sr. M. Sajaroff
Presidente del Fondo Comunal de la Col. Clara.
Est. Dominguez. (E. R.)

Muy Señor mío.

Me es agradable acusar recibo de su estimable de la fecha 29 de Noviembre ppdo.

Según élla no han llegado á su poder los impresos que me permití enviar á Vd vez pasada y como deseo que la Sociedad que Vd. dignamente preside se imponga del pensamiento del Gobierno de esta Provincia le adjunto nuevamente los impresos referidos que contienen la ley de colonización que hemos dictado y la de expropiación de las tierras que se destinarán á la fundación de colonias agrícolas En mi anterior le expliqué detenidamente lo que deseamos hacer, que no es otra cosa que atraer gente laboriosa para formar centros agrícolas en la Provincia, proporcionando la tierra en condiciones ventajosas para que los colónos puedan adquirirla y radicarse en ella definitivamente.

Estas tierras son aptas para la agricultura y estan situadas sobre la línea del Ferro Carril N. E. Argentino.

Son tierras que no tienen casi diferencia con la del Norte de Entre Rios, y las condiciones en que se les dará a los colonos no pueden ser más liberales desde que no será en arrendamiento sino en venta y á pagarla en diéz anualidades de modo que el colono laborioso puede, con solo el rendimiento anual de su lote, hacer frente al pago de las anualidades y terminar por arraigarse definitivamente.

Preferiríamos colonos que tengan algúnos años de residencia en Entre Rios, pues esos conocen ya la calidad de las tierras y las bondades del clima, de manera que no perderán tiempo en hacer experiencia.

Estimaréle se sirva hacerme conocer las resoluciones que con respecto á esto tome el Consejo Directivo.

Con tal motivo reiterole las seguridades de mi mayor consideración.

Augusto Wybort.

דער בריוו פון דעפוטאט אויגוסטאָ וויבערט, וועלכער האָט געוואָלט האָבן די דערפאַרענע אידישע קאָלאָניסטישע זין אַלס קאָלאָניזאַטאָרן אין דער פּראָוו. קאָריענטעס,
פאַרעפנטלעכט אין „יודישן קאָלאָניסט״.

קריאָזשע. אלזאָ, פון פּאַנדאַ קאָמונאל זיינען מיר פיר דעלעגאַטן, פון לוסיענוויל צוויי, און פון ריווערא איינער. קיין מאָזעסוויל האָב איך שוין געשריבן וועגן דער רייזע.

„ווי דו זעסט, פריינט, איז דער קליינער אינטערוואל צווישן איין צוזאמענפּאָר און דעם אַנדערן נישט געגאַנגען לאיבור. גרויסע זאכן מאכן זיך נישט אין איילעניש. זאָלן שרייען די אומגעדולדי־קע, זאָלן מאכן לעכערלעך די שונאים. דאָס אַלץ איז גאָרנישט: מיר וועלן דאָס גרינג אריבערטראָגן. אָבער דאָס וואָס איז דרינגענד נויטיק, אז ס׳זאָלן דערוואכן די גלייכגילטיקע. זאָלן די פריינט פלייסיק שטודירן אַלץ, וואָס ס׳האָט אַ שייכות צו דעם געמיינזאַמען ווערק, אום אויסצומיידן מעגלעכע טעותים. פאַר דעם, מיין פריינט, דאַרף מען האָבן צייט, צייט, און ווידער צייט!.. גוט, איך פאַרענ־דיק דאָס מאָל: עס איז שוין נאָך האלבע נאכט.”

בריוו פון אַפּריל־סעפּטעמבער, 1911:

„דו ווייסט שוין זיכער, אז איידער איך בין ארויסגעפאָרן פון בוענאָס איירעס האָב איך געהאט אן אינטערעסאַנטן שמועס מיטן אגריקולטור־מיניסטער, וועלכער האָט זיך געוויזן זייער גוט גע־שטימט פאַר אונזער איניציאַטיוו. ער האָט מיר געגעבן זיינס אַ וויזיט־קאַרטל צו דעם ביוראָ „טיעררא‌ס אי קאָלאָניאַס”, וואו איך האָב מיך געגוי דערקונדיקט איבער די פיסקאַלע לענדערייען.

„איך וויים נישט אויף וואָסערע וועגן מ׳ווייסט שוין איבע־ראל וועגן אונזער פעדעראַציע. עס זיינען שוין אָנגעקומען אָפּער־טעס וועגן לענדערייען פון קאָריענטעס, און פון צפון־ענטרע־ריאָס. מען באָט אונז אָן אַ שטיק לאַנד פון 27.000 העקטאַר, און א צווייטס פון 1885 העקטאַר. מיר וועלן שרייבן איבער דעם דער יק״א־דירעקציע. מיר האָבן נאָך גאָרנישט אויפגעטאָן און מ׳האלט אונז שוין פאַר עפּעס.

„עס ווייזט זיך ארויס, אז ס׳קומט אָן פיל גרינגער באקאַנט צו ווערן אין דער אויסן־וועלט, און זייער שווער צווישן אונזערע

אייגענע קאָלאָניסטן, זיי זאָלן אונז נעמען ערנסט. איך רעד, דער־קלער עס אַלעמען, לויט מיינע מעגלעכקייטן. איך בעט זיי נאָכצו־קומען מיט דער צאָלונג פון די באשיידענע זיבן פעזעס, כאָטש מען זעט דערוויל נאָכנישט קיין באַלדיקע נוצן. און דאָ ליגט דאָך טאַקע דער סעקרעט פון דערפאָלג: פריער מוז מען מאַכן אָנשטרענגונגען, כדי שפּעטער דערגרייכן דעם אָדער יענעם הויכן צוועק.

„דער פאַרקערטער מעטאָד, צוזאָגן די קאָלאָניסטן באַלדיקע נוצן אויף צו באַקומען זייער צושטימונג, אָדער זייער ענטוזיאזם פאַר דער זאַך. לויט מיין קריטעריום איז דאָס זייער שעדלעך, כאָטש אין א געוויסער מאָס באַקוועם. איך, לכל הפחות, היט מיך שטאַרק פון דעם וועג, פון אויבערפלעכלעכע עפעקטן.

„איידער איך גיי איבער צו א צווייטן פונקט, וויל איך אייך מיטטיילן, אז ביי מיין געזעגענען מיט דער יק"א־דירעקציע, האָב איך זיי פאָרגעגעבן די אידעע, אז ס'וואָלט געוואונטשן געווען, זיי זאָלן געבן דער פעדעראַציע די געלעגנהייט צו מאַכן . פּרואוו מיט דער קאָלאָניזאַציע פון קאָלאָניסטישע זין. און פאַר דעם דאָזיקן צוועק זאָל זי אָפּגעבן דער פעדעראַציע א שטח לאַנד, וואָס זאָל זיין גענוג צו קאָלאָניזירן 20—25 קאָלאָניסטישע זין, זאָל עס זיין אין דער קאָלאָניע קלאַרא אָדער אין אן אַנדערער קאָלאָניע, וואו זי האָט נאָר דיספּאָניבעל לאַנד. און דאָ וואָלט מען געקאָנט זעען אויף וויפיל די עלטערן וואָלטן געקאָנט העלפן זייערע קינדער, און וויפיל די קינדער זאָלן זיך אליין העלפן, און מיט וויפיל די אינ־סטיטוציעס קענען ביישטייערן צו דעם דאָזיקן צוועק.

„דער ענין איז אן און פאַר זיך אינטערעסאַנט, און ס'האָט אפילו געפונען חן אין די אויגן פון דעם דירעקטאָר מאָס. פאַר־שטענדלעך, האָב איך מיט זיי גערעדט אין מיין אייגענעם נאָמען. אָבער די אידעע איז זיי געפעלן געוואָרן. איך האָב אויך וועגן דעם איבערגערעדט מיטן ה' עטינגער. איך מיין, אז וועגן דעם וועלן מיר מוזן רעדן ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט."

בריוו פון 27־טן סעפּטעמבער, 1911:

„וואָס אנבאלאנגט די שוועריקייטן וואָס דער הער נ. און די זייניקע וואָלטן געקאָנט פּאראורזאכן אין דעם גאנג פון אונזער ארבעט, האַלט איך עס נישט פאר זייער ערנסט, כדי צוצוגעבן דעם א געוויסע חשיבות. דאָס זיינען נאַטירלעכע געשעענישן, אייגנטימלעך יעדער סאָציאַלער באוועגונג. און דערצו זיינען עס קליינלעכע זאכענישן און פארבייגייענדע. איך פארליר נישט די האָפנונג צו זעען די אַלע פיינטלעך־געשטימטע עלעמענטן פון היינט, אז מאָרגן זאָלן זיי זיין אין אונזערע רייען, אלס גוטע קעמפער פאר אונזער געמיינזאמער זאך.

„וואָס איך בין פאָלשטענדיק איינפארשטאנען מיט אייך איז, אז אונזער פּראָפּאגאנדע מוז זיין א זייער אקטיווע. איך האָף, אז די פעדעראציע וועט ווי געהעריק לייגן איר סטעמפּל אויף אַלע זאכן, וואָס ווערן אונטערגענומען."

איידער מיר גיבן דעם וויטערדיקן אויסצוג פון א בריוו פון דאָן מיגעל סאכאַראָוו, האַלטן מיר פאר נויטיק צו מאכן פאָלגענדע דערקלערונג: אין יאָר 1911 האָט פאסירט אן אומאנגענעמער אינצידענט מיט א לערער פון א יק"א־שול, וואָס האָט אויפגעבראַזט אַלע קאָלאָניעס. מיגעל סאכאראָוו אין נאָמען פון פּאַנדאָ קאָמונאַל איז ארויסגעטראָטן מיט אן אָפענעם בריוו צו דער יק"א, וועלכע האָט איבערגעלאָזט א גרויסן איינדרוק אויף אונזער ישוב און אויך אין פאריז.

דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם בריוו פון 25־טן אפּריל, 1912, וועלכער אנטהאַלט א קאָפּיע פון א קאבעל־ראם פון פאריז צו דער בוענאָס איירעסער יק"א־דירעקציע, אז זי זאָל דאָס מיטטיילן דעם פּאַנדאָ קאָמונאַל:

„די יק"א האָט אונז איבערגעשיקט א קאבלעגראם פון פאריז, וואָס אין גרונד גענומען, לויט מיין קאָנצעפּט, שטעלט עס פאָר א מאָראַלישן טריאומף פארן פּאַנדאָ קאָמונאַל און אירע מיטגלידער. איך שיק אייך, פריינט הורוויץ, דעם פאָלגענדן טעקסט פון קאבלעגראם:

„מיר מיינען אז די סיטואציע געשאפן דורכן פאָנדאָ קאָמונאל דארף תיכף ווערן אָפגעשטעלט. מיר האלטן פאר נויטיק, סיידן א נייע מעלדונג פון אייך (פון די דירעקטאָרן מאס און ווענעציאני) דארפט איר מיטטיילן באלד און אָפיציעל זייער פארוואלטונג, — אז אונזער גענעראל־דירעקציע בעט א באלדיקן אָפשטעל פון די אטאקעס פון פאָנדאָ קאָמונאל און זיין אָרגאן „דער אידישער קאָלאָניסט". אין קעגנטייל וועלן מיר זיין געצוואונגען איבערצורייסן אונזערע באציאונגען אויפן עקאָנאָמישן געביט און אויך אויף אנדערע געביטן. מעלדעט אונז תיכף, צי דער פאָנדאָ קאָמונאל און דער „אידישער קאָלאָניסט" שטימען צו, צו דעם וואָס מיר בעטן. די לייטונג אין בוענאָס איירעס האָט שוין די נויטיקע אינסטרוקציעס אויף ווידער אָנצוקניפּן באציאונגען מיטן פאָנדאָ קאָמונאל און צו פארגלייכן דעם איצטיקן סיכסוך."

„אָט דאָ האָט איר די בארימטע דעפּעשע, וואָס איז געוואָרן דיסקוטירט ביי אונז אויף א זיצונג פון דער פארוואלטונג און אויף א גענעראל־פארזאמלונג פון פאָנדאָ קאָמונאל. עס איז געוואָרן באַשטימט צו שיקן א דעלעגאציע קיין בוענאָס איירעס, איידער מ'וועט ענטפערן אויף דער קאבלעגראמע, כדי אויסצומיידן עס זאָל ליידן דער כבוד פון פ. קאָמונאל.

„איך זאָג זיך אָפּ אָנטיילצונעמען אין דער דערמאנטער קאָמיסיע. די פארוואלטונג באשטייט דערויף איך זאָל פאָרן. ביז איצט האָב איך נאָך נישט אָנגענומען קיין שום באשלוס. אויב איך וועל פאָרן, וועט עס נישט זיין צו בויגן די קאָאָפּעראטיווע, נאָר צו איבערצייגן די יק"א־דירעקציע, אז ס'איז אומבאדינגט נויטיק, אז אויף ווייטער זאָלן ווערן שטודירט און באהאנדלט אלע ערנסטע פּראָבלעמען פון אלע קאָלאָניעס, נישט דורך פּשוטע באפעלן, ציר־קוליארן און דעקרעטן פון אויבן, ווי עס פירט זיך איצט, נאָר דורך קאָלעקטיאלע באציאונגען, דאָס הייסט, שטודירן פריער מיט די פאָרשטייער פון די קאָלאָניעס, און מיט געמיינזאמען איינפארשטענדניש מיט זיי אָננעמען רעזאָלוציעס.

„ביי דעם פאַל וואָלט די פעדעראציע געקאָנט פיל העלפן. איך האָב שוין געשריבן וועגן דעם דער יק"א־דירעקציע, און וועל זיי דאָס אויך זאָגן מיטן פולן מויל. נאַטירלעך וועט די דירעקציע נישט וועלן הערן, אָבער דאָס וויל נישט זאָגן, אַז מיר דאַרפן זיך אָפּהאַלטן דערפון אויסצודריקן אונזערע וואונטשן שריפטלעך אויף דעם קומענדיקן צוזאַמענפאָר פון דער פעדעראציע, און איבערשיקן קיין פאַריז. איך בין נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער טומלער, איר ווייסט עס גוט, פריינט הורוויץ, איך בין נישט קיין שוויצער, קיין ביטריאַק, איך בין געניגט אויף טויזנטערליי קאָנצעסיעס, אַבי צו דערגרייכן דעם טריאומף פאַר אונזער זאַך. אָבער מיינע קעגנער (וואָס פעלן נישט אין די קאָלאָניעס), מיינען אַז די פאַרבעסערונ־גען, רעפאָרמען, אויב מ'באַקומט זיי נישט אָן א קאַמף, זיינען זיי גאָרנישט ווערט. אָבער ווער ווייס דען נישט, אַז די וואָס קעמפן קענען אויך פאַלן, מ'דאַרף אָבער זיך קענען אויפהויבן!..

„גוט, איך האַלט אַז דער „אָפענער בריוו" און די באַקומענע קאַבלעגראַמע, עפנט פאַר אונז א ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון די קאָלאָניעס. און אויב אייניקע ווילן זען אין דעם, אַז איך האָב באַקומען א פּאַטש, אַקצעפּטיר איך אים, אָבער נאָר פאַר זיך, די קאָלאָניעס אָבער געווינען מיט דעם זייער פיל. מאָראַליש האָבן זיי שוין פיל געווינען. אויך מאַטעריעל וועלן זיי האָבן נוצן. ווער ס'וועט לעבן, וועט זען!"...

בריוו פון 3־טן יוני, 1912:

... „דער פּאָנדאָ קאָמונאַל גייט אָן מיט זיין געוויינלעכער אַרבעט, כאָטש מיט טויזנטער שוועריקייטן. אָבער איר ווייסט דאָך, מיר זיינען גענוי: פאַרהאַרטעוועט, קעגן אַלע מכשולים. אָנהויב פאַרגאַנגענעם מאָנאַט, זיינען מיר (איך, ה' סאַס און פרידלאַנד) געווען אין בוענאָס איירעס ביי דער יק"א־דירעקציע, איך האָב אַי־בעראַנייעס זיך צעהרגעט מיט זיי, אויף אַזוי פיל, אַז איך האָב מיט א קלאַפּ אין טיר פאַרלאָזט דאָס ביוראָ פון די דירעקטאָרן,

מיטן אבזיכט איבערצורייסן איינמאָל פאר אַלעמאָל אונזערע באַ־ציאונגען מיט זיי, לויט מיין מיינונג זיינען זיי דערנידריגענד פאר פאר די מענטשן, וואָס האָבן אביסל רעספעקט פאר זיך אַליין.

„איך האָב זיי דאָס געזאָגט, און איך האָב זיך צוריקגעצויגן מיטן ערנסטן אבזיכט צו פארשוואונדן פון „פּאָליטישן האָריזאָנט", אָפּוואַרטנדיק בעסערע צייטן, כדי צו פאַרווירקלעכן אונזערע אי־דעען פאר אונזערע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. אָבער אונזערע דירעקטאָרן האָבן נישט דערוואַרט, ווייזט אויס, אַז די זאַך זאָל נעמען אַזאַ מין ריכטונג. און ס'האָט נישט געדויערט קיין שעה, האָב איך געטראָפן אין מיין האָטעל דעם ה' ליבאָוויטש, וועלכער לויטן אויפטראַג פון די דירעקטאָרן איז ער געקומען מיך איבער־צייגן, אַז מ'דאַרף זיך אומקערן אין דער דירעקציע. איך האָב נישט נאָכגעגעבן, און האָב זיי צוגעשיקט אַ בריוו, מאָטיווירנדיק מיין באַשלוס זיך צוריקצוציען פון דער עפנטלעכער אַרבעט, צוליב די טיפע מיינונגס־דיפערענצן, וואָס הערשן צווישן מיר און דער יק"אַ־דירעקציע. איך האָב געבעטן מיין מיינונג וועגן דעם איבערגעבן קיין פּאַריז...

„מיט דעם האָב איך גערעכנט, אַז דער אינצידענט איז פאַר־ענדיקט, און איך האָב אויפריכטיק געדענקט, אַז זיי וועלן מיך לאָזן צורו. אָבער אַזאַ אויסגאַנג האָט נישט באַפרידיקט די דירעק־טאָרן, דעם זעלבן נאָכמיטיק האָב איך געטראָפן אויפן טיש פון מיין האָטעל אַ בריוו פון דער דירעקציע, אין וועלכן זיי שרייבן, אַז זיי וואָלטן זייער באַדויערט מיין צוריקציען זיך פון די געזעל־שאַפטלעכע אַרבעטן... און אין אָנקלאַנג מיט מיין וואונטש, וועלן זיי מיין בריוו איבערשיקן קיין פּאַריז...

„דאָס וואָס איך דערצייל אייך דאָ, איז נישט כדי זיך פאַר אייך צו באַרימען מיט מיינע אויפטוען, נאָר מיטן צוועק אייך מיטצוטיילן אַז קעמפנדיק האַלט מען כאָטש אָפּ אַ מאָראַלישן נצחון, צווינגענדיק די דירעקטאָרן, אַז זיי זאָלן אָנערקענען, אַז סוף

כל סוף זיינען די קאָלאָניסטישע געזעלשאַפטן נישט קיין פּשוטע שנאָרערס פון חסדים, און די דירעקטאָרן זיינען די בעלי־טובה־ניקעס. איך האָב תמיד געזוכט זיי צו איבערצייגן, אַז ביידע צדדים דאַרפן קעגנזייטיק זיך מיטהעלפן פאַרן זעלבן צוועק, אויף א דע־מאָקראַטישער באַזע, און די געזעלשאַפטן זאָלן נישט רעדוצירט ווערן צו פּשוטע אונטערגעאָרדענטע, צו דירעקטאָרן וואָס באַפעלן...

„איידער איך בין אָפּגעפאָרן פון בוענאָס איירעס, האָב איך זיך געזעגנט מיטן דירעקטאָר הער מאָס (ווענעציאַני איז אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע), און אַזוי זיינען צוריקגעשטעלט געוואָרן אונזערע אָפיציעלע באַציאונגען.

„איצט הענגט אָפּ איגאַנצן פון אונזער געדולד און אויס־דויער אין דער אַרבעט. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז די סיטואַציע אין אונזערע קאָלאָניעס איז אַן אומגעהויער שווערע, און דערפאַר מיט מער רעכט, דאַרפן מיר פאַרייניקן אונזערע כוחות אויף צו לייזן דעם קריזיס. די צייט וועט אַלץ ווייזן. מיר דאַרפן נאָר נישט זיך פאַרלירן, צוליב די שוועריקייטן פונם מאָמענט.״

דאָס יאָר 1913 איז געווען פאַר די אידישע קאָלאָניעס, א יאָר פון א שרעקלעכן עקאָנאָמישן קריזיס. יעדע קאָלאָניע איז געווען פאַרטון אין אירע צרות, און צו די קאָלאָניסטן וואָלט מען געקאָנט אָנווענדן דעם ביבלישן זאַץ: „מרוב עבודה ומקוצר רוח״... האָבן זיי פאַרלוירן יעדן אינ־טערעס פאַר איניציאַטיוועס, וואָס געהערן זיך נישט אָן צו זייער ענגער אויפפאַסונג.

אין יענע יאָרן האָט עס שוין כמעט געהאַלטן דערביי, אַז דער גאַנ־צער בנין פון יאָרן צו אָרגאַניזירן די אידישע קאָלאָניעס אין קאָאָפּעראַ־טיוועס, וועלכע זיינען שוין געווען פעסט צעמענטירט, זאָל מיט א קראַך אונטערגיין.

דער צושטאַנד וואָס האָט דאַן געהערשט, איז געווען: נישט גע־לעבט און נישט געשטאָרבן.

די יקא איז אַלאַרמירט געוואָרן, און האָט צונויפגערופן אַ פאַר־זאַמלונג פון קאָלאָניסטישע פאָרשטייער, אום צו זוכן מיטלען ארויס־צוראַטעווען די איבער אַ מיליאָן פּעזעס, וואָס זיינען געוואָרן צעטיילט אין די פארשידענע קאָלאָניעס, אלס לאַנגטערמיניקע קרעדיטן. און דאַ־מאָלס האָט זי זיך טאקע באַוואָרנט: זי האָט איבערגענומען די קאָלאָ־ניסטישע וועקסלען פון די קאָאָפּעראַטיוועס און האָט זיי. איינקאסירט אלס פּריווילעגירטער חוב.

דער בריוו־טויש צווישן מיר און פריינט סאַבאַראָוו איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען. אָבער דער ענטוזיאַזם איז געווען אַ געבראָכענער. די גע־מיינזאַמע אָנשטרענגונגען אויפצוהאַלטן דאָס ביז דאַן אָפּגעטוענע, איז אַריינגעפאַלן אין אַ הינטער־פּלען. פאָלגנדער אויסצוג פון אַ בריוו פון דאָן מיגעל, אלס אַן ענטפער אויף מיינס אַ בריוו ציינט, אין וואָס פאַר אַ שווערן צושטאַנד די גאַנצע זאַך האָט זיך געפונען.

בריוו פון 15־טן נאָוועמבער 1913.

זייט אַ וואָך, ווי איך האָב דערהאַלטן אייער בריוו, אַז איך מיטן ה' עמבוים וועלן מיר מאַכן אַ וויזיט, ווייזט אויס, אַז די רעגנס האָבן איבערגעשלאָגן. איך וואַרט אָבער שטענדיק אויף איי־ער באַזוך אויסצושטרעקן אייך אַ חברישע האַנט, און בייטן אי־דעען וועגן דער מעגלעכקייט אויפצולעבן די איינגעשלאָפענע גע־מיינזאַמע ארבעט, אָדער גאָר אינגאַנצן אָפּגעלאָזטע (נעמט עס אָן ווי איר פאַרשטייט).

אָט אין די לעצטע ווערטער, ווייזט זיך דער גאַנצער שווערער צו־שטאַנד אינם לעבן פון די קאָלאָניעס און איר אָרגאַניזאַציע.

ש. י. הורוויץ.

דאָס איז נאָר אַ קליינער ברוכטייל פון די בריוו, וואָס סאַבאַראָוו האָט אָנגעהאַלטן מיט די אומצאָליקע פריינט, מיט וועלכע ס'איז אים אויסגעקומען מיטצואַרבעטן אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. זיי

אָטעמען אלע מיט אויפריכטיקער איבערגעגעבענער פריינטשאפט, זיינען אָנגעשפּיקעוועט מיט א שלל פון אידעעז, פּלענער; די בריוו האָבן זעלטן אין זיך א שמצל פון לשון הרע, אָדער רכילותלעך, זיי זיינען לויטער און קלאָר ווי דעם בריוו-שרייבערס נשמה-צושטאַנד, וואָס שטרעבט מיט אלע חושים צו דער פארווירקלעכונג פון געזעל-שאפטלעכן וואויל, פאַר די קאָלאָניסטן זיינע ברידער, וואָס ער איז מיט זיי אין פרייד און אין לייד.

פּ. ב.

מאָנאָגראַפיע

פון פנחס ביזבערג

צווייטער טייל

קריטישע יאָרן

פון די אַלע גרויסציגיקע פּלענער פון דער יונגער פעדעראַציע, האָט נישט געקאָנט פיל רעאַליזירט ווערן, ווייל אירע מיטגלידער די איינצלנע קאָאָפּעראַטיווען, זיינען געווען ווייט דערפון צו זיין קאָנסאָלידירט. די סביבה, דאָס לאַנד, די באַדינגונגען, די אידישע קאָאָפּעראַציע און געזעל־שאַפטלעכקייט, זיינען נישט געווען צייטיק פאַר די ווייטגרייכנדע פּלע־נער פון סאַכאַראָוו און קאַפּלאַן.

נישט בלויז האָט מען נישט אָנגעהויבן בויען דאָס „אייגענע פע־דעראַציע־הויז" ווי דער באַגייסטערטער סאַכאַראָוו האָט זיך פאָרגע־שטעלט תיכף אַלס רעאַליטעט, נאָר אפילו דאָס באַשיידענע קליינע ביוראָ אונטער דער לייטונג פון דעם יונגן טיכטיקן ה' בנימין מעזשיבאָווסקי האָט זיך קוים אויסגעהאַלטן. די אָנגעשלאָסענע קאָאָפּעראַטיוועס האָבן קוים געצאָלט זייער בייטראַג פאַר דער פעדעראַציע. פּ. קאָמונאַל אַליין האָט נישט געקאָנט טראָגן די גאַנצע לאַסט: די הוצאות פונם ביוראָ, פונם „אידישן קאָלאָניסט", דעם פעדעראַציע־אָרגאַן, וועמענס אָנגע־שטעלטע באַקלאָגן זיך, אַז הדשים־לאַנג באַקומען זיי נישט זייערע גע־האַלטן.

אַלע בריוו־שרייבער און סאַכאַראָוו אַליין גיבן צו, אַז די פעדעראַ־ציע איז אומטעטיק, איז סטאַגנירט. פון דרויסן האָט מען זי שוין גע־האַלטן פאַר אַ כוח, אָבער זי האָט גאָרנישט געטון. די מישא איז געלעגן אויף די ווינציקע טוער, וואָס האָבן נישט געקאָנט טוען קיין פּראַקטישע

שריט פאָרויס, ווייל מ'האָט זיי נישט מיטגעהאָלפן, געווען בלויז שיינע רייד, אָבער די קוואָטעס פאַר דער פעדעראַציע, פאַרן אָרגאַן האָט מען נישט געשיקט.

און דערצו האָט זיך אָנגערוקט אַ מוראדיקער קריזיס אויף די איי־דישע קאָלאָניעס פון ענטרע ריאָס. דריי יאָר נאָכאַנאַנד זיינען אין ענטרע ריאָס געווען דורכפאַלן פון די קאָסעטשעס צוליב די אָנהאַלטנדיקע רע־גענס, וואָס האָבן נישט געלאָזט אַקערן און זייען צו דער צייט. פאַר־פלייצונגען האָבן אַ תל געמאַכט פון די קאָסעטשעס און סטערטעס, צע־ווייקט, אונטערגעפוילט, און ועל כולם: עפּידעמיעס פון סקאָט. און חובות איבערן קאָפּ. בלויז דער יקא אַליין זיינען די קאָאָפּעראַטיוועס שולדיק געווען ביי די 700.000 פּעזאָס. דער פאָנדאָ קאָמונאַל איז געווען שולדיק דער יקא 250 טויזנט פּעזאָס און דער קאָמערץ 200 טויזנט פּעזאָס.

די פירער האָבן געזוכט אויסוועגן, אָפּגעשריגן, אָפּגעבעטן, די צו־דרינגלעכע פאָדערונגען פון די האַנדלס־הייזער, וואָס זיינען געווען גרייט זיך אַרויפצואוואַרפן אויף די קאָאָפּעראַטיוועס און זיי דערקלערן באַנ־קראָט.

סאַבאַראָוו איז געווען פאַרצווייפלט, — דאָ האָבן געווירקט פּסיכאָ־לאָגישע אַנטוויקלונגס־סיבות, מידקייט, וואָרום זינט 1908 איז ער גע־שטאַנען אומדערמידלעך ביים רודער פון דער קאָלאָניסטישער קאָאָפּע־ראַציע. קאַפּלאַן איז אים אין די דאָזיקע שווערע פאַרצווייפלטע מאָמענטן בייגעשטאַנען ווי אַ פריינט. אין אַ בריוו פון 2־טן מאי 1912 שרייבט ער אים:

„אמת, אַז דער מאָמענט איז אַ שווערער, אָבער מ'דאַרף נישט פאַרגעסן: די צייט גייט פאַרביי און ס'קומען נייע טעג, אפשר בעסערע, און דערמיט אַ פאַרבעסערונג אין דער סיטואַציע האָפע־נונג, הער סאַבאַראָוו!..."

מ'לייגט האָפענונג אויף דער יקא, אַז זיי וועלן העלפן, מ'שיקט דעלעגאַציעס, מעמאָראַנדומס, טעלעגראַמעס. קאַפּלאַן און סאַבאַראָוו זיצן אויף גאַנצע נעכט, כדי צונויפצושטעלן דעם באַריכט, וואָס וועט אָפּגיין קיין פּאַריז, און וועלכן מ'דערוואַרט די גאַנצע ישועה.

דער מעמאָראַנדום שפּיגלט אָפּ די גאַנצע טראַגישע סיטואַציע פון די קאָלאָניעס, מיר וועלן דאָ ברענגען אַן איבערזעצונג פון אים.

דאָמינגעז, דעם 23־טן מאַי, 1912.

צו די דירעקטאָרן פון דער י. ק. א.

בוענאָס איירעס.

חשובע הערן:

„מיר באַציִען זיך אויף אונזערע מינדלעכע געשפּרעכן מיט אייך, וואָס זיינען געפירט געוואָרן דורך אונזער דעלעגאַציע בעת זייער לעצטן באַזוך, און מיר דערלויבן אונז איבערצוגעבן אונזער בקשה צוזאַמען מיט אַ באַריכט פון דער סיטואַציע פון דער קאָלאָניע.

מיר זיינען איבערצייגט, אַז דער חשובער קריטעריום פון דער גענעראַל־דירעקציע וועט אָנערקענען, אַז די עקאָנאָמישע און פינאַנציעלע שוועריקייטן פונם מאָמענט האָבן נישט בלויז זייער סיבה אין די אומגינסטיקע באַדינגונגען פונם לויפנדן יאָר, נאָר שטאַמען אָפּ פון אַ סך אַנדערע פאַקטאָרן אין לעבן פון די קאָלאָניעס.

די פאַרוואַלטונג פון דער פעדעראַציע איז באַשעפטיקט דערמיט אַדורכצופירן אַ גענויען אַנאַליטישן שטודיום איבער די פאַקטאָרן וואָס באַאיינפלוסן דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון אונזער געמיינדע, כדי צו קענען אָנקומען צו שלוסן, וואָס וועלן אָנווייזן די וועגן צו פאַרבעסערן די מעטאָדן פון דער אַגריקולטור.

דערלויבן מיר אונז לעת עתה צו קאָנקרעטירן פאַר אייך די שוועריקייטן, וואָס פאָדערן אַ באַלדיקע לייזונג.

די באַצאָלונג פון די פעליקע חובות.

מיר באַדויערן, וואָס אונזער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך תמיד באַמיט צו דערפילן מיט אירע פאַרפליכטונגען, קאָן איצט נישט נאָכקומען אירע פליכטן לגבי דער יקא.

פיל זיינען די סיבות פון דער דאָזיקער טאַטזאַך (אַ: פעלן

פון א גנעניגענדער געזעלשאַפטלעכער קאָאָפּעראַטיווער דערציאונג מצד די מיטגלידער פון די קאָאָפּעראַטיוועס לגבי זייערע התחייבותן. (ב: פעלערהאַפטער מעכאַניזם פון זייער אינערלעכער אדמיניסטראַציע. (ג: שלעכטע אויסגאַבן פון די פריערדיקע יאָרן, פאַר אַלעם די אומבּרחמנותדיקע קלימאַטישע באַדינגונגען פאַר די לעצטע קאָסעטשע, אָבער די הויפּט־סיבה פון נישט־קענען צאָלן די איבער 200.000 פּעזעס באַשטייט אין דעם, וואָס מיר האָבן באַקומען די הלוואה אלס חוב אויף דער קאָסעטשע, אויסצאָלבאַר אין רעלאַטיוו אַ קורצן טערמין; און לויט אונזער אָבסערוואַציע פון אַ סך יאָרן, איז דער פאָנדאָ קאָמונאַל געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די דאָזיקע סומע דאַרף ווערן באַטראַכט ווי אַ מין „באַטריבס־קאַפּיטאַל", וואָס קאָן נישט ווערן אויסגעשלאָסן פון דער צירקולאַציע צוזאַמען מיטן אייגענעם — הגם באַגרענעצטן קאַפּיטאַל — אָן דעם וואָס דאָס זאָל ברענגען שאָדן דער געזעלשאַפט.

אַז דער שטאַנדפּונקט וועט ווערן צוגעלאָזן מצד דער חשובער דירעקציע, וועט זיין לאָגיש אַז די דערמאָנטע סומע זאָל ווערן אַמאָרטיזירט אין משך פון צען יאָר. (באַמערקונג: דער דאָזיקער בקשה איז די יקא פאָלשטענדיק נאָכגעקומען).

אַזאַ יערלעכע אַמאָרטיזאַציע וועט נישט פאַרמינדערן אונזער צירקולאַציע־קאַפּיטאַל, ווייל ער וועט ווערן דערזעצט דורך דעם שטייגן פון אונזער סאָציאַלן קאַפּיטאַל, וואָס וועט קומען פון: 1) די יערלעכע צאָלונגען פון די אַקציע־קוואָטעס; 2) פון די ליקווידירטע פאַרדינסטן, וואָס דער פאָנדאָ קאָמונאַל האָט פון זיינע קאָמערציעלע אָפּעראַציעס.

לויט אונזער מיינונג וועט דער פאָנדאָ קאָמונאַל נאָך דורך אַ לאַנגזאַמע, אַ בהדרגהדיקע אַמאָרטיזאַציע קענען נאָכקומען זיינע פאַרפליכטונגען לגבי דער יקא.

ז ר י ע ה: עס זיינען געווען באַקאַנט די רעזולטאַטן פון דער לעצטער קאָסעטשע. דאָס פּראָבלעם פון גוטער זריעה באַשטימט

דאָס יאָר אַלעמען, וואָס גען זיך אָפּ רעכנונג, וואָס באַדייט פאַרן דערפאָלג פון געזייעטן, גוטע זריעה.

(דאָ קומט א קאַלקולאַציע וויפיל זריעה וועלן באַדאַרפן די נויטבאַדערפטיקע קאָלאָניסטן, דאָס מאַכט אויס א סומע פון 60 טויזנט פּעזאָס, וועלכע וועט ווערן אַמאָרטיזירט דער יקאַ אין משך פון פיר יאָר.) אויך ווערט קאָנסטאַטירט, אַז דער סאַניטאַרער דינסט איז א שווערע משא אויף דער קאָלאָניע מיט זיין יערלעכן ביודזשעט פון 60.000 פּעזאָס.

מיר האַלטן אויס א שפּיטאָל, צוויי מעדיצינישע פּונקטן (סאַן אַנטאָניא און סאַן סאַלוואַדאָר) מיט אַקושערקעס און צוויי פּונקטן מיט פעלדשערס (קלאַרא און סאַנטא איזאַבעל).

דער באַלאַנס פון לעצטן יאָר וויַיזט אויף א דעפיציט פון 12.000 פּעזאָס, נאָכדעם ווי מ'האָט שוין פאַרברויכט דעם רעזערוו־פאָנד פון 10.000 פּעזאָס.

(באַמערקונג: בכלל האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער, אַז דער פ. קאָמונאַל מיט זיין צו קאָמפּליצירטע פאַרצווייגטע טעטיקייט, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע לעבן אין דער קאָלאָניע, האָט געמוזט זיך דעסצענטראַליזירן, איבערלאָזנדיק יעדן באַזונדערן צווייג אונטער א באַזונדערער פאַרוואַלטונג.)

מיר האָבן געהעכערט די יערלעכע קוואָטע ביז 50 פּעזאָס (פריער איז זי געווען בלויז 30 פּעזאָס). אָבער די און אַנדערע אָנגענומענע מיטלען האָבן נישט געהאָלפן צוליב דער שלעכטער סיטואַציע. מיר נויטיקן זיך צום אויסהאַלטן פון דעם סאַניטאַרן דינסט די סומע פון 25.000 פּעזאָס, אויף מינדעסטענס איין יאָר.

דאָס זיינען די שוועריקייטן פון מאָמענט, שוין נישט רעדנדיק פון די אָנהאַלטנדיקע רעגנס, וואָס העלן נישט אויף צו באַלעסטיקן אונז ביז היינט, וואָס שטערן גענצלעך די דאָרפישע אַקטיוויטעטן זייער ערנסט: נאָך האַלט מען אין דרעשן — כאָטש

אין די ערגסטע באדינגונגען — פון אָנהויבן אקערן קאָן גאָר נישט זיין קיין רייד.

טראָצדעם אַלעם האָבן מיר נישט פארלוירן דעם גלויבן אין דער וויטאַליטעט פון אונזערע אייגענע כוחות, אָבער כדי ארויסצוגיין פון דער פאַרלעגנהייט, אין וועלכער מיר געפינען זיך, צום טייל צוליב דער אייגענער שולד, און הויפּטזעכלעך צוליב סיבות פון אונז נישט אָפּהענגיקע, דערלויבן מיר אונז מיט דער דאָזיקער בקשה צו בעטן די גרעסטע אויפמערקזאמקייט מיט א פּאסיקער און גיכער הילף".

די הילף פון פאריז האָט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן, חדשים־לאַנג, מען האָט געהאט בדעה צו שיקן פאלגנדע פארצווייפלטע טעלעגראַמע:

„צוליב די דורכגעפאלענע קאַסטעטשעס קאָן דער פּאַנדאָ קאָמונאַל נישט נאָכקומען מיט זיינע פארפּליכטונגען מיט דער קאָמערץ אין בוענאָס איירעס, טראָץ אונזערע גרעסטע אָנשטרענגונגען, און אויב ביזן סוף פון דעם חודש וועלן מיר נישט אויפהייבן אונזערע וועקסלען, וועט מען אונז דערקלערן באַנקראָט, און דער קאָלאָניסטישער אינוועטאַר וועט ווערן געריכטלעך פארשטייגערט. דער חוב איז פאַר פארשידענע סחורות געקויפטע פאַר די קאָלאָניעס קלאַרא, לוסיענוויל און ריווערא. נעמענדיק אין אַכט די ערנסטע קאָנסעקווענצן וואָס די באנקראָטן פון די קאָאָפּעראַטיוועס וועלן פאראורזאַכן פאַר די אידן פון לאַנד, בעטן מיר דעם דאָזיקן חשובן ראַט, ער זאָל אונז באַוויליקן אַ קרעדיט פון..... צו צאָלן דעם 28־טן פעברואַר 1914. וואַרטנדיק אויף אַ גינסטיקע רעזאָלוציע, גריסן מיר..."

גראָד אין דער דאָזיקער צייט איז נפטר געוואָרן דער דר. ירחי. אַ געוואַלטיקע אבדה פאַר דער קאָלאָניסטישער מאַסע און פאַר סאַבאַראָוון בפרט. ס'האָט אים באַהערשט אַ מין דעפּרעסיע־שטימונג, וואָס קאַפּלאַן פּרוּווט צו באַרויקן מיט די ווערטער: אם בארזים נפלה שלהבת, מוט! מוט!"

מיד איז דער קאָלאָניסטישער פירער, אַנטוישט, קאָן נישט מער טראָגן די לאַסט, די פאַמיליע דרינגט אויף אים, אַז „געגוג גרויע האָר האָט אים פאַראורזאַכט דער פאָנדאָ קאָמונאַל״, אַז ער זאָל זיך ווידמע־נען מער דער אייגענער נעסט.

מאָמענטאַנע שוואַכקייט פון אַ פאָלקס־פירער, וואָס גיט נאָך דער באַהערשטער אַפּאַטיע. דאָס איז אפשר דער טונקעלער פלעק אין סאַכאַ־ראָווס אומבאַפלעקטן לעבן, אַוועקצוגיין גראָד אין שווערע מאָמענטן פון דער אינסטיטוציע, וואָס געפינט זיך ביים אָפּגרונד. קאָן אפשר זיין, אַז אַנדערע באַוועג־סיבות האָבן גורם געווען דאָס אַוועקגיין. ווי לאַנג איז דער שיעור, אַז איין איינצלנע פּערזאָן זאָל שטיין אין דער שפּיץ פון אַן אינסטיטוציע? מ׳ווערט דאָך סוף כל סוף פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק דיק־טאַטאָר, — כאָטש סאַכאַראָוו איז עס קיינמאָל געווען, אין קעגנטייל, צו נאָכגעביקייט איז געווען זיין גרעסטער חסרון. — שליסלעך וואַקסט דאָך אונטער אַ נייער דור, וואָס מוז איבערנעמען דעם גורל פון דער אינסטיטוציע אין די אייגענע הענט, מ׳דאַרף זיך נישט פאַראייביקן אין דער אָנפירונג, יוגנט מוז ווערן צוגעלאָזן. און דאַן מוז דאָך אַ מענטש, וואָס איז איינגעשפּאַנט יאָרן אין קהלשען יאָך, זיך אַמאָל אָפּרוען.

דעם דאָזיקן פּסיכאָלאָגישן שוואַכן מאָמענט אַוועקצוגייען אין כאַ־מע קריטישן מאָמענט, האָבן מאַנכע חברים זיינע נישט געוואָלט מוחל זיין. און די וואָס ווילן כאַפּן פיש אין מוטנעם וואַסער, האָבן אָנגעהויבן מורמלען, אין אָנהויב איינגעהאַלטן, מיט אַ געוויסן דרך ארץ, און דאַן מיט חוצפּה, וואַרפנדיק אויף דער ווירדיקער פּערזאָן פאַרשידענע באַ־שולדיקונגען, אויפרופן־פּאַמפלעטן, מיט, אָדער אָן אונטערשריפטן. הטאות הקהל, געזעלשאַפטלעכע זינדן, האָט מען געפּרואווט אַרויפוואַרפן אויף איינצלנער פּערזאָן. אַז באַשר בכן, אַז ער, סאַכאַראָוו איז שולדיק, וואָס פ. קאָמונאַל שטייט ביים תהום, שלעכטע פירונג, שלעכטע אַדמי־ניסטראַציע. איינער האָט זיך אפילו אָנגעבאָטן אַרויפצופירן די קאָאָפּע־ראַטיווע אויפן דרך הישר, אויב מ׳וועט אים געבן די מאַכט, אויב מ׳וועט אים צאָלן אַלס פּרעזידענט...

און דאָס איז געווען אַ מיאוס שטיקל צייט פאַר די אינסטיטוציע,— דער אָרגאַן „יודישער קאָלאָניסט" איז אונטערגעגאַנגען. איינריכטונגען באַרקויפט, נישט געווען קיין עפנטלעכע טריבונע, האָבן געבליט די פאַמפלעטן, די „בלעטלעך", וואו יעדער האָט אַריינגעזאָגט, וואָס ער האָט געפונען פאַר נויטיק, געבנדיק אָנצוגעהערענישן סאַבאַראָווען, אז ער אויף זיין פלאַץ, וואָלט עס געמאַכט פיל בעסער.

סאַבאַראָוו איז אַרוים געליטערט פון די ליידן, צופיל זויבערע בערזענלעכקייט איז ער געווען, ער זאָל רעאַגירן אויף די אַלע באַליידיקונגען, צופיל באַליבט איז ער געווען ביים פאָלק, אז זיי זאָלן געבן אַן אויער די געמיינע פאַמפלעטן, כאַראַקטעריסטיש איז די ליבשאַפט, מיט וועלכע סאַבאַראָוו איז געווען אַרומגערינגלט, אילוסטרירט דאָס פאָלגנדע בלעטל, וואָס טראָגט דעם טיטל:

„ אַ פּאַטריאָט פון פאָנדאָ קאָמונאַל":

„מיין יעצטיקעם שרייבן איז צו באַמערקן, אז פאָנדאָ קאָמונאַל שטעהט נאָך ניט אַזוי שלעכט ווי מיר מיינען, מיר קענען זאָגן אז זי געפינט זיך אין אַ קריטישער לאַגע, דאָס איז דערפאַר ווייל מיר מיטגלידער זיינען ניט קיין פּאַטריאָטן פון פאָנדאָ קאָמונאַל.

„ווען יעדער מיטגליד זאָל זיין אַ וואַרער פּאַטריאָט, וואָלט דערצו ניט געקומען, אז דער הער פ. זאָל קריטיקירן אונזער פּרעזידענט פון פאָנדאָ קאָמונאַל. נור מיר יודען זיינען שוין אַזוי געוואוינט, גיט פאָנדאָ קאָמונאַל אַ זעקעל מעהל און נאָך 500 פּעזעס — איז פאָנדאָ קאָמונאַל דאָס בעסטע פיר אונז; נור אז עס קומט צום צאָהלן, איז דער פאָנדאָ קאָמונאַל שלעכט, און דער פּרעזידענט מיט די עמפּלעאַדאָס זיינען איינגאַנצן שולדיק.

„ווען איר זאָלט פאַרשטעהן גוט פאָנדאָ קאָמונאַל און וויסן וואָס איר פעהלט, וואָלט צו קיין זאַך ניט געקומען און דער פּרעזידענט מיט די עמפּלעאַדאָס וואָלטן געווען גוטע פיהרערס.

„נאָך מיין מיינונג, כאָטש איך בין נאָך אַ יונגל, זאָג איך

א פאַטריאט פון פאנדרא קאמונאל

מיין יעצטיגעס שרייבען איז צו בעמערקען אז פאנדרא קא־מונאל שטעהט נאך ניט אזוי שלעכט ווי מיר מיינען, מיר קענען זאגען אז זי געפינט זיך אין א קריטישער לאגע, דאס איז דערפאר ווייל מיר מיטגליעדער זיינען ניט קיין פאטריעטען פון פאנדרא קאמונאל.

ווען יעדער מיטגליעד זאל זיין א וואהרער פאטריאט וואלט דערצו ניט געקומען אז דער הערר פרידלאנד זאל קריטיקירען אונזער פרעזידענט פון פאנדרא קאמונאל. נור מיר יודען זיינען שוין אזוי געוואוינט, גיט פאנדרא קאמונאל א זעקעל מעהל און נאך 500 פעזאס איז פאנדרא קאמונאל דאס בעסטע פיר אונז נור אז עס קומט צום צאהלען איז דער פאנדרא קאמונאל שלעכט, און דער פרעזידענט מיט די עמפּ. עאדאס זיינען אינגאנצען שולדיג.

ווען איהר זאלט פערשטעהן גוט פאנדרא קאמונאל און וויסען וואס איהר פעהלט וואלט צו קיין זאך ניט געקומען און דער פרעזידענט מיט די עמפלעאז אס וואלטען געווען גוטע פיהרערס;

נאך מיין מיינונג האטש איך בין נאך א יונגעל, זאג איך אז מיר דארפען אונזער גוטען הערר סאהאראף פאר פרעזידענט און נאך וויכטיגער זאל יעדער מיטגליעד זעהן צאהלען פאנדרא קאמו־נאל וואופיעל ער קען, און זאל מיט אינטערעס מיטארבייטען וואלט פאנדרא קאמונאל זיך געקענט שטעלען אויף א פעסטען בארען, און מיר וואלטען טריאומפירט און שטענדיג וואלטען מיר האבען א אייגענע שטיצע.

נור אז מיר וועלען ניט מיטארבייטען און גאר ניט איינצאה־לען און נאך ניט אויסוועהלען ערליכע פיהרערס דאן וועט פאנדרא קאמונאל אונטער געהן ווי א שיף אהן א גוטען שיפס־קאפיטאן.

א 20־יעהריגער פאטריאט.

Abril 13 de 1913.

די ערשטע יודישע און שפאנישע דרוקעריי אין פראווינץ ענטרע ריאס פון קויפ און פעלדמאן, עסט. דאמינגעז, לא קאפיושע.

דאָס פאָלק וויל וויטער סאכאראָוון, טראָץ אלע רכילותן און בייזע צינגער.

אז מיר דאַרפן אונזער גוטן הער סאַבאַראָף פאַר פרעזידענט און נאָך ווייכטיקער זאָל יעדער מיט־לידער זעהן צאָהלן פּאַנדראָ קאַמינאַל וואוּפּיעל ער קען, און זאָל מיט אינטערעס מיטאַרבעטן, וואָלט פּאַנדראָ קאַמינאַל זיך געקענט שטעלן אויף אַ פעסטן באָדן, און מיר וואָלטן טריאומפירט און שטענדיק וואָלטן מיר האָבן אן אייגענע שטיצע.

„נור אז מיר וועלן ניט מיטאַרבעטן און גאָר ניט איינצאָלן און נאָך ניט אויסוועהלן ערליכע פיהרערס, דאַן וועט פּאַנדראָ קאַמינאַל אונטערגעהן ווי אַ שיף אָהן אַ גוטן שיפס־קאַפּיטאַן.

א 20־יעהריגער פּאַטריאָט”.

סאַבאַראָוו האָט זיך אָבער נישט מער געוואָלט לאָזן ווייזן. עס איז אנטשטאַנען א שווער פּראָבלעם פאַר דער קאָלאָניע, ווער ס'זאָל אָנגעבן די שטעל פון פּרעזידענט, איבערהויפּט אין אַ צייט, ווען די אינסטיטוציע איז בוכשטעבליך געשטאַנען ביים אָפּגרונד. יצחק קאַפּלאַן איז געווען דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַט דערצו. סאַבאַראָוו אַליין האָט געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע פאַר די קאַנדידאַטור פון זיין פריינט. קאַפּלאַן דאַנקט זיין חבר פאַר זיין הויכן קאָנצעפּט, וואָס ער האָט פון זיין פּערזאָן, אָבער:

„לוידער מוז איך זיך אָפּזאָגן פון דער ערע. ס'איז נויטיק, — ווען איר בלייבט טאַקע דעפיניטיוו ביי אייער באַשלוס זיך אָפּצוזאָגן, — אַ פּאַלשטענדיק נייע פּערזאָן, וואָס איז נאָך נישט באַגאַנגען קיין שום פעלער, אזוי אז די קריטיקעס זאָלן נישט קומען צוזאַמען מיטן אויסגעווײלט ווערן, — זיי קומען נאַטירלעך שפּעטער — איך אָבער וועל ווערן פּאַרזיצער צוזאַמען מיט אַ באַרג קריטיקעס. דעריבער, מיין איך, אז פאַרן וואוילזיין פון פּ. קאַמונאַל דאַרף מען זוכן אַ מער פּאַסיקערן קאַנדידאַט. איך גלויב, אז איר וועט מיך פאַרשטיין.”

עס האָט נישט געהאָלפן, קאַפּלאַן האָט געמוזט איבערנעמען די לייטונג. ס'איז געווען אַ וואָגן פון יונגן קאַפּלאַן, קיין אנגענעמע אויפגאַבע,

צו ווערן קאַפּיטאַן פון א שיף צווישן ברויזנדע כוואַליעס. באַקלאָגט זיך אין זיין בריוו פון 23־טן מאַי, 1912, פאַר סאַכאַראָוון:

„מ׳האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט די פּרעזידענץ ביזן סוף אויגוסט. ווי געפעלט עס אייך, הער סאַכאַראָוו, איז עס מעגלעך אויסצוהאַלטן ביז צו דעם דאָזיקן דאַטום? אָן אויטאָריטעטן און אָן אונטערגעאָרדנטע (קאַפּלאַן איז געווען אַי כערענטע, אַי סעקרעטאַר, אַי פּרעזידענט) פּרעזידענץ עקזיסטירט נישט, מ׳האָט אַלעמען איבערגעלאָזט זייער אומצופרידן, מיט א ליידיקער קאַסע און מיט בעלי חובות, וואָס מאַכן געוואַלטן...״

געווען א הערקולעס־אַרבעט צו ברענגען אָרדנונג אין דעם דאָזיקן כאַאָס. א דאַנק דעם געזונטן חוש און אָרגאַניזאַציע־פעאיקייטן, וואָס ב׳האָט באַזעסן יצחק קאַפּלאַן, איז געלונגען צו ראַטעווען די אינסטיטוציע און זי צו רעאָרגאַניזירן.

די מאָנאַטלעכע באַריכטן פון פאָנדאָ קאָמונאַל, וואָס האָבן דערזעצט

באַלעטין

פון

סאָסיעדאַד אַגריקולאַ איזראַעליטאַ

פון דעם 1 ביז דעם 30 טען נאָוועמבער 1913

מאָנאַטליכער באַלעטין

פון

פאָנדאָ קאָמונאַל

קאָלאָניאַ קלאַראַ, נאָוועמבער 1913

אונטערגעגאַנגען דער „יודישער קאָלאָניסט״, האָבן די קאָאָפּעראַטיוועס אַרויסגעגעבן ביולעטינען.

דעם אונטערגעגאנגענעם „יודישן קאָלאָניסט" דערציילן ווי אזוי די דאָזיקע רעאָרגאניזאציע איז צוגעגאנגען.

כדי באקאנט צו מאכן די מיטגלידער פון פאָנדאָ קאָמונאַל מיט אַלע איינצלהייטן, וואָס קומט פאָר אין דער אינסטיטוציע, מיט דער ארבעט פון דער פארוואלטונג, האָט דעם מאָנאט יוני, 1913, אָנגעהויבן צו דערשיינען „דער מאָנאטלעכער באריכט פון פאָנדאָ קאָמונאַל". דער ערשטער נומער באריכטעט, אז דער ה' סידי האָט זיך אנטזאָגט אָנצונעמען דעם אמט פון פרעזידענט, ווייל אלס אדמיניסטראטאָר האט ער קיין צייט זיך צו באשעפטיקן מיט דעם פאָנדאָ קאָמונאַל.

„דער קאָנסעכאָ דירעקטיווא נעמענדיק אין אנבאטראכט דאָס די מיטגלידער זיינען איצט שטארק באשעפטיקט מיט זייערע ארבעטן, איז דאָס אוממעגלעך צו רופן איצט א גענעראַל פארזאמלונג צו אויסוויילן אַ פרעזידענט, אלזאָ איז באשטעטיקט געוואָרן, דאָס דער וויצע־פרעזידענט ה' יצחק קאפלאן זאָל אים רעעמפלאַסירן, און אין מאָנאט אויגוסט וועט מען קלויבן א פרעזידענט און א וויצע...

„דער קאָנסעכאָ דירעקטיווא אויסהערנדיק די אינפאָרמע פון דעם ה' קאפלאן וועגן דער שווערער לאַגע פון דער געזעלשאַפט, האָט באשטימט צו אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען צו איינקאַסירן אינגאנצן, אָדער א טייל פון די שולדן ביי די יעניקע מיטגלידער וואָס קענען באצאָלן... עס איז באשטימט געוואָרן צו מאכן א גענויע סטאטיסטיק פון אַלעם וואָס דער קאָלאָניסט פארמאָגט, און ווען עס מעגלעך אויך וויפיל ער איז שולדיק. האָבנדיק אַלע דאטעס וועט דער קאָנסעכאָ דירעקטיווא קענען שטודירן אין וואָס פאר א פאָרמע צו רעשען די פראָבלעם פון דער שלעכטער לאַגע."

אין דעם צווייטן נומער שטעלט די פראָוויזאָרישע לייטונג צו צופערן פון אקטיוו און פאסיוו פון פאָנדאָ קאָמונאַל.

„...אין אַלגעמיין איז די לאַגע נישט שלעכט, און מיר וואָלטן געקאָנט האָפן, אז ביי א גוטע קאָסעטשע זאָלן מיר קענען אַלעמען באצאָלן אָן שוועריקייטן, און אונזער געזעלשאפט זאָל ווייטער גיין

איר נאָרמאַלן גאַנג. און מעגלעך אַז נאָך די שווערע לעקסיאָנעס וואָס מיר האָבן באַקומען וועלן מיר שוין געווען מער פאָרזיכטיק ניט צו פאַרקריכן נאָך אַמאָל אין אַזעלכע שווערע אָפּעראַסיאָנעס...״

א חוץ די אַלע מיטלען איינצוקאַסירן דאָס געלט, האָט מען גענומען אָננעמען ברייטע רעפאָרמעס צו פאַראיינפאַכן די קאָמפּליצירטע מאַשין פון פ. קאָמונאַל, דעסצענטראַליזירן, איינפירן געוויסע רעפאָרמעס אין שפּיטאָל, וואָס זאָל מיט דער צייט זיך פירן באַזונדער.

דעם 13־טן אויגוסט פון זעלבן יאָר איז פאָרגעקומען די גענעראַל־באַרזאַמלונג פון פאַנדאָ קאָמונאַל. דער „מאָנאַטלעכער באַריכט פון סעפּ־טעמבער 1913״ אינפאָרמירט:

„...הערן קאַפּלאַן אַלס פּאָרזיצנדער האָט דערקלערט אין קור־צע ווערטער די שוועריקייט וואָס דער קאָנסעכאָ דירעקטיוואָ האָט געהאַט אויסצושטייען אין די לעצטע מאָנאַטן, און אַ דאַנק זייער ענערגיע און גוטן ווילן איז דער פאַנדאָ קאָמונאַל געווען אימשטאַנד צו באַזיגן אַלע קריטישע מאָמענטן...

„דעם יאָר האָבן מיר ניט געמאַכט קיינע געשעפטלעכע אָפּע־ראַציעס, און אונזער שטרעבונג איז איצט נאָר צו פאַרזיכערן די פינאַנציעלע לאַגע פון דער געזעלשאַפט, כדי אַז מיט דער צייט זאָלן מיר קענען ווידער אַמאָל אָנפאַנגען צו אַרבעטן אויף אַ מער זיכערע און פּראַקטישערע סיסטעם ווי ביז איצט, דאָס הייסט, אַז די שלעכטע קאָסטשעס זאָלן נישט קענען אַזוי פיל ווירקן אויף דעם גאַנג פון פאַנדאָ קאָמונאַל.

„איבערהויפּט וואָס מיר וואונטשן איז, אַז די מיטגלידער זאָלן וויסן, אַז ניט נאָר זיי האָבן געוויסע רעכטן צו פאַנדאָ קאָ־מונאַל נאָר אויך געוויסע פליכטן און אַז די געזעלשאַפט איז צוזאַ־מענגעשטעלט פון זיי און פאַר זיי זעלבסט, און נאָר דאַן וועלן מיר וועלן זיך איינפאַרשטייען, אַז יעדער איינציקער מיטגליד מיט זיין אויפפירונג קען ברענגען שאָדן אָדער נוצן, דאַן קענען מיר האָפן אַז מיר זאָלן גיין פאָרווערטס.״

מען איז צוגעטראָטן צו די וואלן, און ס'זיינען אויסגעוויילט גע־וואָרן פאָלגענדע פּערזאָנען:

פּרעזידענט: יצחק מיכל סאס, וויצע־פּרעזידענט: מיגעל קיפּען, ערשטער סינדיקאָ: א. הירש, צווייטער סינדיקאָ: ה. וואָלקים. סעקרעטאר.

דער פאָנדאָ קאָמונאל איז געוואָרן גערעטעוועט א דאנק דער ענער־גישער אָנשטרענגונג פון זיינע פירער און דעם געזונטן איינפארשטענד־ניש פון א גרויסן טייל פון די מיטגלידער.

שטימונגען אין די קאָלאָניעס

אָבער אזוי גיך האָט זיך די קאָלאָניע נישט קאָנסאָלידירט. בכלל האָט זיך יעדע קאָלאָניע געהאט אירע ספּעציפישע דאגות, אירע דורכבאלן, אירע קריזיסן, אירע קאמפן כלפּי פּנים און כלפּי חוץ. דער אויפערלעבער קאמף איז געפירט געוואָרן קעגן דער קאָלאָניזאציע־געזעלשאפט, וואָס האָט מיט אירע שטרענגע מעטאָדן ארויסגערופן בייז בלוט ביי א סך קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך געפילט געקריוודעט.

היינט ווען מיר באטראכטן די קאמפן פון היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, וועלן מיר מאנכע מאָסמיטלען אפשר אנערקענען פאר בארעכטיקט. למשל דאָס צעגערן פון ארויסגעבן קויפשיינען, וועגן וועלכע מאנכע קאָלאָניעס האָבן אזוי „העלדיש" געשטריטן. היינט קענען מיר זאָגן: הלוואי וואָלט מען נישט אזוי לייכט געוואָרן אייגנטימער פון די נחלות, וואָלט אוודאי אונזער אקטיוו פון אידישע אקערבויער געווען פיל גרעסער.

היינט נעמען מיר א סך פון די שטרענגע מיטלען צו סאנירונגס־צוועקן פון די קאָלאָניעס פאר גאנץ בארעכטיקטע, הגם מיר קענען בשום אופן נישט מוחל זיין די באהאנדלונגס־פאָרמען פון די יק"א־אָנגעשטעלטע לגבי אונזערע ברידער. מיר קענען נישט פארגעסן די עוולה וואָס מ'איז באַגאנגען לגבי די קאָלאָניסטישע זין מיט די גרויסע שוועריקייטן, וואָס מ'האָט זיי געמאכט, צו קענען ווערן קאָלאָניזירט, מיר פארגעבן נישט די קאָלאָניזאציע־געזעלשאפט די פעלער מיט די אומטויגלעכע ערדן, נישט צוגעפּאסטער קלימאט, וואו א טייל פון אונזערע ברידער איז אויס־

געקומען צו פירן א מארטירער־עקזיסטענץ. אָבער, אין דער זעלבער צייט אנערקענען מיר די פארדינסטן פון דער יק״א פאר אירע אָנשטרענגונגען, אויסדויער און א געווויסן מאָס פון אידעאליזם ביי א טייל פון אירע די־רעקטאָרן און אדמיניסטראטאָרן, וואָס זיינען געשטאנען צו דינסט דער הייליקער ארבעט פון אידישער פראָדוקטיוויזאציע.

וואָלט געווען מער פארשטענדניש פון ביידע צדדים, וואָלט מען אויסגעמיטן א סך רייבונגען און צו להכעיסן, און דאָס אלץ וואָלט געווען לטובת דעם פראָגרעס פון דעם גרויסן קאָלאָניזאציע־ווערק.

היינט קענען מיר זיין אָביעקטיוו, מילדערן אביסל אונזער אורטייל איבער די מעשים פון מאנכע אגענטן, אָבער אין יענע צייטן, ווען די קאָ־לאָניעס זיינען נאָך נישט געווען עמאנציפירט, געווען אָפהענגיק פון דער קאָלאָניזאציע־געזעלשאפט סיי מאטעריעל, סיי מאָראליש, האָבן די קאמפן ארויסגערופן געגנזאַץ בייז בלוט: ס׳זיינען געווען בוכשטעבלעך צוויי פאר־מייען: יק״איסטן און אנטי־יק״איסטן.

אזוי האָט מאוריציאָ דעמאָלט אָנגעפירט איר אביסל צו באָמבאַס־טישע „רעוואָלוציע״ קעגן דער יק״א, מיטן גאנצן גרילצענדן קלאפּער־געצייג, אויפרופן, וויי־געשרייען, פראָצעסן, וואָשן קויטיקע וועש אין דער עפנטלעכקייט. די מאוריציער זיינען געווען באזונדערס קריגעריש, אָנגע־ווענדט אפילו סאנקציעס לגבי דעם קעגנער. מ׳האָט באשטראָפט דעם יעניקן, וואָס האָט געהאט א שטיקל מגע ומשא מיט דער אדמיניסטרא־ציע, מיט 120 פעזעס (מיט וועלכע מיטלען מ׳האָט איינקאסירט די דאָ־זיקע שטראָף, איז אומבאקאנט, נאָר אזא פאראָרדנונג איז געווען...). א חוצדעם האָט קהל באשלאָסן אזא ווידערשפּעגנסטיקן דריי חדשים לאנג נישט אויפצורופן צו דער תורה. צו א קאָאָפּעראטיווע איז עס אין דער דאָזיקער „רעוואָלוציאָנערער״ קאָלאָניע נישט געקומען, ווייל מ׳האָט דאָס געהאלטן פאר א מאכינאציע פון דער יק״א. אויך די פעדעראציע איז באטראכט געוואָרן אלס אזעלכע.

אין דער אייגענער קאָלאָניע קלארא זיינען געווען צייטן פון אָנגע־צוייגענע באציאונגען, אין קריטישע יאָרן, זיינען מאנכע געוואָרן היסטע־ריש אגיטאטאָריש. כאזאנאָוויטש האָט מיט זיין באזוך אין די קאָלאָ־



אין די מיטעלע יאָרן צוזאַמען מיט זיינע
קינדער, אין יאָר 1913.

גיעם אַנגעוויזן מיט אַזעלכע שטימונגען. ער איז געווען אַ גאַסט אויף אַ ווייל, האָט אָבער נישט געזען אויף אַ מייל. ווייל אין דער קריטישער סיטואַציע פון די קאָלאָניעס, האָט די יק"אַ נישט געהאַט די אויסשליס־לעכע שולד. געווען פיל פאַקטאָרן, וואָס האָבן דערצו בייגעטראָגן. יעדן־פאַלס איז געווען אומבאַרעכטיקט צו פאַרשרייען אַלס פאַררעטער, אַלס נוגעים בדבר, די מעסיקע, די נישט־שרייער, די וואָס האָבן געזוכט דעם פרידלעכן וועג.

גראַד אין אַן עת צרה, אין ציטן פון הונגער, היישעריקן, פאַרגי־סענישן, טרוקענישן, ווען ס'פעלט אוים דאָס עלעמענטאַרסטע, דאָס זעק־מעל, ווען מ'איז פאַרחובעט איבערן קאָפּ, — און גראַד דאַן איז די יק"אַ שטרענגער ווי מ'דאַרף, איינגעשפּאַרט איבער דער מאָס, — איז נאַטיר־לעך, אַז די קאָלאָניסטן זיינען געווען פאַרביטערט, נידערגעשלאָגן, און דאָס גאַנצע ביטערניש פון זייער האַרצן אויסגעלאָזט צו די מנהיגים, צו די אינסטיטוציעס, אין אַלערליי חשדים, באַשולדיקונגען, מונדלעכע און שריפטלעכע.

טענהט אַן אַגיטאַציע־פּאַפּיר פון יענער צייט:

„מיר מוזן עררייכן די טיטולאָס אויף דעם לאַנד, וועלכעס מיר האָבן באַרייכערט מיט אונזער בלוט, מיט אונזער שווייסיקער אַרבעט..." דער אויפרוף שטעלט זעקס רעוואָלוציאָנערע פּונקטן, ווייל: „מען מוז וויסן, פאַר וועמען מ'אַרבעט, און איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך לויז מאַכן פון דער ביוראָקראַטישער און „אָקאַפּאַראַ־טאָרישער" (פאַרכאַפּערישער) יק"אַ. און אויך פון אירע שפּיר־הונט און קאַרעטע־לעקער, וועלכע זעטן זיך קיינמאָל נישט אָן מיט דעם בלוט, וואָס זיי פאַרצאַפּן אונז טעגלעך... מיר ווילן אונז באַ־פרייען פון דער שקלאַפעריי פון דער יק"אַ!..."

דאָס איז געווען אַביסל צו איבערגעטריבן אַגיטאַציע־לשון, וואָס האָט קיינמאָל נישט געבראַכט קיין פּאָזיטיווע נוצן; טאַקט, ערנסטע באַ־ציאונגען האָבן געגעבן בעסערע רעזולטאַטן.

אויף א שטורמישן קאָנגרעס אין בוענאָס-איירעס, יאָר 1916, וואו ס'זיינען אָנוועזנד געווען
צווישן אנדערע נח קאַצאָוויטש, ש. הורוויץ, נאכליס, י. קאפלאן, סאכאראָוו
און א גרופּע מאָאוריציער דעלעגאַטן.

סאַכאַראָוו איז קיינמאָל געווען פאַר די ביליקע אַגיטאַציע־מיטלען, אַזאַ שטעלונג האָט אימפּאָנירט.

ווען דער שטרענגער אַדמיניסטראַטאָר לאַפּין, האָט געוואָלט זאָגן אַ דעה, וועמען מ'זאָל ווײַלן אין דער פאַרוואַלטונג פון פּ. ק., ווײַל ער, סאַכאַראָוו, דערפאַר אַ לאַנגע צײַט מיט אים נישט האָבן קיין שום באַציאונגען.

פאָרט אמאָל אין דער הויפּטשטאָט מיט אַ דעלעגאַציע צו בעטן זריזה בײַ דער יק"אַ, נאָך אַ דורכגעפאַלענער קאָסטטשע. די אדונים לאָזן לאַנג וואַרטן אין פאָרצימער. מ'הייסט קומען דעם צווייטן טאָג. פּראָטעסטירט סאַכאַראָוו ענערגיש, און פאָדערט מ'זאָל אים אָן שיהות אויפנעמען: „לאָזט דאָרטן זאָגן אײַערע הערן, אַז אַ קאָלאָניסט מוז תיכף ווערן אַטענדירט, אַ קאָלאָניסט איז אַ פאַרנומענער מענטש... איבריקנס, בין איך נישט געקומען בעטן פאַר מיר, נאָר פאַר אײַערע קאָלאָניסטן, פאַר מײַנע און אײַערע ברידער, וואָס געפינען זיך אין אַ נויט...!"

סאַכאַראָוו האָט געהאַט תמיד אַ ווירדיקע, טאַקטפולע אָבער פעסטע שטעלונג צו דער יק"אַ, זיך נישט געלאָזט מיטשלעפּן מיט שטימונגען, דעריבער האָט ער אָפט געפועלט מיט זײַנע אינטערווענצן לטובת גע־קריוודעטע קאָלאָניסטן. בטבע איז סאַכאַראָוו קיין קעמפער, קיין פּאָלע־מיזירער, קיין ארײַנזאָגער, באַמיט זיך נישט ווי צו טון דעם קעגנער מיט אַ צו שאַרף וואָרט.

אין זײַן געזעלשאַפטלעכער אַקטואַציע זעען מיר זעלטענע אויסנאַ־מען, ער זאָל זיך מיט עמיצן צוקריגן, עס מוז שוין זײַן אָן אויסערגעוויינ־לעכער פאַל, ווען די עוולה איז איבער דער מאָס.

דאָס איז געשעען בײַ אין פּלוג זייער מינדערוויכטיקע פּאַסירונג. אין יענער צײַט האָט די יק"אַ געהאַט אונטער איר רשות דאָס גאַנצע שול־וועזן אין דער קאָלאָניע, סײַ די אַלגעמיינע וועלטלעכע לימודים, סײַ די אידישע, אַזוי גערופענע רעליגיעזע דערציאונג. די לערער זײַנען געווען יק"אַ־באַאַמטע, באַצאָלט פון דער אַדמיניסטראַציע. די קאָלאָניסטן האָבן

בעקאנטמאכונג

די קאנסעהא דירעקטיווא פון פאנדא קאמונאל צו איהר זיין פון 7 טען דיזען מאנהייט האט בעשלאסען צו רופען א גענעראל פערזאמלונג עקסטרא ארדינאריע פון אלע מיטגליעדער אויף מיטוואך דעם 20 טען דיזען מאנהייט מארסא.

אויף וויפיעל דיזע פערזאמלונג איז פאר די מיטגלידער וויכטיג קען יעדער פארשטעהן דער פון וואס זי ווערט גערופען א קליינע צייט פאר דער געוועהנליכער יאהר־ליבער גענעראל פערזאמלונג אין הודש אבריל.

אין דער יעצטיגער עקסטרא ארדינאריע גענעראל פערזאמלונג וועט פערהאנדעלט ווערען וויכטיגע ענדערונגען און רעפארמען וועלכע מוזען אומבעדינגט אין אונזער געזאלשאפט איינגעפירט ווערען ווי צום ב״ש: צו קלויבען פיעל מעהר קאנסעהאלען ווי ביז יעצט און אויך אנדערע וויכטיגע ענינים, און דיזע זאלען געוועלט ווערען פון אלע דעסטריטען אין וועלכע די מיטגלידער פון פאנדא קאמונאל געפינען זיך. אזוי אז יעדער דיסטריט זאל האבען פארשטעהר אין דער קאנסעהא דירעקטיווא אין א גענינגער צאהל אום צו קענען צו דער צייט דורך פירען אלע גרויסע און וויכטיגע ארבייט מיט וועלכע פאנדא קאמונאל פארנעמט זיך. נאך אונזערע סטאטוטען קענען דיזע רעפארמען מאכען נור א גענעראל פערזאמלונג.

די יעצטיגע גענעראל פערזאמלונג האט דעם צוועק בעקאנט צו מאכען דיזע רעפארמען וואס זיינען אזוי נויטיג פאר די מיטגליעדער. אום אז זיי זאלען ביז אין דער יאהרליבער אברילסקע גענעראל פערזאמלונג קענען זיך צו גרעטען צו אלע דיזע נויטיגע ענדערונגען און רעפארמען.

מיר דענקען, אז אלע מיטגליעדער, בעזונדער דיזע פון די הויטע דיסטריטען וועלען פארשטעהן ווי נויטיג עס איז אז זאלען אלע קומען אין דעם בעשטימטען טאג.

פאנדא קאמונאל פון קאלאניא קלארא.

געהאַט א קנאַפּע דעה, סיי ביים אויסוואַל פון די לערער, סיי ביים אָנ־געווענדעטן פּראָגראַם. דער לערער־מאַטעריאַל איז נישט געווען פון די געהויבענע אין הינזיכט פון פּעדאַגאָגישער פאָרגרייטונג, — נאַטירלעך מיט געוויסע אויסנאַמען — אויב אין די וועלטלעכע לימודים האָבן זיי ווי ס'איז נישט צופרידנגעשטעלט, זיינען די אידישע לימודים געוואָרן זייער קריטיקירט פון די קאָלאָניסטן אויף די שפּאַלטן פון דער קאָלאָניס־טישער פּרעסע. באַזונדערס זיינען פאָרגעקומען רייבונגען מיט די לערער־ספרדים, וואָס האָבן זיך ס'רוב איזאָלירט פון די אשכנזישע ברידער, גע־בילדעט א באַזונדערע קאַסטע, געווען ווייט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיך געהאַלטן פרעמדלעך, זיינען די שולעס אין אַלגעמיין געווען אוניפּאָ־פּולער, אומבאַליבט, און די רייבונגען מיט די אַליאַנס־לערערס זיינען געווען אָפטע.

אזא סכסוך איז פאָרגעקומען אין יאָר 1912 צווישן א קאָלאָניסט און א לערער, וועלכער האָט מיט גאווה אָפּגעענטפערט אויף געוויסע גע־רעכטע טענות, וואָס דער פאָטער האָט צו אים איבער דער באַהאַנדלונג פון זיין קינד אין דער שולע. דער באַוואוסטער קאָלאָניסט האָט גערופן דעם לערער צו א בוררות אין זיין אינסטיטוציע, דעם פאָנדאָ קאָמונאַל. דער לערער האָט מיט איבערגעטריבענער באַרימעריי זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צום געזעלשאַפטלעכן משפּט, האָט גלייך געשריבן א בריוו צו דער יק"א־דירעקציע אין בוענאָס־איירעס, זיך באַקלאָגנדיק אויף דער חוצפּה פון די קאָלאָניסטן, וואָס וואַגן אים צו רופן צו זייערס א געריכט.

דער פאָנדאָ קאָמונאַל האָט תיכף באַקומען פון דער יק"א א מין אזהרה־בריוו, אז מהיום והלאה זאָל די קאָאָפּעראַטיווע נעמען אין אכט, בשום אופן נישט וואַגן צו רופן אירס א באַאַמטן לדין פאַר אירס א טרי־בונאַל. נאָר זיי האָבן ס'רעכט צו אורטיילן, צי דער באַאַמטער האָט גוט געהאַנדלט, אָדער נישט...

דאָס דאָזיקע געשעעניש, דער שטרענגער באַליידיקנדער טאָן פון דער יק"אס בריוו האָט אַרויסגעבראַכט פון געדולד דעם זייער סבלנות־דיקן סאַבאַראָוו און האָט אים באַוואויגן צו שרייבן אן ענערגישן בריוו

צו דער דירעקציע, וואָס איז תיכף געוואָרן פאַרעפנטלעכט אַלס אָפּענער בריוו אין „אידישן קאָלאָניסט".

דער אָפּענער בריוו, — א נייעס אין די באַציאונגען פון דער יק"א מיט די קאָלאָניסטן, — זאָגט צווישן אַנדערעס:

„מיר טיילן מיט, אז מיר האָבן דערהאַלטן אייער חשובן בריוו און זיינען איבעראַשט פון אינהאַלט און אופן פון אויסדרוקן... מיר מוזן אויסדריקלעך באַטאָנען, אז מיר האָבן קיינמאָל נישט דערוואַרט, די הערן דירעקטאָרן פון דער יק"א זאָלן זיך לאָזן אַזוי לייכט באַאיינפלוסן פון א יונגן לערער, צו שטעלן אין ספק די ערנסטקייט פון אונזער אינסטיטוציע...

„מיטן גאַנצן דרך ארץ צו דער יק"א און אירע אויפטוען, קענען מיר דאָך נישט אָננעמען פון איר אומפּאַרדינטע באַלערונגען... בפרט, אז ס'זיינען שוין פאָרגעקומען געגנוג פאַלן, אז די דירעקציע האָט זיך איינגעבילדעט, אז זי איז לכתחילה גערעכט, אין אַלע פאַלן... אזא מין שטאַנדפּונקט פון אָפּגרעניצן זיך, איז א מין אַנאַכראָנישער פּעאָדאַליזם, שעדלעך פאַר דער אינסטיטוציע אליין... זי נעמט זיך אזעלכע אַטריבוטן, וואָס געהערן נישט צו איר אַרבעטס־געביט..."

די אונטערשרייבער פונם בריוו (סאַכאַראָוו און קאַפּלאַן) קומען צום אויספיר, אז אזא מין הערשערישער צושטאַנד מצד דער יק"א קאָן בשום אופן נישט ווייטער אָנהאַלטן „ס'מוזן זיין קעגנזייטיקע וואַרימע באַציאונגען און לאָיאַלע צוזאַמענאַרבעט, פון נוצן פאַר ביידע צדדים".

דער דאָזיקער בריוו האָט אַרויסגערופן דעם געהעריקן עפעקט אין אַלע אידישע קאָלאָניעס, וואו מ'איז גאָרנישט געווען געוואוינט צו אזא מין ווירדיקן און פעסטן טאָן, וואָס האָט זיינער צייט היפּשלעך באַלייידיקט די יק"א, וועלכע האָט געפּלאָנעוועט דערפאַר גענצלעך איבערצוריים; מיטן פּאָנדאָ קאָמונאַל. מיר האָבן אויבן שוין געבראַכט דעם קאַבלעגראַם, וואָס פּאַריזער יק"א־דירעקציע האָט געשיקט צו דער קאָלאָניסטישער אינסטיטוציע. סאַכאַראָוו האָט שפּעטער נאָך צוגעגעבן אז עפּנטלעכע

אויפקלערונג, אז די גענעראל־דירעקציע זאָל נישט מיינען, אז דער אָפּפּע־נער בריוו איז געוואָרן באאיינפלוסט פון געוויסע קרייזן, קעגנערישע צו דער יק״א, אין קעגנטייל, ער, סאבאראָוו, לאָזט זיך קיינמאָל באהערשן פון פּארטייאישע ליידנשאפטן, אים אינטערעסירט פאר אלעם דאָס עפנטלעכע וואוילזיין.

די ווירקונג פון דעם אָפענעם בריוו איז געוועזן א ווייטגייענדע. הגם אין אָנהויב איז די יק״א געוועזן ברוגז, איז זי שפּעטער געוואָרן נאָכגע־ביקער, האָט זיך קיינמאָל מער דערלויבט א שאַרפן טאָן אין אירע ווענ־דונגען צו די קאָלאָניסטן. די באציאונגען פון דער יק״א צו די קאָלאָ־ניסטן זיינען געוואָרן בעסערע, די קאָלאָניסטישע פאַרשטייער פלעגן שוין אויפטרעטן און אונטערהאנדלען מיט דער דירעקציע ווי גלייכע מיט גלייכע.

פאר סאבאראָוון פּערזענלעך איז דער פאָלגנדער בריוו פון דער יק״א־דירעקציע געוועזן ממש א טריאומף. מיר געבן אים דאָ איבער אין אונזער איבערזעצונג:

בוענאָס איירעס, דעם 9־טן מאַי, 1912.

חשובער הער!

מיר האָבן דעם כבוד צו באשטעטיקן דעם דערהאלט פון אייער היינטיקן בריוו, אין וועלכן, אויב מיר האָבן נישט קיין טעות, איר גיט אונז צו אָנצוּגעהערן, אז איר האָט בדעה זיך אָפּ־צוזאָגן צו פאַרנעמען זיך מיט געזעלשאפטלעכע אָנגעלעגנהייטן, אָנגעבנדיק אלס מאָטיוו, אז אייערע אידעען אונטערשיידן זיך פון אונזערע.

„אויב דאָס איז טאקע אייער אבזיכט, באדויערן מיר זייער וואָס איר האָט אָנגענומען דעם דאָזיקן באשלוס, ווייל מיר האָבן נישט געצווייפלט קיין איין מאָמענט, ווי מיר האָבן עס מאַניפעס־טירט שוין אייניקע מאָל מונדלעך, פון אייערע אויפריכטיקע געפילן צו גונסטן פון אונזער קאָלאָניזאציע, כאָטש ס׳עקזיסטירן מיי־נונגס־פאַרשידנקייטן איבער דעם געמיינזאמען ציל, וואָס מיר

ווילן דערגרייכן, דאָס הייסט דעם דערפאָלג און פאָרשריט פון אונ־
זערע קאָלאָניעס.

„וואָס אנבאטרעפט די דעפעשע פון אונזער צענטראלער אד־
מיניסטראציע, איז זי, לויט אונזער מיינונג, זייער בארעכטיקט,
ווייל נישט וועלנדיק צוריקקערן צום עבר, וועלכן מיר וואָלטן גע־
וואָלט זאָל ווערן אָפּגעמעקט איינמאָל פאר אלעמאָל, האלטן מיר
נישט פאר גערעכט די אָנגרייפן קעגן אונז נאָך די פילע קרבנות
וואָס אונזער געזעלשאפט ברענגט אָן שום פארגיטיקונג פארן עתיד
און וואוילזיין פון אונזערע קאָלאָניסטן.

„איינשטימיק מיט אייערע וואונטשן וועלן מיר איבערגעבן צו
קענטניש פון אונזער צענטראלער אדמיניסטראציע אייער בריוו.

„מיר האָבן דעם כבוד אייך צו גריסן זייער אויפמערקזאַם
געצייכנט: מאָס און וועניס־יאני

שוין גאנץ אנדערע טענער קלינגען אין דעם בריוו פון דער יק"א,
וואָס איז שוין גרייט מוחל צו זיין, אויפצונעמען א קאָלאָניסטישן פאָר־
שטייער מיט קענטזייטיקן רעספעקט, הגם די פאָלשטענדיקע גלייכהייט
האָט מען געמוזט אויסקעמפן בהדרגהדיק, געגוג בייז בלוט האָבן די באַ־
ציאונגען צווישן דער קאָלאָניזאציע־געזעלשאפט און די קאָלאָניסטן פאַר־
אורזאַכט. סאכאראָוו איז אָפּט געווען דער מיטלס־פערזאָן, דער רודף־
שלומניק, וואָס האָט געווירקט אויף דער פארפעסטיקונג פון אידישן קאָ־
לאָניזאציע־וועזן דאָ אין לאנד.

סאַכאַראָווס נאָמען גייט אריבער די גרעניצן פון זיין קאָלאָניע

סאַכאַראָוו האָט זיך צוריקגעצויגן פון פירערשאַפט, מוחל געווען אויף זיין כבוד, קיינמאָל נישט שפּעטער געוואָלט אָננעמען דעם פירער־פּאָסטן אין דער קאָאָפּעראַטיווע, אָבער נישט געשטעלט זיך מן הצד פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער האָט ווייטער פאָרגעזעצט צו ווירקן צווישן זיינע ברידער־קאָלאָניסטן שלא על מנת לקבל פּרס. ער איז ווייטער דאָס שטראַלנדע ליכט פון די אידישע קאָלאָניעס, דער באַראַטער, דער מוט־געבער. אז יצחק קאַפּלאַן, א מידער, דערשעפּטער פון די קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען אין די קריטישע יאָרן פון פּאָנדאָ קאָמונאַל, קומט אין שטילן הויז פון סאַכאַראָוו, ווערט ער דאָרט אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס פון א גאַסטפריינטלעכער פאַמיליע, און טראָץ די אַלע דאגות פילט ער זיך אָן מיט ענטוזיאַזם, אַזוי אַלע באַזוכער, נעמט ארום די ליבלעכע וואַרעמקייט פון דער סאַכאַראָווער היים.

זיך אויסגעטשוכעט פון דעם אומגעהויערן פּעסימיזם נאָך דר. ירחים פּמירה, נאָך די מאַטעריעלע און גייסטיקע דורכפאַלן פון די קריטישע יאָרן, גייט סאַכאַראָוו ארויס א באַנייטער, א געלייטערטער דורך יסורים און איז ווידער נוצלעך פאַר זיינע ברידער־קאָלאָניסטן, וועמען ער העלפט נאָר מיט וואָס ער קען, זיין שם גייט אריבער ווייט איבער די גרעניצן פון זיין קאָלאָניע, די פּאָסט ברענגט בריוו מיט בקשות: העלפן אן אָרימער,

מיטללאָזער אלמנה, העלפן א קאָלאָניסטישן זון שטודירן, העלפן באקומען א שטעל; ביטעם קאָלעקטיווע פון קאָלאָניסטן אויף דער רויטער סאַ־ליטרע־ערד פון דער קאָלאָניע דאַרא.

„די אלפא־אלפא וואָס מ׳האָט געהאט, האָט זיך נישט איינ־געגעבן, קיינע וואסער צו טרינקען פאַר זיך און פאַר די אנימאַלעס. ביטער און געזאלצן... קיינע קאָמערציע גייט נישט אָן מיט דעם ביסל אלפא־אלפא, וואָס אייניקע פאַרמאָגן. מיט אַן וואָרט די לאַגע איז זייער קריטיש. ד׳ ירחם... נאָר אלעס אָנשרייבן איז ניט מעג־לעך. נאָר איך נעם זיך די קראַפט און דעם באַשלוס פון דעם נאָמען פון אלע קאָלאָניסטן צו בעטן דיזע הערין סאַכאַראָוו, אז פּילייכט איז מעגלעך, אז מיר זאָלן האָבן די ערע אז זיי זאָלן צו אונז קומען, און באַטראַכטן אונזערע אָרימע קאָלאָניסטן... מיר דערוואַרטן זיי מיט פיל געדולד, און מיר האָפן, אז זיי וועלן אונז ניט אַנטזאָגן. מיט פיל באַגריסונג פון אלע קאָלאָניסטן...“

געחתמעט דער פּרעזידענט שמואל לעווין. (פּרעזידענט פון דער

MIGUEL SAJAROFF

Est. S. M. del Carril, Marzo 3 de 191..

ENTRE RIOS

Sociedad "Trilladores Cooperativas Colonia Leven".

Señor ... .

Col. Leven N° ...

Habiendose terminado la campaña de trilla, me es grato participarle que el dia Miércoles 5 de Marzo a las 3 de la tarde en punto tendrá lugar en el Comedor de la Escuela Leven la Reunion General de todos los socios para rendir cuenta de los trabajos efectuados, presentar el balance y para resolver definitivamente sobre el porvenir de nuestra Sociedad de Trilladoras.

Esperando que Vd. no dejará de asistir a esta importante reunion y vendráa la hora indicada, saludo a Vd. muy atte.

S.S.S.

סאַכאַראָוו גרינדעט די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע פאַר דרעש־מאַשינען.

קאָאָפּעראַטיווע, געשריבן אויף פּראָסטן פּאַפּיר, זיי האָבן אפילו נישט געהאַט קיין מיטלען אויף א סטעמפּל...)

ס'קומען אָן בקשות פון קאָלאָניסטן, וואָס בעטן גאַראַנטיעס, — ער האָט אין זיין גוטסקייט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט, — וואָס בעטן אינ־טערווענץ ביי דער יק"א, בעטן הלוואות, וויי־געשרייען פון באַוואָלהטע, פון צעקריגטע צדדים, שכנים, וואָס בעטן זיין פאַרמיטלונג, בריוו פון פּערזאָנען, וואָס ווילן זיך מיט אים משאיל עצה זיין. — אין די ווייטסטע אידישע קאָלאָניעס ווערט דער נאָמען סאַבאַראָוו אַרויסגערעדט מיט יראת הכבוד, ווערט גערופן אויסצוגלייכן לאַנגיעריקע סכסוכים, וואו אָרטיקע פּירער קענען נישט געפינען קיין אויסוועג, קומט סאַבאַראָוו און האַלט איינע פון זיינע איבערציגנדע רעדעס און דער עולם איז מוותר אויף לאַנגיעריקע מחלוקתן, איז זיך מוחל, נעמט זיך אָן מיט קאָלעקטיוון ענטוזיאַזם, פאַרייניקט זיך ווידער, אָרגאַניזירט זיך אין א קאָאָפּעראַטי־ווע, וואָס הויבט אויף דעם ניוואָ פון דער קאָלאָניע.

סאַבאַראָוו איז נישט געווען מער פּרעזידענט פון זיין קאָאָפּעראַטע־ווע, אָבער מיט יוגנטלעכן אימפּולס נעמט ער אַנטייל אין אַלע פּרובט־באַרע איניציאַטיוועס פון זיין קאָלאָניע, און די איניציאַטיוועס זיינען אַזוי פאַרשידנאַרטיק: גרינדעט אין יאָר 1913 א געזעלשאַפט פאַר קאָאָ־פּעראַטיווע דרעש־מאַשינען, סטימולירט די גרינדונג פון א לערער־פאַריין (ליגאַ דע מאַעסטראָס, פון וועלכן ידידיה אפרון איז געווען דער ערשטער פּרעזידענט), נעמט אַנטייל אין קולטורעלן לעבן פון דעם דאָן בליענדן קלוב „דר. נח ירחי", זאָרגט זיך, אז די קליינע שול־קינדער פון די פּעאָנעס זאָל נישט פעלן קיין עסן, מילך, קליידונג, ווערט נאָמבירט קאָרעספּאָנדענט פון אגריקולטור־מיניסטעריום, פון דער תבואה־בערזע, העלפט מיט, אינטערווענירט אין נויטן פון אַלע אידישע קאָלאָניעס, וואו מ'הערט זיך צו מיט דרך ארץ צו זיין עצה, צו זיין טרייסט־ברענגנד וואָרט.

דערציילט שמחה באַנטשיק, דער טיכטיקער, פּעאיקער קאָלאָניסט און פילמאָליקער פאָרזיצער פון דער באַסאַווילבאַסער קאָאָפּעראַטיווע אי־בער סאַבאַראָווס ווירקונג אין זיין קאָלאָניע:

AÑO I. COLONIA CLARA, E. R. Nº. 1.

Dr. YARCHO

REVISTA MENSUAL PARA LA ESCUELA, EL HOGAR Y LA SOCIEDAD



ד״ר ירחי

מאנאטליכער זשורנאל פיר דער שולע, די היים און די געזעלשאפט.

איינע פון ס אַ כ אַ ר אָ ו ס איניציאטיוועס ארויסצוגעבן א זשורנאל
אויפן נאָמען פון דר. נח ירחי, אונטער דער רעדאקציע פון אינזש.
מ. סאבאראָוו, דר. וואָלקאָוויטש, י. אפרון און י. שטיינבערג.

„מיין ערשטער נענטער באקענען זיך מיטן הער סאַבאַראָוו איז געווען אין יאָר 1910־11, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געוויילט געוואָרן אלס פרעזידענט פון „סאָסיעדאד אגריקאָלא". דאָס יאָר זיינען געווען גוטע אויסזיכטן אויף א גרויס גערעטעניש. און נאטירלעך האָט די קאָלאָניע זיך געמוזט צוגרייטן מיט א סך נייע מאשינען, פאָדעס, זעק און אנדערע נויטיקע הוצאות ווערליק די גינסטיקע פערספעקטיוון פון אזא גוטן שניט. און דאָס אַלץ האָט מען, ווי דער שטייגער, גענומען אויף קרעדיט ביי די גרויסע הייזער פון דער הויפטשטאָט, צו באצאָלן אין חודש מערץ, נאָכן ענדיקן דאָס דרעשען. אָבער אזוי ווי תמיד, ביי אזעלכע קאָלאָניסטישע פערספעקטיוון, זיינען אין דער צייט פון דער קאָסעטשע אויסגעפאלן אזעלכע רעגנס, וואָס האָבן געמאכט אוממעגלעך אראָפּנעמען די שוין איבערצייטיקע תבואה, ביי אייניקע קאָלאָניסטן איז געווען א נישקשהדיקער שניט; א טייל האָבן נישט געקאָנט פירן צו דער סטאציע די ברויטן צוליב די ווייכע בלאָטיקע וועגן, ווי געוויינלעך אין ענטרע ריאָס, אז ס'צערעגנט זיך, ווייס עס נישט ווען אמאָל אויפצוהערן. ס'מבולט, די תבואות פוילן, ווערן פארוואקסן מיט ווילדע גראָזן. אפילו, מ'וועט שוין דרעשען דעם ווייצן, וועלן די קערנער האָבן א מיתה־משונה קאָליר, „פונטא נעגרא", און מ'וועט גאָרנישט צאָלן. און דאָ רוקן אונטער די צאָלונגען פון חודש מערץ. וואָלט מען כאָטש געקאָנט דרעשען און פירן דאָס ביסל גוטע תבואה, וואָלט מען זיך ווי ס'איז אן עצה געגעבן. דאָס איינציקע הויז, וואָס האָט געקויפט די ברויטן איז געווען „בונכע און באָרן". וואָס האָט געוואָלט געבן דער באסער קאָאָפּעראטיווע די נויטיקע געלטער, כדי צו קענען נאָכקומען די פארפליכטונגען. די סומע איז געווען א היפשע: הונדערט טויזנט פעזעס. דעם „סאָסיעדאד אגריקאָלא" איז געווען שווער זיך צו אנטשליסן אָנצונעמען די אָנגעבאָטענע סומע, צוליב וועלכער זיי וואָלטן זיך געמוזט שטארק פארמשכונען, און מ'האָט זיך געווענדעט צום פאָנדאָ קאָמונאל, צום פריינט סאַבאַראָוו. סאבאראָוו האָט מיט גרויס איבערגעבנקייט

ESTATUTOS

DE LA

LIGA DE MAESTROS

De las Escuelas de la I. C. A.

EN LA REPÚBLICA ARGENTINA

LIGA DE MAESTROS
I. C. A.
ENTRE RIOS

LA CAPILLA
Imp. del Periodico "El Colono Israelita Argentino"
1912

אויף סאבאראָווס איניציאַטיווע ווערט געגרינדעט אין לא קאפּיזשא דער ערשטער אידישער לערער-פאַרבאנד.
דאָס שער-בלאט פון די סטאטוטן.

אינטערוועגירט: „מיר קענען נישט לאָזן א שוועסטער־קאָאָפּעראַטיווע אליין אין נויט". דער פאָנדאָ קאָמונאַל איז דעמאָלט געשטאנען אין בעסערע באציאונגען מיט די עקספּאָרט־הייזער. בשעת די „סאָסיעדאַד אגריקאָלא" האָט ס'רוב געהאנדלט מיט לאָקאַלע סוחרים, האָט פ. ק. אָפּגעזעצט די תבואות די עקספּאָרט־הייזער. און סאכאראָוו איז מיט מיר דעמאָלט געפאָרן קיין אורוגוויי צום אלטן מאגאזאניק (אן אגענט פון א גרויס תבואה־הויז), אפילו פאָרגעלייגט די גאראנטיע פון פ. קאָמונאַל, און אויסגעפועלט אן אוואנס פון 105 טויזנט פעזעס. די דאָזיקע הלוואה האָט דעמאָלט געראטעוועט די קאָאָפּעראטיווע און דעם פּרעסטיזש פון אונזער קאָלאָניע.

„א צווייט מאָל, געדענקט זיך מיר, אין יאָר 1916, שיינט מיר, איז עס געווען. האָבן מיר ווידער געהאַט א רייע ביטערע יאָרן, היישעריקן, טרוקעניש, און דאָס האָט זיך אָפּגערופן שלעכט אויף אונזערע קאָאָפּעראטיוועס. ווידער חובות, חובות. די מאָנערס זיינען געווען צודרינגלעך, געשיקט בריוועלעך בייזע, דראָענדע. מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס מיר זאָלן טון. געוויסע קאָמערציעלע הייזער זיינען געקומען מיט פאָרשלאָגן, די קאָאָפּעראטיוועס זאָלן זיך פארגלייכן און באצאָלן פון חוב נאָר 50 פּראָצענט. סאכאראָוו איז תמיד געווען א קעגנער פון אזעלכע האנדלונגען מצד די קאָאָפּעראטיוועס. זיין שטאנדפּונקט פלעגט זיין: „קאָאָפּעראטיוועס זעצן נישט אָן, און צאָלן ניט קיין 50 פּראָצענט. — מיר ווילן און וועלן באצאָלן די גאנצע 100 פּראָצענט, נאָך מיט די פּראָצענטער". פאַר די פארוואלטערס פון די הייזער איז אזא מין שטעלונג געווען א גרויס וואונדער. שוין אין יאָר 1917 האָבן די קאָאָפּעראטיוועס אָפּגעצאָלט זייער גאנצן חוב. סאכאראָוו האָט געהאַט רעכט."

סאכאראָווס שטרעבן איז סאָלידארישקייט מיט די ליידנדע און נויטבאַדערפטיקע ברידער־קאָלאָניסטן, און זיין לאָזונג איז, אז דאָס קאָרדינאַלסטע היילמיטל פאַר א קאָלאָניע אין נויט איז א קאָאָפּעראטיווע, נאָר נישט זיין

באַזונדער, יעדער פאַר זיך, יעדער פאַר זיין הויזגעזינט, יעדער פאַר זיינע אייגענע עגאָאיסטישע אינטערעסן. קומט אָן אין יאָר 1929 צו דער פּיל־אויסגעפּרואוווטער נאַרסים־לעווען, דער ליידנדער זאַמדיקער קאָלאָניע אין די פּאַמפּאַ־שטויבן, טרעפט דאָרטן אַ הונגערנדע, דעזאָרגאַניזירטע קאָ־לאָניע, קיין שום אינסטיטוציע, וואָס זאָל קענען זיין אַן אָנשפּאַר פאַרן קאָלאָניסט, די פריערדיקע קאָאָפּעראַטיווע אונטערגעגאַנגען, — נעמט אים אַרום אַ מין נאָענט קרובהש געפיל צו זיינע ברידער, וואָס קעמפן שוין צוואַנציק יאָר לאַנג אויף די זאַמדן און שטיינער־טאָסקאָס מיט אַן אומפאַרגלייכלעכן עקשנות צו מאַכן גרין, באַפרוכפערן די דאָזיקע טרוי־קענע ערדן, צו וועלכע די הימלען זיינען אַזוי גרוזאַם, טרייסט זיי, מו־טיקט זיי, און גיט זיי זיין ווירקנדע עצה: „פריינט־חברים, שאַפט אַ קאָאָפּעראַטיווע, און זי וועט זיין דערווייל אייער איינציקע לייזונג פון אייערע פּראָבלעמען, מאַכט אַ קאָאָפּעראַטיווע, וואָס וועט ווערן אייער גייסטיקע און עקאָנאָמישע דערהויבונג". די פאַרשמאַכטע, פאַרהאָרעווע־טע קאָלאָניסטן האָבן פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן רוף פון זייער ברודער, יעדער האָט געבראַכט צו 10 פּעזאָס און מיט 1700 פּעזאָס האָט זיך אָנ־געהויבן די קאָאָפּעראַטיווע „על פּראָגרעסאָ", די בעסטאָרגאַניזירטע קאָאָפּעראַטיווע פון גאַנצן לאַנד. אין עטלעכע יאָר אַרום קאָן דער יונגער טיכטיקער פאַרוואַלטער יצחק מזרח זיך באַרימען, זיך טיילן מיט דער פרייד, אַז די קאָאָפּעראַטיווע „על פּראָגרעסאָ" האָט שוין אַן אייגן פאַרמעגן פון זיבעציק טויזנט פּעזאָס, און אַז אַלע מיטגלידער אַרבעטן מיט אין זייער קאָאָפּעראַטיווע, זייער אָנלען אין נויט, אַ מוסטער־אינסטיטוציע.

ליידער איז די נאַטור אומדערבאַרעמדיק מיט די נאַרסים־לעווענער, מוזן אָפּט אָנקומען צו דער מאָראַלישער הילף פון דער „פּראַטערנידאַד אַגראַריאַ", נאָך יאָרן פון טרוקענישן, שטייט אין סכנה די גאַנצע עקזיס־טענץ פון דער קאָלאָניע, מ'מוז געפינען אַ תרופה, אַ ראַדיקאַלע לייזונג. דער פיזיש־מידער סאַבאַראָוו מאַכט־מיט די ווייטע נסיעה פון צוויי מעת לעתן פון ענטרע ריאָס ביז דער פּאַמפּאַ, צו די ברידער אין נויט, צוזאַמען מיט יצחק קאַפּלאַנען און וועלוול גלעזער, דעם פּרעזידענט פון דער גרוי־סער קאָאָפּעראַטיווע פאָנדאָ קאָמונאַל.

לייענען מיר אין „פונקען“, דעם העקטאָגראַפירטן ביולעטין פון דער קאָלאָניע נארסיס לעווען, מיט וועלכער רירנדער צערטלעכקייט די נאר־סיס־לעווענער האָבן אויפגענומען די פירער. וואָס זיינען געקומען צוזאמען מיט די געליטענע זוכן א לייזונג צו דער טרויעריקער סיטואציע. באַגריסט זיי יצחק קאפלאן:

„חברים־קאָלאָניסטן! מיר זיינען געקומען צו אייך געטריבן פון חברלעכן געפיל, אלס מענטשן, אלס קאָלאָניסטן, אלס קאָאָפּעראטיוויסטן און אלס אידן פילן מיר, אז אונזער גורל איז געקניפּט און געבונדן... ברידער פון בערנאסקאָני! מיר מוזן קענען איבער־טראָגן די שווערע צייטן און נישט פארלאָזן אונזערע פּאָזיציעס...“
נאָכדעם ווי וועלוול גלעזער באגריסט די:

„ארבעטזאמע חברים פון נארסיס לעווען, וועלכע פארמאָגן אזוי פיל געדולד צו קעמפן מיט דער ווילדער נאטור פון דער פּאמ־פּא, שאפנדיק איינע פון די שענסטע קאָאָפּעראטיוועס וועלכע קען דינען פאר א מוסטער מיט איר אָרדנונג און פראגרעס...“
נעמט דאָס וואָרט סאבאראָוו:

„קאמאראדן קאָלאָניסטן! נאָך אמאָל האָב איך די סאטיספאק־ציע זיך צו געפינען צווישן אייך, און דאָס מאָל, ווי תמיד, באַ־הערשט מיט דער וואונטש צו בוקן זיך פאר אייך מיטן גרעסטן דרך ארץ: פאר אייער ווערט, אויסהאלטעוודיקייט, ענערגיע און אבנעגאציע אין אייער נאָבעלן קאמף ארויסצורייסן דאָס טעגלעכע ברויט פון די געדערים פון דער דאָזיקער גרויזאמער און געהיימניש־פולער פּאמפּא. איך בין זיך מודה, מיינע פריינט, אז ווי תמיד שטארקט מיך גייסטיק און מאָראליש דער פשוטער קאָנטאקט מיט אייך, איך זאָל ווידער גלויבן אין א בעסערער צוקונפט, פאר אייך אלעמען... איך ברענג אייך, פריינט־ברידער, די חברלעכע גריסן פון אייערע ברידער פון ענטרע ריאָס, און ווייסט, אז זיי זיינען גרייט אויסצושטרעקן אייך זייער מאָראלישע האנט פון סאָלידאַ־ריטעט, אין שווערע מאָמענטן, וואָס איר האָט איבערגעטראָגן.“

פונקען

[illegible]

[illegible]

נומער 2

123

Camaradas colonos, una vez mas tengo la intima satisfaccion de encontrarme entre Vds, - y esta vez como otras tantas me domina el deseo de inclinarme reverentemente ante Vds. ante su valor, constancia, energia y abnegacion en su noble lucha por arrancar el pan diario de las entrañas de esa pampa aspera y misteriosa. Confiesales: amigos mios, que esta vez, como otras tantas al simple contacto con Vds me reconforta moral y espiritualmente para proseguir bregando por el mejor porvenir, a la vez que por el presente mas llevadero, a pesar de mis años, que parece ya quieren imponerseme para declinar en la ruta de esta vida

Les traigo, camaradas, los saludos mas cordiales de sus hermanos de Entre-Rios, que sepan Vds, estan siempre al lado suyo, para tenderles su mano callosa de solidaridad en los momentos dificiles, que habria que afrontar

Ruego acepten los fuertes apretones de mano y la cordialidad de siempre de su afectuosisimo

M. Sajaroff

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

סאַבאַראָוו, קאַפּלאַן און גלעזער רעדן צו זייערע לייזנדע ברידער אין נ. לעוועץ דורך די „פונקען", אָרגאַן, ארויסגעגעבן דורך דער קאָאָפּ. „פּראָגרעסאָ", אונטער דער ליטונג פון י. מזרח.

אַזוי רעדט ער תמיד צו זיינע ברידער, מיט א פּאַטעטישן לירישן וואָרט־אוצר, געשעפּט פונם קלאָרן ברונעם פון זיין אויפריכטיק תמימות־דיקער נשמה, שטענדיק דער טרייסטער, דער בשורה־ברענגער, וועצט אַריין אין די פאַראומערטע הערצער פון די ליידנדע ברידער א נייע האָפ־נונג, אַזוי אין בערנאַסקאָני, אַזוי אין ריוועראַ בעת א שווארץ יאָר, אַזוי אין אובאַכיי, אַזוי אין אַלע קאָלאָניעס, וואו ס'האָט געהערשט נויט, דעס־אָרגאַניזאַציע, וואו מ'האָט זיך גענויטיקט אין א ליכטיק־שטאַרקנד וואָרט.

אויך אין דער נישט־אידישער וועלט האָט אָפּגעקלינגען דער שם טוב פון דעם אידישן קאָאָפּעראַטיוויסט, וואָס האָט באַוויזן אין נייעם אַדאָפּטירטן פאָטערלאַנד צו שאַפן די מוסטערהאַפטסטע קאָאָפּעראַטיוועס. זיינען דעריבער אונזערע דעלעגאַטן, — ס'רוב זיינען עס יצחק קאַפּלאַן און סאַכאַראָוו, — די אָנגעזעענסטע געסט.

אויף דעם לוקאַס גאָנסאַלעסער צוזאַמענפאָר פון יאָר 1913, ביי דער גרינדונג פון דער פעדעראַציע פון ענטרע־ריאָסער קאָאָפּעראַטיוועס, האַלט סאַכאַראָוו פאַר די פאַרזאַמלטע דעלעגאַטן א קיינמאָל נישט־געהערטע וואונדערלעכע לעקציע פון מענטשלעכער אחדות, א באַגייס־טערטן פאָרטראַג וועגן קאָאָפּעראַציע; די דאָזיקע רעדע האָט איבערגע־לאָזט אזא טיפן רושם אויפן דעמאָלטיקן מיניסטער דר. אַנטאָניאָ סאַגאַרנאָ, אז ער דערמאַנט זי נאָך אין עטלעכע יאָר אַרום. ביי דער גע־לעגנהייט פון א פייערלעכער אויפנאַמע, וועלכע מ'האָט איינגעאָרדנט דעם גובערנאַטאָר דר. לאַורענסענאַ אין דאָמינגעז.

די רעדע האָט דאַן אַזוי ענטוזיאַזמירט דאָס דעלעגאַטן־פּובליקום, אז אַלע האָבן זיך פאַר יראת הכבוד אויפגעשטעלט פון זייערע פּלעצער. דר. סאַגאַרנאָ האָט אים אומאַרעמט פאַר די הויכע קאָנצעפּטן פון ברי־דערלעכקייט און אחדות, פאַרן טיפן גלויבן, אז דער מענטש איז דעם מענטשן קיין וואָלף. סאַכאַראָוו האָט דאַן צווישן אַנדערעס אַזוי געזאָגט:

„ארום צוויי אקעגנגעזעצטע פּאָליוסן באַוועגט זיך דאָס מענטשלעכע לעבן: ארום דעם „ואהבת לרעך כמוך" און ארום „דעם קאַמף אום די עקזיסטענץ", וואו איין מענטש דעם אַנדערן

איז א פאַרצוקנדער וואָלף. ווי זאָלן מיר אונז פירן אויף דער דאָ־זיקער וועלט? זיינען מיר טאקע נאָענטע ברידער, דאַרפן מיר זיך ליב־האָבן, אָדער גאָר שטשירען מיט די ציין? אָן א ספק איז אונזער מענטשלעך שטרעבן אויסצוראָטן דעם וואָלף אין אונז. מיר האַלטן טאקע אָן דעם שווערן קאַמף פאַרן לעבנס־דאָזיין, אָבער גלייכצייטיק אַרבעטן מיר פאַרן אַלגעמיינעם גוטס. אונזער העכער שטרעבן איז טאָג איין טאָג אויס צו רעאַליזירן מעשים פון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט. דאָס איז דער אידעאַל פון דער קאָאָפּעראַציע, פון דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט, וועלכע צום אונטערשיד פון דער קאָמערציעלער האָט נישט דעם זעלבן אינטערעס פון דעם קאַפּיטאַל־באַזיצער: די שפּעקולאַציע און דאָס שטרעבן צום פאַרדינסט אין אַלע פאַלן."

אזעלכע פאַרדינטע טריאומפן האָט סאַכאַראָוו נישט איינמאָל צו פאַרצייכענען במשך פון זיין דערפאָלגרייכער טעטיקייט אויפן קאָאָפּעראַציון געביט. ער טיילט זיך מיט זיי מיט דעם חבר זיינעם יצחק קאַפּלאַן, וואָס באַגלייט אים כמעט אויף אַלע קאָנגרעסן פון נאַציאָנאַלן פאַרנעם. שפּילן די אידישע קאָאָפּעראַטיוויסטן א וויכטיקע ראָלע מיט זייערע פּראַקטישע אויפטוען אויפן קאָאָפּעראַטיוו פעלד, ווערן געוויילט אין די פּרעזידיומס, קאָמיסיעס, באַקומען אָפט שטורמישע אָוואַציעס פון די דעלעגאַטן און געסט.

אָט באַגעגנען מיר ווידער סאַכאַראָוון אויף א קאָנגרעס פון דער ענטרע־ריאָסער פעדעראַציע פון קאָאָפּעראַטיוועס, אין ראָזאַריאָ־טאַלאַ, יאָר 1918. דער פּרעזידענט העד באַש שטעלט פאָר פאַר די פאַרזאַמלטע „דעם אַפּאָסטאָל פון קאָאָפּעראַטיוויזם", סאַכאַראָוו האַלט דאַן ווידער איינע פון זיינע וויזיאָנערע רעדעס, וואָס צינדן אָן די הערצער פון עולם. מאָלט צוקונפטס־בילדער ווי פון א באַשיידענער פּראָווינציעלער אָרגאַניזאַציע וועט מוזן אויסוואַקסן א נאַציאָנאַלע פעדעראַציע, און דערנאָך א וועלט־פאַרייניקונג פון פרייע פּאַרטייללאָזע קאָאָפּעראַטיוויסטן, און דער פּויער, דער אַרבעטנדער וועט געניסן פון דער פּרוכט פון זיין אַרבעט, וויל:

„מען מוז לאָזן וויסן דער וועלט אונזערע ליידן, אונזער מי...
מיר האָבן אַלע רעכטן, ווייל: דער פויער צאָלט שטייערן, פּאַטענטן,
אָפּצאָלן, באַצאָלט פאַר מאַשינען, מכשירים, פּאָדעם, זעק, און ער
צאָלט אַזעלכע פּרייזן, וואָס די טרוסטן דיקטירן אים... און ווען
ער גייט פאַרקויפן זיינע פּראָדוקטן, מוז ער אַקצעפּטירן די פּרייזן,
וועלכע עס אימפּאָנירן די אויפקויפער און שפּעקולאַנטן, וואָס
פרעגן נישט צי מיר פאַרדינען אָדער פאַרלירן..."

דער זאַל האָט געשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן פון דאַנקבאַרקייט,
פון אַנערקענונג.

אין יאָר 1917 האָבן די אידישע מאַסן איינגעאָרדנט אַ ריזיקן
אַנערקענונגס־אַקט אין לאַ קאַפּיזשאַ זייער לערער, זייער פאַרדינטן פּי־
רער. אין די אומצאָליקע באַגריסונגס־בריוו און טעלעגראַמעס, אין דער
אַנערקענונגס־רעדע פון לעאָן סידי, לאַנגיעריקער מיטאַרבעטער און
פריינט פון באַערטן, קומט צום אויסדרוק די אומגעהויערע ליבשאַפט
פונם פאָלק צו דעם שטילן באַשיידענעם סאַבאַראַוו.

סאַבאַראַווס נאָמען ווערט אַרויסגערעדט מיט ליבשאַפט, מיט יראת
הכבוד, נישט בלויז צווישן די אייגענע ברידער, נאָר אויך מחוץ דער אי־
דישער קאָלאָניע ווײַס מען אָפּצושאַצן דאָס לעבנס־לענגלעכע זיך מקריב
זיין פאַרן קאָאָפּעראַטיוון אידעאַל. אין יאָר 1936 באַשליסט די פּראָווינ־
ציעלע ענטרע־ריאַסער רעגירונג: צו באַלוינען דעם דאָזיקן פאַרדינסטפולן
מאַן: זי וויל אים באַשטימען אַלס אינספּעקטאָר פון פּראָווינציעלן קאָאָ־
פּעראַטיוון־וועזן, מיט אַ געהאַלט פון דריי הונדערט פּעזאָס אַ חודש.
סאַבאַראַוו האָט האַרציק געדאַנקט פאַר דער באַערונג, אָבער האָט באַ־
דויערט וואָס ער קען נישט אַקצעפּטירן דעם דאָזיקן פּאָסטן, ווייל: במשך
פון זיין לאַנגיעריקער טעטיקייט האָט ער נישט געאַרבעט על מנת לקבל
פּרס. זיין פּרינציפּ איז צו זיין אומאָפּהענגיק אין געזעלשאַפטלעכן לעבן,
קיינמאָל נישט נעמען באַצאָלט פאַר אַרבעט לטובת הכלל. אין דעם דאָ־
זיקן בריוו האָט ער צוגעגעבן, אַז ער, סאַבאַראַוו, איז ווייטער גרייט,



סאבאראָוו מיט זיין פריינט לעאָן סידי ע"ה,
געוועזענער יק"א - אדמיניסטראטאר און
פריינט פון די קאָלאָניסטן, אין יאָר 1916.

לויט זיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן מיטצואַרבעטן פאַרן וואוילזיין פון אַגראַריער־קלאַס, צו וועלכן ער האָט דעם כבוד צו געהערן.

דער דאָזיקער זשעסט זיך אָפּצוזאָגן פון א רעגירונגס־פּאָסטן, זיך אַליין געפינענדיק אין א מאַטעריעל געדריקטער לאַגע, איז אפּלאָדירט געוואָרן אין די ווייטסטע קרייזן, האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג צו דעם מענטשן, וואָס איז בטבע א שונא בצע, וואָס האָט אין זיין פּריוואַט־לעבן געבראַכט א סך מאַטעריעלע קרבנות לטובת הכלל, געוואָרן אין מאַטעריעלער הינזיכט א יורד, כאָטש ער האָט, א דאַנק זיינע פאַרבינדונגען געהאַט די בעסטע געלעגנהייטן זיך אַרויסצודרייען פון זיינע פאַר־פליכטונגען און בלייבן מיט זיין גרויס פאַרמעגן, האָט ער עס נישט געטון. אין קעגנטייל פלעגט מקריב זיין זיינע מאַטעריעלע אינטערעסן פאַר אַנדערע. טון א טובה, געבן א גאַראַנטיע־אונטערשריפט איז פאַר אים געווען פון די קליינסטע זאַכן.

רעדט מען דעריבער אין די קרייזן פון דעם אומאייגננוציקן מענטשן מיט א פאַרגעטערונג. באַזונדערס ווייזט עס אַרויס דער סענאַטאָר וויקטאָר עטשעווערי, וועמען ס׳פאַרבינדט מיט סאַכאַראָוון א לאַנגיעריקע און איבערגעגעבענע פריינטשאַפט. נאָך פון דער צייט, ווען עטשעווערי איז געווען רעגיאָנעלער אַגראָנאָם, געקומען אין קאָנטאַקט מיט די אידישע קאָלאָניסטן, מיט זייערע מוסטער־אָרגאַניזאַציעס, געשריבן אפילו פאַרן „יודישן קאָלאָניסט“, אַזוי צו זאָגן געשטאַנען ביים וויגעלע פון אידישן קאָאָפּעראַטיוויזם. טרעפן זיך די ביידע פריינט אויף דעם פייערלעכן חנוכת הבית פון דער באַסאַווילבאַסער קאָאָפּעראַטיווע פון עלעקטריצי־טעט, דעם 16־טן אויגוסט, 1938, האַלט דער סענאַטאָר א רעדע, במעט אינגאַנצן געווידמעט זיין פריינט סאַכאַראָוו. נאָכדעם ווי ער האָט גערעדט וועגן די נאָבעלע פּיאָנערן, וואָס האָבן געבראַכט קולטור און אויפ־לעבונג אין דער גאַסטפריינטלעכער און פרוכטבאַרער ענטרע ריאָס, די טרעגער פון די באַפרייענדע עקאָנאָמישע קאָנצעפּטן: דעם קאָאָפּעראַטי־וויזם, זעצט ער פאָר:

„דער הער אינזשעניער מיגעל סאַכאַראָוו איז דער פּאָנען־

1873 20 de Septiembre 1923

1873 — Obsequio — 1923

Para el onomástico del Sr Miguel Sajaroff

— Pálido reflejo acerca de su real merecimiento —

Del Egloga Quejumbrosa

Miro en mi derredor 80,000 millons Kms 2
I el Egloga martir de aquella nacion sigue
Gimiendo, cual enfermo de letargia
Unge su cancion cual viento con energia
Enhorabuena, ~~tengo~~ que meditar
La avaricia misera a cualquier costa deseo ahuyentar

Somos los verdaderos Martires orgullosos
Alta moral observamos mas que el General victorioso
Justicia nada, sino que se destaca la injusticia
Almas sentadas en la Liga hablan con delicia
Recuerdan noblezas y prometen la igualdad
Oigo sin embargo al mi pastor Israel la dificultad
Falange hay surgida de Senderos huraños
Fenecerá las maldades y en nueva era fiamos

Freyman

Igal Leven N°2 19 12/X 23

א כאראקטעריסטישער „אקראָסטיק" צום פופציק-יעריקן געבורטס-טאָג פונם באַליבטן שכן.

טרעגער פון דעם ראַזיקן אידעאַל און פון דעם דאָזיקן קאָנצעפּט: ער איז עס דורך זיינע מאָראַלישע און גייסטיקע איבערצייגונגען, דורך אייערע איינשאַפּטן פון פעאיקייט, אויסדויער און ערנסט־לעכקייט, גיב איך אָפּ א געדעכטן טריבוט אייערע פאַרדינסטן. איר זענט דאָ אַלס ערן־גאַסט, איר זענט געוואוינט צו באַהאַלטן אייער פערזענלעכקייט אונטערן מאַנטל פון אייער שפּריכווערטערלעכער באַשיידנקייט, אָבער תמיד גרייט פאָרצולייגן אייער ברידערלעכע און חברלעכע עצה — א פרוכט פון אן אויסערגעוויינלעכער דער־פאַרונג — און גרייט אויך מיטצואַרבעטן אין דער כסדר זיך באַ־נייענדער טעטיקייט, מיט דער זעלבער באַגייסטערונג, דעם זעלבן געוויסנהאַפטן גלויבן, מיטן זעלבן טעמפּעראַמענט פון אייערע יוגנטלעכע יאָרן.

„דורך אייך, אינזשיניער סאַבאַראָוו, דריק איך אויס מיין טריבוט פון באַוואונדערונג צו די אַלע, וועלכע האָבן געבילדעט די פּיאָנערן־גרופּע פון קאָאָפּעראַטיוויזם דאָ אין אונזער ענטרע ריאָס, וועלכע, ווי אין אַלטע צייטן, איז געווען דער שויפּלאַץ פון העראָאישע באַפרייאונגס־געשעענישן אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער איינהייט, — איז עס היינט די קאָוואַדלע פון אויפבויערישער אַרבעט פון דער אינטעליגענץ און פון גייסט, אין פאַרטיידיקונג פון רעכט צום לעבן, אונטערן שוץ און גאַראַנטיע פון א ליבעראַלער קאָנסטיטוציע...

„היינט איז דער 16־טער אָקטאָבער פון 1938, אַכט און דרייסיק יאָר זינט דער גרינדונג פון דער „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ איזראַעליטאַ“ (באַסאַווילבאַסער קאָאָפּעראַטיווע). אין ניין טעג אַרום וועט א פערטל יאָרהונדערט זינט דעם צווייטן קאָנגרעס פון די אַגריקולטור־קאָאָפּעראַטיוועס פון ענטרע ריאָס. יענע זריעות, האָבן איצט געגעבן די דאָזיקע שיינע פּרי.

„הער אינזשיניער סאַבאַראָוו, איר וואָלט געקאָנט זאָגן מיטן פולסטן רעכט, און לאָמיר לאָזן ביישטיין אייער עקשנותדיקע באַ־



בעזה"י לספר הזכרון [illegible] תרפ"ב

כבוד הנכבד [illegible] טוב. לפני שנה [illegible]
ה"ה מ. סאבאראוו [illegible]

לעת מרום ושמים [illegible]
שיאון [illegible]
נפלו ונאספו נפש כל חי
הה"! [illegible] ונסיון.

טפחות [illegible] לפניו [illegible].
ושופט [illegible].
בראש השנה [illegible] בספר
הזוהר [illegible] בני תבל.

תפלתו למרום [illegible].
כתוב בספר [illegible] הנעלה
תאור [illegible]
בראש [illegible] ה"ה מ. סאבאראוו

[illegible] שלום [illegible]

איינער פון די באַגייסטערטע אָנהענגער פון מ. סאַבאַראָוו
שיקט אים אָט אַזאַ מין לשנה טובה.

שיידנקייט: — די דאָזיקע קאָאָפּעראטיווע פון עלעקטרישע באַלייכטונג, איז אין סימבאָלישן זין, אייגנטלעך מיינס אן אייניקל, ווייל זי איז א גרין צווייגל פון מיין ארבעט, פון מיינע אָנשטרענגונגען. מיטן כוח פון מיינע אָרעמס האָב איך באַפרוכפּערט די גליבעם און מיט מיין גייסטיקן שטרעבן האָב איך געגראָבן טיף אינם געוויסן פון די איינוואוינער פון די דאָזיקע קאָלאָניעס. איצט קאָן איך באַציִען מיינע כלי זין, וואָס זיינען געווען א סימבאָל פון פרידן און ארבעט; שלום און ארבעט געווידמעט דעם פאָטערלאנד אַרגענטינע, וואָס האָט מיך אמאָל אויפגענומען א גרויסמוטיקע און א גאסטפריינטלעכע. איצט קאָן איך שלוהדיק זיך אָפּרוען אין מיין מקום מנוחה פון אן אָרימען און אָרנטלעכן מענטשן...״

פרוי אָלגא סאבאראָוו ע״ה, געטרייע לעבנס-באגלייטערין.

דאָס איז געווען טרעפלעך געזאָגט אויף דעם מענטש, וואָס האָט ווייניק וואָס גענאָסן פון גאנצן געזעלשאפטלעכן האָוועניש, וואָס פאַרברענגט דעם הארבסט פון זיין פרוכטבארן לעבן אין זיין פרידלעכער,

צוזאמען מיט די מיטגלידער פון דירעקטאָריום פון ע. ריאָסער פעדעראַציע פון קאָאָפּעראַטיווועס מיטן מיניסטער פון פינאַנסן פון דער פּראָווינץ, דר. האָרנע.

לײדער אומעטיקער הײם, װײל די געטרײע לעבנס־באגלײטערן אָלגא
איז שוין נישטאָ. טרײסט געפינט סאבאראָוו אין די פארגאנגענע װאונ־
דערלעכע יאָרן פון פרוכטבארער טעטיקײט פאר זײנע ברידער, פארן
אראָפּטירטן פּאָטערלאנד, אינם האָבן אויסגעאקערט א שליאך אינם װעג־
לאָזן מדבר פון דעסאָרגאניזאציע, אינם געטרײען שטרעבן צו פּאָלקאָ־
מענהײט, צו ליכטיקײט, פאר אלעמען, אלעמען.

סאַכאַראָוו דער רעדנער

דער טראָפּן לעבערט דעם פעלז נישט מיט זיין קראַפט, נאָר מיט זיין אָויסדויער. מיר איז דאָס באַשערט צו זיין דער טראָפּן אין דער קאָאָפּעראַטיוויסטישער באַוועגונג, צו וואַכן איבער דער ריינקייט פון אידעאַלן. איך האָב שוין לאַנג דערקלערט אַ מלחמה די יעניקע קאָאָפּעראַטיווע פירער, וואָס זיינען אינדיווידואַליסטן, וואָס האַלטן זיך נישט פעסט ביי די פּרינציפּן פון אחדות. פאַר די, וואָס פּראָפאַנירן די הייליקייט פון אידעאַלן, וועל איך נישט שאַנעווען קיין באַליידיקנדע עפּיטעטן... איך וועל וואַכן, אַפּהיטן די פרישקייט פון די אידעאַלן...

(פון אַ רעדע אויף אַ חברלעכן באַנקעט פון אַ קאָלאָניסטישן צוזאַמענפאָר).

גייט אַרויף אויף דער בינע, ווי בעל כרחו: האָט נישט דעם יצר הרע פון וועלן רעדן אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, רעדט נאָר דאַן, ווען ס'איז אומבאַדינגט נויטיק. אויף דער טריבונע בלייבט ער אַ ווײַלע שטיל, קאָנצענטרירט דעם געדאַנק, קוקט אין זיך. דאָס קאָלאָניסטישע פּובליקום הערט צו מיט דרך ארץ, האָט אים ליב צו הערן; שאַפט זיך תיכּף אַ וואַרימער קאָנטאַקט צווישן אים און זיינע ברידער־קאָלאָניסטן. פאַר וועלכע ער האָט אַזוי אָפט גערעדט: אונטערן שאָטן פון פּאַראַיסן אויף אַ קאָלאָניסטיש יומא דפגרא'לע, אויף גענעראַל־פאַרזאַמלונגען אין לאַ קאַפּיזשער פאָלקס־הויז, אין אָנגעגליטע בלעכענע „סאַלאָנען", — האָרכן זיי צו צו זיינע ווערטער, כאָטש, ווי געוויינטלעך, פויערים מיט אַ היפּשער דאָזע פון ספיקות, פויערים האָבן ליב רעאַלע ממשותדיקע זאַכן,

וועלכע מ׳קאָן אָנטאָפּן מיט דער האַנט, נישט קיין נייעסן, אידעאַלן. תמיד קומט ער אין זיינע רעדעס מיט עפּעס אַ נייעם אויפטו, אַ נייעם פּאָרשלאַג. באַנטשיק דערציילט, אַז סאַבאַראָוו פלעגט אַ לאַנגע צייט אין זיינע רעדעס וועלן באַאיינפלוסן די קאָלאָניסטן, זיי זאָלן שפּאָרן, שפּאָרן סיי אינדיווידועל, סיי קאָלעקטיוו, געמאַכט חשבונות, וויפיל נוצן דאָס קאָן ברענגען דעם שפּאָרער... אפילו קאָאָפּעראַטיוועס מוזן שפּאָרן, נישט געבן קיין דיווידענדן. קאָלאָניסטן ניכטערע האָרכן אויס, שמייכלען שעל־מיש, טראַכטן זיך: — סאַבאַראָוו, שוין ווייטער מיט זיינע פאַנטאַזיעס, הייסט שפּאָרן, אַז כ׳האָב נישט פון וואָס... בייזוויליקע פלעגן חוזק מאַכן: סאַבאַראָוו, וויים איך וואָס...

אַז מ׳פלעגט דאָס צוטראָגן סאַבאַראָוון, פלעגט ער זאָגן: — מיין פריינט, בעסער צו זיין אָן אויסגעהונגערטער, קיינמאָל נישט צופרידענער דאָן קיכאָט ווי אַ סאַנטשאָ פּאַנסאַ, וואָס וואונטשט נאָר אָנצופילן דאָס בייכל...

און אַז ס׳פאַרגייען יאָרן שווימען ארויף די ווערטער פון טרוימער־רישן דאָן קיכאָט, דרינגען אריין אין באַוואוסטזיין פון די גרעסטע בעלי־ספּקות, וואָס באַדויערן פאַרוואָס מ׳האָט זיך נישט צוגעהערט צו די פאַנטאַזיעס פון דעם מענטשן, וואָס האָט דאָך נאָר געוואָלט זייער גוטס: דעם טובת הכלל.

סאַבאַראָוו איז קיין רעדנער, קיין אָראַטאָר אין פולן זין פון דעם דאָזיקן וואָרט, געברויכט זעלטן רעדנערישע פליטערלעך, מ׳קאָן זאָגן, ער איז אַ מין מאָדערנער מגיד, אַ זאָגער, וואָס רעדט פאַרן פּובליקום אין פאָרם פון אַ השתפכות הנפש מיט אַ באַהאַרצטער שטימע, ווערט מיט זיי אינטים, ווייל: ס׳זיינען דאָך זיינע ברידער און שוועסטער, מיט וועלכע ער האָט אדורכגעמאַכט לייד און פרייד, טרויער און שמחה. זיינע קרובים, וואָס אפילו זיי האָרכן נישט אינגאַנצן צו זיינע רייד איז ער זיי מוחל, ווי אַ גוטער איד, צו וועלכן יצחק קאַפּלאַן האָט אים פאַרגליכן, ווי אַ מלמד זכות. וואָלט ער געוועזן געלעבט אין פריערדיקע צייטן, וואָלט ער געוועזן אַ בעל שם טוב: האָט אַלע אייגנשאַפטן פון דעם פאָלקסטימ־

פראַקטישע אַרבעט און אידעאַליזם — סאַכאַראָוו „פליט אין די וואָלקנס", קאַפּלאַן דער רעאַליסט.
קאַריקאַטור פאַרטראַכט פון יצחק מזרח און אויסגעפירט פון מישע שוואַרץ.

לעבן חסידישן רבי, וואָס א דאנק זיין גוטסקייט האָט באוויזן צו זאמלען ארום זיך א עולם פון חסידים.

מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע אויסצוגן פון זיינע אימפּראָוויזאַציעס־רעדעס.

אויף א פארזאמלונג פון יוגנטלעכע, וואָס האלטן ביי גרינדן אַ קאָלאָניסטישן יוגנטלעכן צענטער, קאָלאָניסטישע בחורים, אויפגעצויגענע אין דער איינזאמקייט פון די ארגענטינער פעלדער, שווייגעדיקע, באשיידענע, און צווישן זיי סאבאראָוו, דער גרויער מאַן, וואָס איז שוין איבערגעטרעטן די שוועל פון די זעכציקער, ווייזט זיך אָפּט אויס דער יונגערער, דער טעמפּעראַמענטפולער, רעדט צו די שווייגעדיקע וואוילע בחורים מיט באגייסטערונג:

„יוגנט, מיר האָבן אייך גערופן צו א דרינגענדער באראַטונג, ווייל מיר, עלטערע, ווילן האָבן א יוגנט, וואָס זאָל פאָרטזעצן אונזער ארבעט. אונזער ארבעט אין דאָפּלטן זין: באארבעטן די ברייטע פעלדער, און נישט פארגעסן אין אונזערע מיט מי און גרויסער אָנשטרענגונג אויפגעבויטע אינסטיטוציעס. עס ליגט אין דער נאַטור פון לעבן, אז דער נייער דור נעמט איבער די ירושה פון זיינע עלטערן, און ברענגט די דאָזיקע ירושה צו נאָך א העכערער מדרגה פון שלימות. ווי, צו די עלטערן, וואָס מוזן איבערלאָזן אויף הפקר דאָס אין משך פון לעבן דערוואָרבענע, סיי מאטעריעלע און סיי גייסטיקע גיטער.

„אונזער אידישע קאָלאָניזאציע געפינט זיך, ליידער, אין סכנה נישט צו האָבן קיין נאָכפאָלגער; אויך אונזערע אינסטיטוציעס באגעגנען פון אייך יונגע אזא מין גלייכגילטיקייט, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען פרעמדע. מיר ווילן אייך צוריקברענגען צו אונז, צו אייך אליין. מיר אידן מוזן אין דער איצטיקער פאר אונז שווערער צייט אָפּהיטן אונזערע אָרגאניזאציעס, וואָס ווערן דרויסן באטראכט פאר מוסטערהאפטע. עס זיינען שוין געווען אומצאָליקע איניציאטיוועס, אז די אָרגאניזאציעס פון די אידישע אגריקולטאָרן זאָלן זיך צענויפגיסן מיט די אגראר־אינסטיטוציעס

אויף דער עלטער, אָבער פול מיט מוט און ארומ־
גערינגלט מיט ליבשאפט פון זיינע פריינט
און קאָלאָניסטן.

פון גאַנצן לאַנד, אָבער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן פּראַקטישער, אַז מיר, אַלס אידן, זאָלן האָבן אייגענע אידישע אַגראַר־אָרגאַניזאַציעס, ווייל אונזערע פּראָבלעמען זיינען אָפּט אַביסל פאַרשיידן און נישט אידענטיש מיט די פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. ווייל מיר האָבן דאָך אַ יוגנט און קולטור־פּראָבלעם, וואָס איז אַנדערש ווי ביי די פעלקער. די אַפּאַטיע פון דער יוגנט צו אונזערע אינסטיטוציעס, צו אונזערע פאַרשידענע טעטיקייטן שטעלט אין סכנה דאָס גאַנצע ווערק פון אידישער קאָלאָניזאַציע.

„מיר ווילן אייך אַריינציען אין דער אַרבעט אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט. איר מוזט זיין בלוטיק פאַראינטערעסירט אין אייערע אייגענע פּראָבלעמען. די איצטיקע באַוועגונג אינטערעסירט זיך מיט דער יוגנט, וואָס האָט אַלס פּראָפּעסיע די ערד־אַרבעט. אונזער אָנהויב איז פון דעם ראַיאָן, פון דער קאָלאָניע, אויב ס'וועט זיין ווילן און טעטיקייט, וועט פון דער באַשיידענער באַוועגונג אַרויסוואַקסן אַ יוגנט־קאָנגרעס."

דער דאָזיקער לעצטער וואונטש איז טאַקע אינגיכן מקוים געוואָרן: די קאָלאָניסטישע יוגנט־צענטערן האָבן זיך צעוואַקסן איבערן גאַנצן שטח פון די אידישע קאָלאָניעס, און האָבן אָפּגעהאַלטן אַ קאָנגרעס אין מאָזעסוויל, וואָס וועט האָבן אַ ווייטגייענד ווירקטיקייט. סאַבאַראָוו האָט אויף דעם ראַיאָן־צוזאַמענפאָר אָנגעצייכנט אַן אַרבעטס־פּלאַן, געוויזן אַ וועג די יוגנט־צענטערן.

„איר וואָלט געדאַרפט איינפירן אַ גענויען רעגיסטער פון קאָלאָניסטישע זין. אַ סך קאָלאָניסטישע זין ליידן פון דער לאַסט פון די חובות פון זייערע עלטערן, וואָס איז די סיבה פון נידעריגעשלאָגנקייט פון יוגנטלעכן, וואָס וואָלט געוואָלט אַוועק פון דער פאַרשולדיקטער ערד, אַראָפּוואַרפן פון זיך די משא און אָנהויבן אויפסניי, און דערמיט ראַטעווען זיך און אפשר אויך דעם פאַרחובעטן טאַטן פון דער אויסזיכטלאָזער סיטואַציע. זאָלן די, וואָס ווילן זיך באַפרייען פון דער שווערער משא אויף זייערע פּלייצעס, זיך אָרגאַ־

ניזירן, זאָל מען איבעראַל לאָזן הערן די שטימע. אויך די קאָלאָניסטישע זין, וואָס דאַרפן האָבן רעמאַנענט, אַרבעטס־מכשירים, כדי צו ווערן זעלבסטשטענדיק, מוזן זיין אָרגאַניזירט, כדי צו געפינען אַן אויסוועג פאַר זייערע שטרעבונגען..."

אויף דער זעלבער פאַרזאַמלונג מוסרט זיי דער יונגטלעך־אַלטער סאַבאַראָוו. פאַרוואָס זיי, די היינטיקע יוגנט, איז אַזוי אַפּאַטיש, אַזוי פּעסימיסטיש, אָנצוהייבן אַ פּאָזיטיווע קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. ער, אַז ער האָט באַגינען אין זיינע יונגע יאָרן זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר קיין שום שוועריקייטן, געקאָנט אפילו אַ וואַנט דורכזעצן. און, אים שיינט, אַז די היינטיקע יוגנט איז עפּעס ווי אָן טעמפּעראַמענט. יוגנט וואָלט געדאַרפט מיט ענערגיע נעמען אַליין די לייצעס פון זייער גורל אין דער האַנט אַריין, מיט יוגנטלעכן ברען.

אַזוי תמיד דער מאָנער, דער פאָדערער, דער וועקער צו אָרגאַניזאַציע, צו אחדות, דאָרטן וואו זי פעלט אוים.

אָט בעגעגענען מיר אים ווידער אויף אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון אַ פּוטער־ און קעז־פאַבריק. באַמערקט אַ גלייכגילטיקייט פון קאָלאָניסטן צו זייערע אייגענע עקאָנאָמישע אינטערעסן, פאַרלאַנגט ער פון זיי, זיי זאָלן האַנדלען ענערגיש, ווייל צוביסלעך גייט אונטער די ברייטע נעץ פון די קרעמעריעס אין דער קאָלאָניע, געוועזן סמעטענע־פאַבריקן, וואָס האָבן טעגלעך אָפּגענומען ביי די פערציק טויזנט ליטער מילך, געוועזן אַ שטאַרק אַנטוויקלטע מילך־ווירטשאַפט, אַז מ'האָט דעריבער די קאָלאָניע קלאַרא אָנגערופן „דאָס צווייטע האָלאַנד".

„איצט וועט מען מיט גלייכגילטיקייט צוקוקן ווי ס'פאַרשוואונדן די צוויי לעצטע קרעמעריעס פון דער קאָלאָניע צום גרויסן שאָדן פון פּראָדוצירער. אויב פאַר „ריווער פּלעיט" לוינט נישט דאָס געשעפט, לוינט עס אָבער פאַר אונז. ווייל די אויפגאַבע פון אַ קאָאָפּעראַטיווע איז נישט אינוועסטירן קאַפּיטאַלן, וואָס זאָלן ברענגען רענטע, נאָר צו פאַרטיידיקן אונזער פּראָדוקט און אונזער אַרבעט. שוין צייט מען זאָל האַנדלען אויף אייגענער אחריות. מען

מוז זיך אָפּגעוואוינען פון דעם געדאנק, אז טוען עפּעס פאַר אונז. ווען א פרעמדע אינסטיטוציע, אז אלץ וועט שוין איינאָרדענען די יק״א (אויף דער דאָזיקער צוזאמענקונפט איז געווען א פּראָפּאָזיציע, אז די יק״א מוז העלפן איינאָרדענען די „קרעמעריע״). קאָלאָניסטן דארפן נישט ווארטן, אז פון דרויסן זאָל מען זיי איינמערקזאם מאכן, וואָס זיי פעלט. זיי מוזן אליין בויען, דארפן מער נישט קיין אָנשפּאַר, דארפן נאָר אייניקייט און פארשטענדניש פאר זייערע אייגענע ענינים...״

רופט בסדר צו זעלבסטשטענדיקער האנדלונג, פארטיידיקן דעם אייגענעם כבוד, די אייגענע פּראָצע, וואָס קאָן נאָר דערגרייכט ווערן דורך קאָאָפּעראַטיוויזם.

די דאָזיקע געלעגנהייט צו פּרעדיקן דעם קאָלאָניסט אחדות, צוזאַמענשלוס פון די אייגענע רייען נוצט ער תמיד אוים אויף די גענעראַל־פארזאמלונגען פון פאָנדאָ־קאָמונאַל אין „פאָלקס־הויז פון לא קאפּיזשא״. פון ווייט און ברייט, פון אלע עקן פון דער שיינער קאָלאָניע קלאַרא, פון דעם שענסטן אידישן דאָרף זאָנענפעלד, פון דעם מיט פייגנבוימער באַשאָטנטן „רחל״, פון דעם פרומען כרמל, יהודית, פון די ווייטע גרופּעס פון פּערליסא, פון באַראָן גינזבורג, פון די ווייטסטע צעוואָרפנסטע גרופּעס „דעספּאַרראַמאַדאָס״ ציען וועגענער צו צוויי־דריי „זיצן״ — שכנים פאָרן בחברותא — סולקעס מיט פלינקע און פוילע פערד, אויטאָמאָבילן, צום פאָלקס־הויז, וואו ס׳דאַרף אָפּגעהאלטן ווערן די יערלעכע גענעראל־פארזאמלונג, וואו מ׳גיט אָפּ א באריכט פון דער גאנצער טעטיקייט במשך פון יאָר, וויפיל תבואה פארקויפט, וויפיל קאָלאָניסטן האָבן געקויפט, פארקויפט דורך זייער קאָאָפּעראַטיווע, וויפיל פארדינט. קומען קאָלאָניסטן אויסהערן דעם באריכט, קומען זאָגן זייערס א מיינונג, זייערס א קריטיק, ווען ס׳איז נויטיק, אמאָל אויך איבערכאַפּנדיק די מאָס.

נאָר אלץ גייט אָפּ בשורה, מיט אָרדנונג, מיט דיסציפּלין, ווייל דאָ זיינען די קאָאָפּעראַטיוויסטן אדורכגעגאנגען די שולע פון זייערע לערער: סאַבאַראָוו און קאַפּלאַן. ווען סאַבאַראָוו האָט פאר זיינע אויגן די מאסע

1920: חנוכת הבית פון לא קאפיזשער פאָלקס-הויז. צווישן דער ריזיקער מאסע קאָלאָניסטן מיט זייערע משפחות דערקענט מען כאראקטעריסטישע תושבים פונם שטעטל און סביבה, ווי: נ. בייגראס י. אפרון, אפרים יאגופסקי, מרדכי מיידאניק, מ. טאס, זאלקינד א. א.

פון הונדערטער קאָלאָניסטן, אלטע בערדיקע בכבודע גרייז־גרויע אַקער־בויער, קאָלאָניסטישע פרויען, געטרייע לעבנס־באַגלייטערנס פון זייערע מענער אין משך פון זייער גאַנצן האָרעפּאַשנעם לעבן, קאָלאָניסטישע זין, אָפּגעברויינטע, קערניגע געזונטע, צוזאַמענגעוואַקסענע מיט דער דאָזיקער ערד, אייניקלעך פון די ערשטע פּיאָנערן אויף די ענטרע־ריאָסער ערדן, ווען ער זעט די קערניגע וואוילע קאָלאָניסטישע טעכטער, — פילט ער זיך אזוי וואונדערבאר היימיש און ס'קומט ארויס איינע פון יענע וואונדערלעכע פּאָעטישע אימפּראָוויזאַציעס, וואָס רייסן מיט דעם עולם.

און אפילו סאַכאַראָוו מוסרט — אין די לעצטע יאָרן טוט ער עס אָפט — נעמט מען עס פאר ליב. מען הערט אויס מיטן גרעסטן דרך ארץ. אָפט פארגעסט ער זיך, רעדט לענגער, שוין אביסל צו לאַנג און אויפן טאָג־אָרדנונג שטייען דאָך אַ סך זאַכן, יעדער וויל נעמען דאָס וואָרט, זיך אָראָפּרעדן פון הארצן, אויך די וואַלן פון א נייער ליטונג, און די צייט איז אזוי קורץ: קוים טונקט זיך די זון אויפן האָריזאָנט לעבן דאָמינגעז, הויבט דער עולם אָן זיך צו צעפאָרן. לייגט סאַכאַראָוו נאָר אוועק א מין גרויסע לעקציע, די קריטיקער קריטיקירן, מורמלען: סאַכאַראָוו מיט זיינע פאַנטאַזיעס, אָבער האָבן קיין ברירה: מוזן זיך צו־הערן צו די אמתן, וואָס זיינען אָפט ביטערע פּילן, דער גרויסער קאָאָ־פּעראַטיוויסט אויסערט זיך גאַרנישט שוינענד איבער די שלעכטע קאָאָ־פּעראַטיוויסטן:

„די גוטע מיטגלידער ליידן פון די מעשים פון די שלעכטע...
נאָר א דריטל פון דער פּראָדוקציע פון דער קאָלאָניע גייט אַדורך דורך די הענט פון דער קאָאָפּעראַטיווע. א טייל מיטגלידער דענקען, אז ווען זיי פארקויפן זייערע תבואות דורך זייער קאָאָפּעראַטיווע, ברענגט עס זיי לויטער שאָדן. און דאָס פּאַסירט, ליידער, נאָך עטלעכע און דרייסיק יאָר זיין מיטגלידער פון א קאָאָפּעראַטיווע. פאראנען אזעלכע מיטגלידער וואָס ווילן גאַרנישט זיין קיין קאָאָ־פּעראַטאָרן, ווילן נאָר האָבן דעם פּראָפיט פון זייער אינסטיטוציע, רק נעמען נוצן פאר זיך. זיבעציק פּראָצענט פון די קאָלאָניסטן זיינען נישט קיין גאַנצע קאָאָפּעראַטיוויסטן. טראַכטן נאָר פון איי־

גענעם נוצן, איז קיין קאָאָפּעראַטיוויזם! לויטער פּראָפיט קאָן קיין שום קאָאָפּעראַטיווע געבן. אז ס'קומט אויס צו ברענגען קרבנות, מוז דער מיטגליד זיין מוכן ומזומן עס צו טון.

„ס'וואָלט געווען ראַטזאַם פאַר די מיטגלידער, זיי זאָלן זיך פאַרטראַכטן איבער דעם ענין דיווידענדן. לויט מיין מיינונג מוזן די דיווידענדן פון דער קאָאָפּעראַטיווע דינען דערצו צו קאָנסאָלידירן די אינסטיטוציע, פאַרגרעסערן דעם סאָציאַלן קאַפּיטאַל. נאָך אַלעמען זיינען מיר נישט קיין אַקציאָנערן פון עפּעס אַן אייזנבאַן-געזעלשאַפט, וואָס האָבן אינזינען נאָר אויסשליסלעך דעם פּראָפיט. אַ קאָאָפּעראַטיווע איז דאָך נישט קיין איינפאַך געשעפט.

אַ קאָאָפּעראַטיווע איז דאָך אַ שריט פאָראויס צו דער צוזאַמענאַרבעט פונם מענטשן, וואָס וויל באַזייטיקן זיינע עגאָאיסטישע נייגונגען. מען מוז באַקעמפן אין זיך די אינדיווידואַליסטישע נייגונגען, ווען נישט קאָן מען נישט זיין קיין מיטגליד פון אַ קאָאָפּעראַטיווע, וואו איינער איז פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם..."

נישט בלויז די שלעכטע מיטגלידער פון דער קאָאָפּעראַטיווע זאָגט ער דעם אמת אין די אויגן אריין, נאָר אויך די פירער אַליין וואָגט ער אַריינצוזאָגן האַרבע ווערטער.

דאָס איז דער פאַל אויפן צווייטן קאָאָפּעראַטיוון קאָנגרעס אין בועַנאָס איירעס אין יאָר 1937. נאָכדעם ווי ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן די זיכערקייט פונם קאָלאָניסט ביי זיין ערד, וואו סאַכאַראָוו האָט זיך איינגעשטעלט מיט גרויס ענערגיע, אז ס'מוז ווערן געשאַפן דאָס געזעץ פון סטאַביליטעט פון דעם פויער ביי זיין שטיקל באָדן, וואָרום:

„ווען דער קאָלאָניסט פאַרלירט די מעגלעכקייט צו אַרבעטן די ערד, איז פּונקט ווי אַ סאָלדאַט וואָלט פאַרלוירן זיין ביקס אינמיטן דער שלאַכט."

האָט ער קריטיקירט די אָנהענגער פון געצוואונגענער קאָאָפּעראַציע:

„איך בין פון דער אַלטער שולע: פרייע קאָאָפּעראַציע. איך מוז דאָ רעדן פריי אָפן: די מערהייט פון די קאָאָפּעראַטיוועס פאַר-

גוואַלטיקן די פּרינציפּן פון דער קאָאָפּעראַציע. די שולד האָבן די פּירער: די גרעסטע מכּה פון די קאָאָפּעראַטיוועס זיינען די פּירער פון די זעלבע. ס'איז א פאַקט, כאָטש א זייער מאָדנער: א סך פּי־רער גיבן די מיט:לידער א זייער שלעכטן ביישפּיל: פאַרקויפן זייער פּראָדוקציע צום סוחר, נישט צו זייער קאָאָפּעראַטיווע, וואָס זיי פירן אָן. מ'דאַרף דערציען די פּירער! אָט א פּראָבלעם: דיווידענדן וואָלטן געדאַרפט ווערן אָנגעווענדט פאַר קולטורעלע און דערציע־רישע צוועקן. א קאָאָפּעראַטיווע אָן אן אָנשליסנדע ביבליאָטעק, אָן אן אייגענעם קאָנפערענצן־זאַל — האָט קיין באַרעכטיקונג. מ'דאַרף דערציען די מאַסן, אונז דאַרף אינטערעסירן די געוואַלטיקע מאַסע פון נישט קאָאָפּערירטע, וואָס האָבן, לײַדער, טראָץ זייער אָרעמ־קייט, טראָץ זייער דלות, נאָך נישט באַגריפן די נויטיקייט פון אחדות. מ'דאַרף אַלע צעשפּליטערטע פאַראייניקן..."

דער זאַל האָט געציטערט פון די לאַנגדויערנדע אַפּלאָדיסמענטן. די דעלעגאַטן פון אַלע נאַציאָנאַלע קאָאָפּעראַטיוועס האָבן טראָץ די ביטערע אמתן אויף זייער אייגענעם חשבון, אָנגענומען די באַלערונג פון אונזער סאַכאַראָוו, וואָס האָט ווי תמיד קיינעם נישט נושא פּנים געווען, נישט גענומען אין אכט די מעגלעכקייט צו ווערן באַליידיקט, אָבער ער האָט עס געזאָגט אין אזא באַשיידענער אייגנאַרטיקער פאָרם:

„איך אליין נעם אויף זיך אביסל פון דער שולד: געהער אויך צו די פּירער" — אז דאָס אַדיטאָריום האָט אים מוחל געווען און אפילו אַפּלאָדירט.

זיין גרעסטן ענטוזיאַזם, זיין ממש יוגנטלעכן ברען ווידמעט ער, אז ס'זאָל ווערן רעאַליזירט דער אויטאָנאָמער פינאַנציעלער אינסטרומענט פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע, די פּראָיעקטירטע אידישע אגראַר־באַנק. זיין חבר קאַפּלאַנס איניציאַטיווע. און צו להכעיס ציט זיך די דאָזיקע אומגעהויער וויכטיקע איניציאַטיווע יאָרן־לאַנג, דורכמאַכנדיק פאַרשידע־נע גילגולים פון קאָלאָניזאַציע־פאָנד ביזן היינטיקן „פאָמענטאָ אגראַריאָ", דער געזעלשאַפט צו סטימולירן די אידישע קאָלאָניזאַציע. סאַכאַראָוו איז

אומגעדולדיק, פאַרוואָס דער עני̇ן גייט נישט אין דעם טעמפּאָ, ווי ער וואָלט עס זיך געוואונטשן. אין פערזענלעכע געשפּרעכן גיסט זיך ביי אים אַ שטראָם רייד:

„פאַרוואָס גייט אַזוי לאַנגזאַם די אַגראַר־באַנק? צי פאַר־שטייט מען דען נישט, אַז די קאָלאָניזאַציע איז די באַזע פון אי־דישן ישוב אין אַרגענטינע, יאָ, אויך פון גאַנצן אידישן פאָלק? די אידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע וואָלט געדאַרפט וואַקסן אין די הונדערטער טויזנטער, נישט טראָפּנווייז... פאַרוואָס שטייט מען נישט אין רייען זיך צו פאַרשרייבן אויף אַקציעס פון דער אַגראַר־באַנק? פאַרוואָס בין איך נישט יונגער, מער ביי די כוחות, וואָלט איך יעדן פּען־האַלטער, יעדן זשורנאַליסט, געגעבן אַ פייערדיקע פּען אין האַנט אַריין צו שרייבן, צו וועקן, אַרויסשלעפּן אַלעמען פון דער גלייכגילטיקער אַפּאַטיע, וואָס הערשט ביי אונז צום איבער־בוי פון אונזער פאָלק. איך וואָלט פאַר יעדן שרייבער געהאַלטן פייערדיקע רעדעס, ער זאָל זיין, די אַפּאַטישע מאַסן, איבערגעבן מיין ענטוזיאַזם פאַרן ווערק פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע. איך וואָלט נישט מיד געוואָרן יעדן פון זיי אַריינצוהאַמערן די־אַ אמתן אין מוח אַריין, אַז מען טאָר ניט לאָזן פאַרלוירן גיין קיין איין מעטער פון אידישן באָדן, ווייל פון דעם איז אָפּהענגיק אונזער פאָלקס געזונט... מען וואָלט געדאַרפט מיט פייערדיקע אותיות דאָס אויפשרייבן אויפן אידישן געוויסן... פאַרוואָס פאַרשטייט מען דאָס נישט? פאַרוואָס יאָוויענען זיך נישט יונגע באַגייסטערטע מענטשן, וואָס זאָלן וועקן, רופן צו דער אַקציע פון פאַרגרעסערן און קאָנסאָ־לידירן די אידישע קאָלאָניזאַציע?...״

די ברילן גלאַנצן, און דאַכט זיך די אויגן בליצן. די מחשבות זיינען ווייטע, טראַנסצעדענטאַלע, קוקן ווייטער פון דער קעגנוואַרט, זעען וויזיעס:

„אַ, ווען איך וואָלט געווען יונגער מיט כאָטש צוואַנציק יאָר, וואָלט איך נישט גערוט טאָג און נאַכט, איך וואָלט געוועקט די

יוגנט צו מעשים, איך וואָלט זיי צום טויזנטסטן מאָל געגעבן צו פאַרשטיין דעם באַדייט פון אחדות, וואָלט זיי געוויזן די־סכנות פון עגאָאיסטישן אינדיווידואַליזם, איך וואָלט אויסגעפונען אַזעלכע רייד, וואָס מוזן איבערצייגן... נישט די זשורנאַליסטן וואָלטן געקומען מיך אויספרעגן, איך וואָלט געלאָפן צו זיי, זיי בעטן: שטעלט צו דינסט אייער פעדער דעם פאָלק, שרייבט נאָר איבער די געזונטע יסודות אינם לעבן פון א פאָלק: די ערד, דאָס צוריקקערן צו דער נאַטור אלס באַזע פון רענעסאַנס...“

און צו אַ קאָלאָניסטישע פובליקום אין פאָלקס־הויז פון לאַ קאַפּיזשאַ:

„מיר דאַרפן פאַרטיידיקן יעדן מעטער באָדן פון אונזערע קאָלאָניעס. עס איז וויכטיק, אַז דער באָדן־באַזיץ זאָל בלייבן אין אידישע הענט. מיר זיינען עס שולדיק דעם הייליקן אָנדענק פון באַראָן הירש. ליידער, איז מען גלייכגילטיק, מען וואַרט אויף ניסים, אויף הילף מחוץ. מיר זיינען גלייכגילטיק צו אונזער גורל. אַט האָט זיך געגרינדעט אַן אגראַר־באַנק, און פון די דריי טויזנט פינפהונדערט קאָלאָניסטן האָבן גאָר ווייניקע אונטערגעשריבן אַקציעס פון דער דאָזיקער לעבנס־וויכטיקער אינסטיטוציע, וואָס האָט שוין באַוויזן, לויט אירע באַשיידענע מעגלעכקייטן, צו העלפן אַ סך קאָלאָניסטישע משפחות פון דראָענדן אונטערגאַנג. און שטאָטישע מענטשן האָבן כמעט גאָר קיין פאַרשטענדניש פאַר זייער אייגענער באַזע. איר קאָלאָניסטן, מוזט פאַר דער אגראַר־באַנק זאָרגן מער ווי אַלע, ווייל אין דער שטאָט איז פאַר דער קאָלאָניסטישער יוגנט גאָרנישטאָ וואָס צו טון. זי מוז האָבן די מעגלעכקייט צו בלייבן ביי דער ערד־אַרבעט, און דאָס וועט דערמעגלעכן נאָר אַ אידישע פינאַנץ־אינסטיטוציע, וואָס וועט העלפן פאַרגרעסערן די קאַדרען פון אידישן ערד־אַרבעטער־קלאַס, ער זאָל וואַקסן אין די הונדערטער טויזנטער משפחות.“

אויפן פייערלעכן דערעפענונגס־אַקט פונם קאָנגרעס פאַר דער אגראַר־באַנק פון יוני, יאָר 1939, האַלט ער איינע פון די שטימונגספולסטע רע־

דעם, וואָס עלעקטריזירן ממש דאָס ריזיקע פּובליקום. פּרייט זיך וואָס די שטאָט האָט ענדלעך באַגריפן די וויכטיקייט פון דער אידישער אַגריקול־טור אַלס באַזע פון ישוב.

„דער קאָלאָניסט פאַרדינט יעדע פּראָטעקציע, ווייל ער איז זיך מקריב, ער קעמפט מיט די קאַפּריזנע נאַטור, ער ליידט פון טריקענישן, פאַרטרינקענישן, הייִשעריקן.

„איך האָב גענאָסן די גלעגנהייט אויף מיין אייגענעם לייב עס צו פילן, איך בין געבליבן צוגעבונדן צו דער ערד ביזן היינטיקן טאָג, מיין גרעסטער פאַרגעניגן איז דער גאָרטן. פאַר דעם פּויער, דעם אומבאַקאַנטן העלד, מוזט איר אַלץ טון. איר מוזט העלפן צו רעאַליזירן דאָס גרויסע ווערק, אַז ס'זאָל קיינמאָל נישט קענען געשען דאָס פּיינלעכע, דאָס שרעקלעכע, דאָס אומגערעכ־טע, אַז אַ משפּחה, וואָס האָט באַגאָסן מיטן שווייס פון זייער פּנים די מאַמע־ערד, זאָל נאָך אַ רייע יאָרן ווערן פון איר אַוועקגעיאָגט. דאָס טאָר נישט געשען! איר שטאָטישע מוזט אַפילו העלפן, אַז דאָס לעבן פון דעם וואָס פּראָדוצירט פאַר אייך נאַרונגס־מיטל, און קליידונג, זאָל ווערן שענער, באַקוועמער. די אויטענטישע ערד־אַרבעטער, אויסגעפּרוּאוווטע אין טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר דער עקזיס־טענץ האָבן דאָס רעכט עס פון אייך צו פאָדערן, זיי האָבן דאָס רעכט צו האָבן אַ שענער לעבן...״

דאָס רעכט פאַר אַ שענער לעבן פאָדערט ער בעת זיין רייזע אין הונגעריקן בערנאַסקאָני פון יאָר 1939, רעקאָמענדירט די אויסגעמוטשע־טע ברידער, זיי זאָלן מאַכן שענער זייערע שטיבלעך, פלאַנצן ביימלעך, איינשאַפן ראַדיאָס...

אין ערשטן אויגנבליק פאַרשטייען זיי אים נישט, נעמען עס אָן ווי אַ חוזק: בעת ס'איז נישטאָ קיין ברויט, זיך איינשאַפן ראַדיאָס!.. אָבער באַלד דרינגען זיי דורך דעם טיפן זין פון די ווערטער: דער אָרימסטער קאָ־לאָניסט זאָל גייען מענטשלעך־הויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פאָדערן אַלץ, וואָס אַ מענטש אין אַרבעטנדער, אַ שאַפנדער האָט דאָס פולסטע רעכט

צו פאַרערן. יאָ, גראד ראדיאָס אין הונגער־יאָרן, כדי הויך צו האַלטן דעם מוט, זאָל אין דעם באשיידענעם אָרימען שטיבעלע ארײנדרינגען די מוזיק, דאָס ליד, זאָלן יונגע מענטשן פארברענגען, נישט אראָפּפאַלן ביים מוט, בכדי אנטקעגנצוגייען די בעסערע צייטן, וואָס קומען אָן.

דאָס איז סאבאראָוו דער רעדנער, וואָס האָט אָנגעהויבן פרעדיקן דעם אידעאַל פון קאָאָפּעראַטיוויזם אין הויף פון דער ערשטער קאָאָפּעראַטיווע, אין זיין אייגענעם הויף פאַר גרופּעס פון חברים, וואָס האָבן אים געהערט, פארשטאַנען און מיטגעגאַנגען אויף דעם אָנגעצייכנטן וועג, פון וועלכן ער איז קיינמאָל נישט אוועקגעגאַנגען, אויך פון דער ערד איז ער נישט אוועקגעגאַנגען. אמליבסטן פילט ער זיך אין פעלד, אמליבסטן רעדט ער פאַר א קאָלאָניסטיש אודיטאָריום, ארום און ארום זאָל זיין דער ריח השדה, פאַר זיך דורכגעאַקערטע קאָלאָניסטישע פנימער, ווערט ער באגייסטערט, דאָס איז זיין סביבה, זיי פארשטייען אים, אפילו ווען ער רעדט מיט א שוואַכער מידער שטימע, פארשטייען אים אפילו, ווען זיי זיינען נישט אינגאַנצן מיט אים איינשטימיק, אפילו ווען עטלעכע דערלויבן זיך צו שפּאַטן פון זייער „נביא".

ווירקט און דרינגט אריין זיין וואָרט ווי דער טראָפּן, וואָס לעכערט אדורך דעם שטיין, ווי די רעגנס, וואָס וואַשן אוועק די ערד־אויפריסן פונם פרוכטבארן ענטרע־ריאָס, ווירקט עס און לאָזט איבער טיפע שפּורן אינם געדאַנק פון קאָלאָניסטישן צוהערער. און ווער עס הערט זיך צו מיט אַן אויפמערקזאַם אויער צו סאבאראָווס רייד, מוז ווערן א בעסערער מענטש.

די פּערזענלעכקייט

...און ווי איר זייט דערהויבן,
דערהייב איך אייך נאָך מער;
איז אייער זיג — מיין גלויבן.
און גרינג ווערט, וואָס ס'איז שווער...

אברהם רייזין.

א מאָגערע עטוואָס געבויגענע פיגור, נאָכגעביק־גוטמוטיק פּנים, שמייכלענדע אויגן, ליבלעכע שטימע, רעדט שפּאַניש, אידיש מיט א רוסישן אקצענט.

פאַר אלעם זיינע אויגן, וואָס ציען צו אלעמען, גלעטן, און פאַרן ברודער־קאָלאָניסט דריקן זיי אוים ליבשאַפט, טרייסט. „סאַכאַראָוו זאָגט, סאַכאַראָוו האָט געזאָגט, סאַכאַראָוו מיינט. סאַכאַראָוו...” סאַכאַראָווס אויגן זיינען שמייכלענדע. און וואָס האָבן די אויגן אלץ נישט איינגעזאַפּט בשעת זיינע אומצאָליקע נסיעות לטובת זיינע ברידער איבער דער ארגענטינער רעפּובליק!

אין שליחותן לטובת הכלל, געטרייסלט די ביינער איבער די סטעזשקעס און וועגלאָזע וועגן פון ענטרע־ריאָס מיט יאָרן צוריק; אויף ברישקעס, אָפט אָנרעסאָרדיקע, אויף כּולקעס אונטער רעגן, ברענענדיקער זון, געשלעפּט זיך אויף בלאָטיקע וועגן, ברענענדיקער המימה, אונטער אייזיקע דרום־ווינטן, עסנדיקער פייכטיקייט, נעפּלען, — פון פּאַלמאַר זשאַטיי ביז עסקרינע, פון סאַן אנטאָניע ביז לא גאמא; נישט גע-

זשאלעוועט דאס געזונט אבי צו דינען זיינע ברידער. — צו זיין אונטער־וועגס אויף שיפן, באנען, צו די ווייטע פארוואָרפענע ברידער אויף די זאמדן, טאסקאס פון בערנאסקאני, ריוועראַ, צו זען די גדולה פון זיינע חברים אויף די גרינע בליענדע אלפא־פעלדער פון מאָעסוויל, איבער־געטראָגן זיין האפערדיק געפליגלט וואָרט פאר די האָרעפּאשניקעס־קאָלאָניסטן, זיי אריינגעגעבן מוט, באוואוסטזיין, שטאָלץ, דערהויבונג און אפשאצונג פון אייגענעם ווערט, געמאָלן אין זיינע רעדעס דאס גליק־לעכע צוקונפטס־לאנד פון אידישן פויער, פון אלע פויערים אויף גאטס שיינע וועלט:

„מיר ווילן דערגרייכן, אז אלע אידישע פויערים פון ארץ ישראל, פון דרום־ און צפון־אמעריקע, פון רוסלאנד, פון דער גאנ־צער וועלט זאָלן בילדן איין פארבאנד.”

נאָר א גאנץ קליינער טייל פון זיי האָבן באנומען דעם גרויסן גאנצן פארנעם פון די רייד פון „דעם מאן פון דער וויזיע אין דער אידישער קאָלאָניזאציע”, ווי ס'רופט אים אָן אין אן ארטיקל אין „הבימה העברית” דער זשורנאליסט י. מאקראנסקי.

די ווירקלעכקייט איז געווען דערווייל א הארטע. קאָלאָניזאציע איז נישט בלויז אידיליע ווי עס מיינען מאנכע פּאָעטן־טרוימער, וויסהענטל־דיקע און אנדערע אפּאָלאָגעטן פון ערד־ארבעט. קאָלאָניזאציע איז א הארט שטיקל ברויט, א לעבן פון אָנשטרענגונג, שווערער, שווערער האָר־רעוואניע, אָפט אוממענטשלעכער קאמף מיט סטיכישע כוחות. און דאָרטן וואו דאס שטיקל ברויט איז א קארגס, הארכט מען זיך ווייניק צו צו די ווערטער פון א צוקונפטס־מאָלער, כאָטש דער זעלבער וויל דאָך טאקע אָנווייזן דעם דרך צו א בעסער און שענער לעבן. הונגעריקע, אוס־צופרידענע, נעמען אָן פון דעם פירער נאָר דעם טייל פון פראָגראם, וואס בילדעט דעם חיי־שעה.

פון סאבאראָוס וועלט־ארומנעמע־דע חלומות, האָט מען נעמוזט דערווייל זיך באגני־ען מיט רעאליזירן דאס קלענערע פראָגראם, צושטערן אויסבויען די אייגענע קאָאָפעראטיווע, דאס וואס גיט ממשותדיקע

מיגעל סאַבאַראָוו
1940

באַלדיקע מאַטעריעלע נוצן, און דערנאָך די ווייטערע צילן. די קאָאָפּעראַ־טיווע מוז אַנטהאַלטן אין זיך אַלץ, וואָס דער קאָלאָניסט נויטיקט זיך, מוז האָבן אַן אייגענע מיל, מאָלן אייגן ברויט פון אייגענעם ווייצן, אייגענע בעקעריי, — אַפילו מצות־בעקעריי, — שותפישע דרעש־מאַשינען, קאָאָפּעראַטיווע שניידער־ און שוסטער־וואַרשטאַטן, קאָאָפּעראַטיווע קע־זערייען, אַן אייגענע דרוקעריי, זעק־ און פּאָדים־פאַבריק, אַלץ וואָס א קאָלאָניסט נויטיקט זיך אין זייןווירטשאַפט.

פון דעם רעדוצירטן פּראָגראַם ווערט אויך נאָר א קליינער טייל רעאַליזירט, ווייל די סביבה איז ווייט, ווייט נאָך נישט צוגעגרייט אַפילו צו דעם מינימום־פּראָגראַם.

וויזט טאַקע מאַקראַנסקי אָן אויף דעם קאָנטראַסט פון סאַבאַראָוו, דעם געוואַלטיקן געוואַגטן טרוימער, דעם ווייטזעעוודיקן און זיינע מיט־גייער, דאָס פאָלק, צווישן וועלכן ער האָט געווירקט, וואָס האָט ווייט, ווייט נישט געהאַט דעם זעלבן אידעאַליסטישן צוגאַנג צו די אַלע גרויס־צוגיקע פּלענער.

די קאָלאָניע האָט דאָך אַלערליי עלעמענטן, שוין אין דעם איינציקן פּרט: די באַציאונג צו דער יק״א, וואָס איז אויך נישט געווען תמיד גע־רעכט, — זיינען געווען קאָלאָניסטן קריגערישע כאַראַקטערן, אינדיווי־דואַליסטן, מיסטרויאישע, טומלער, און פון דער אַנדערער זייט רואיקע, פּאַסיווע, אַרבעטזאַמע און געדולדיקע נאַטורן, — צווישן זיי לויכט אַרויס סאַבאַראָווס געשטאַלט מיט זיין גאַנצער שיינקייט. כאָטש ער האָט אויך מיטגעהאָלפן אין געהעריקן קאַמף קעגן געוויסע דיקטאַטאָרישע פּראָצע־דורן מצד דער יק״א, אָבער ער האָט עס געטון תמיד מיט טאַקט און איידלקייט.

אָפט קומט אים אויס צו קעמפן מיט מענטשן אָן שום קריטעריום, וועמען דאָס פּערזענלעכע איז תמיד נעענטער ווי דאָס אַלגעמיינע וואויל־זיין, מענטשן, וואָס האָבן נישט געוואָלט לערנען פון יענעם, אַפילו פון א גייסטיק העכער־שטייענדיקן, מענטשן, וואָס האָבן נישט געזעען ווייטער פון זייער אייגענער „אַלאַמבּרע״ — אגב, סאַבאַראָווס א פּאַרוואָרף צו



פאַרוואַלטונג פון פאָנדאָ קאָמונאַל — 1925

סאַבאַראָוו צווישן באַקאַנטע קאָלאָניסטישע פירער פון קאָלאָניע קלאַראַ: מ. פּוסטילניק, מ. אפרון, פערדמאַן, געניכאָוויטש, ע. סאַס, ל. בידי, מ. וואָרטמאַן, מ. קיפּין, יודל אפרון; א. קאַפּלאַן א. א.

די קאָלאָניסטן, וואָס קוקן נישט אריבער ווייטער פון זייער אייגענער שטוב־אומצוימונג — זיי, די מהרחרי־ריב, האָבן זיך באמיט אים אריינצושלעפן אין קליינלעכע פערזענלעכע חשבונות, כדי צו פארמינערן זיין חשיבות.

ס׳איז א פאקט, אז דער מענטש, וואָס האָט זיך ממש מקריב געווען פאר זיינע ברידער קאָלאָניסטן, וועמענס לעבנס־באגלייטערן האָט געליטן איינזאמקייט צוליב די ווייטע און אָפטע רייזעס, און בכלל צוליבן זיין כסדר אונטערוועגס פארן קיבוץ, — האָט אים אויסגעפעלט דאָס ביסל צייט ווי געהעריק צו זאָרגן פאר די פערזענלעכע מאטעריעלע ענינים, — ס׳פלעגט אים גיין מיט דער פוטער אראָפּ. ווי אלע אידעאליסטישע פערזענלעכקייטן, האָט ער אפשר נישט געהאט קיין טאלאנט צו איינאָרדענען די לעבנס־באדינגונגען אין פראקטישער הינזיכט. האָבן דעריבער מאַנכע נישט־פארגינער, בעלי־רכילות געזוכט צו ווארפן א שאָטן אויף דער אומבאפלעקטער פערזאָן.

אָבער ער איז אלעמען מוחל. אפילו, דאן ווען מ׳טוט עם עפּנטלעך, מ׳ווארפט באשולדיקונגען, מ׳גיט אָנצוגעהערענישן, מ׳טראכט אויס נישט־געשטויגענע בילבולים, — האָט סאבאראָוו תמיד הלל׳ם גערולדע, ענטפערט אָפּ געלאסן, אָן רוגזה: — „דער ליבער „קאָמפּאניערא״ (חבר) האָט ראָ געזאָגט... אָבער, ס׳ווייזט אויס, ער האָט אוודאי געהאט א טעות...״ דער בעל דבר פלעגט קומען שפּעטער אליין סאבאראָוון איבערבעטן פאר זיין טעות.

טראָגט נישט אין הארצן קיין שנאה אויף קיינעם. דעם לערער, צוליב וועלכן ער האָט אָנגעשריבן דעם באקאַנטן „אָפענעם בריוו״, בעט ער איבער, פארטיידיקט אים בעת א שפּעטערדיקן סכסוך אין אן אנדערער קאָלאָניע: — צו אייך האָב איך גאָרנישט געהאט, נאָר איך האָב בלויז קריטיקירט א סיסטעם. אז דער אינספּעקטאָר אפרון וויל אין זיינם א באריכט אָנגעבן, אז ס׳איז נויטיק צו באזייטיקן דעם לערער, ווייל יענעמס פּרעסטיזש איז געשעדיקט, שטעלט זיך סאבאראָוו אנטקעגן: — מ׳טאָר

נישט שעדיקן יענעם אין דער פּרנסה, זאָל מען דעריבער שרייבן: א טייל פונם פּרעסטיזש.

איז טאָלעראַנט צו אַלעמענס מיינונגען און אידעאָלאָגיעס. נישט זייענדיק קיין רעליגיעזער מענטש, רעספּעקטירט ער שטאַרקט די פרומע אידן, די טראַדיציעס, הייסט פייערן די אידישע ימים טובים. אין די ביבליאָטעקן רעקאָמענדירט ער אויסצושרייבן אפילו ש״סן, ווייל ס׳גע־הערט צום אייגענעם פאָלקס־אוצר. דעסגלייכן ווייזט ער ארוים גרויסן אינטערעס פאַר די אידישע שולעס, בכלל פאַרן דערציאונגס־וועזן. פאָרט מיט אָפּט אויף אינספּעקציעס, פרייט זיך מיט א געלונגענעם ענטפער פון א שול־קינד, גלעט די קינדער איבער די קעפּלעך. די פרוי אָלגא סאַבאַראָוו פלעגט זאָרגן פאַר די אָרימע שול־קינדער, — איז געווען די ערשטע גרינדערן פון די אַזויגערופענע פּראָטעקציע־געזעלשאַפטן צו געבן דעם אָרימען שול־קינד ברויט, מילך און די עלעמענטאַרסטע קליידונג. די אַרבעטער און פּעאָנעס האָבן געהאַט א גרויסן אָפּשיי פאַרן „דאָן מיגעל״, פון וועמען זיי פלעגן קיינמאָל נישט הערן קיין הויך וואָרט, גריסן אים תמיד מיט פאַרגעטערונג: „מוי בוענאָס דיאַס, דאָן מיגעל!״ אמאָל האָט עפּעס אן אויפגערעגטער פּעאָן ארויסגעכאַפּט א מעסער, אָבער פילנדיק אויף זיך דעם זייער מילדן בליק פון דעם אזוי ליבן דאָן מיגעל, צעוויינט ער זיך פון גרויס חרטה.

בייזערט זיך זעלטן. ביי שטורמישע פאַרזאַמלונגען, ווען סאַבאַראָוו און קאַפּלאַן האָבן אויסצושטייען דעם גרעסטן אָנגריף דורך פאַרלוימדונ־גען, נישט־פאַרדינטע פאָרוואורפן, גייט ער אמאָל ארויס פון געדולד, גיט א קלאַפּ מיטן פויסט אין טיש, ווענדט אָן א רעלאַטיוו שאַרפן וואָרט אויפן חשבון פונם מיסטרויאישן קעגנער, וואָס שאַנעוועט אים נישט, סיי בפניו, סיי שלא בפניו. — האָט ער שפּעטער תיכף חרטה, לויפט איי־בערבעטן זיין ערגסטן אָנגרייפער. שטרעקט אים אויס דער ערשטער די האַנט, גרייט מוחל צו זיין אויף אַלע עוולות. מאַקראַנסקי שטרייכט אונטער אין זיין גלענצענדער אָפּהאַנדלונג איבער סאַבאַראָוו: „זיין

סבלנות איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. דאָס איז אַ מענטש מיט אַן אײדל האַרץ, אַ מזג־טוב — אַ גרויסע נשמה."

מיט גרויס וואַרימקייט און דרך ארץ פלעגן זיך באַציען צו אים די אויסגעשפּראָכנסטע קעגנער זיינע, וואָס פלעגן נישט מסכים זיין מיט אים אין זיין געלאַסענער טאַקטיק, פלעגן אים האַלטן פאַר אַ קאָנסער־וואַטיוון מענטשן. וואָגן קיינמאָל נישט דירעקט אָנצוגרייפן, טוען עס תמיד הינטן־אַרום, קומען פונדעסטוועגן זיך עצה'נען מיט אים, שטייען אין בריוו־וועקסל, ווייל אויך זיי איז וויכטיק צו וויסן סאַבאַראָווס שטעלונג צו די אָדער יענער פראַגע. דירעקטע פּערזענלעכע באַליידיקונגען דולדעט די קאָלאָניע נישט אויף „איר סאַבאַראָוו", — אין אַזאַ פאַל האָט דער באַליידיקער שיעור נישט אַריינגעכאַפּט קלעפּ פון אַ קאָלאָניסט אַ פאַר־געטערער, דערפאַר, וואָס יענער האָט געוואָגט פוגע בכבוד צו זיין „אונזער סאַבאַראָוו".

מ. זוסמאַן, אַ קאָלאָניסט פון דאַראַ שרייבט: „מיר אַלע האָבן אים ליב און ווייסן, אַז ער וויל אונזער רעאַלע וועלט זאָל זיין אַזוי שיין ווי די, וואָס ער שילדערט אין זיינע רעדעס פאַרן פייער, וועמענס נשמה און לעבן ער קען אַזוי גוט, און ווייס, אַז מ'מוז אים פאַרגרינגערן זיין לאַגע..."

פאַרגרינגערן די לאַגע, פאַרשענערן דאָס לעבן, דאָס איז דאָך דער צוועק פון זיין לעבן און שטרעבן. צוליב דעם האָט ער דאָך מקריב געווען זיין מאַטעריעלע עקזיסטענץ, צוליב דעם שטעלט ער איין זיין געזונט, שוין זייענדיק אַ זקן, אונטערנעמענדיק צוזאַמען מיט זיינע ליבע פריינט יצחק קאַפּלאַן און ו. גלעזער די שווערע נסיעה קיין בערנאַסקאָני, קיין ריוועראַ, וווּ ברידער אין נויט רופן.

שילדערט דער ריווערער קאָלאָניסטישער עסקן ש. אייזענבערג די פּריידע זיך צו באַגעגנען צום ערשטן מאָל מיט דעם ווייט און ברייט באַ־רימטן סאַבאַראָוו:

„זינט איך האָב אָנגעהויבן אָנטיילצונעמען אין קאָלאָניסטישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, שטענדיק ווען קאָלאָניסטישע פּראָבלעמען זיינען געוואָרן שאַרף און צוגעשפּיצט אין די יק"אַ־קאָלאָניעס, אין

דער קאָנגרעס פון דער אידישער אגראר-פעדעראַציע אין מאָזעסוויל, אין יאָר 1928

אַלע באַריכטן וואָס איך האָב געלייענט פון קאַלאָניסטישע קאָנגרעסן און צוזאַמענפאָרן פון דער „פּראַטערנידאַד אַגראַריאַ", אין שמועסן מיט קאַלאָניסטישע געזעלשאַפטלעכע טוער, מיט אַלטע קאָאָפּעראַטיווע פירער, אין דער צייטונגס-כראָניק פון אַלגעמיינע אַגראַר־קאָנגרעסן, שטענדיק זיך אָנגעשטויסן אויפן נאָמען דאָן מיגעל סאַבאַראָוו. איבעראַל דער נאָמען סאַבאַראָוו.

„ביי אַלע קאַלאָניסטישע פּראָבלעמען, און לעצטנס דאָס טרויעריקע פּראָבלעם „נאַרסים לעוועץ", ווידער: סאַבאַראָוו און סאַבאַראָוו. האָט זיך ביי מיר אין דמיון אויסגעפורעמט אַ בילד, אַ פאַלשטענדיק בילד פון דאָן מיגעלן, פון זיין פיזישן און גייסטיקן אויסזען, פון זיין אופן רעדן פאַר קאָלאָניסטן, פון זיין גרויסן אידעאַל צו זען אַ נייע־אויפגעבויעטע אָרדנונג באַזירט אויף יושר און סאָציאַלער גערעכטיקייט דורך קאָאָפּעראַטיוויזם, פון זיין טרוים צו זען גליקלעכע, צעפרידענע, זאַטע קאָלאָניסטישע היימען, פון זיין חלום פון פול געלאָדענע שיפן מיט תבואות פון די קאָאָפּעראַטיוועס שווימען איבער אַלע ימים צו ווייטע פרעמדע לענדער פאַר אַנדערע שוועסטער־קאָאָפּעראַטיוועס. אַ בילד פון פאַרקערפּערטן אידעאַליזם, פון אַ קריסטאַל־ריינער נשמה, — האָב איך אים געזען פאַר מיינע גייסטיקע אויגן, — און זיך געוואונטשן אים צו קענען פון דער נאָענט, צו רעדן מיט אים פּערזענלעך, צו באַ־געגנען פּנים אל פּנים דעם גרויסן טרוימער פון דער קאָלאָניסטישער משפּחה.

„מיט נאָך צוויי חברים איז ער געזעסן אין האָטעל און גע־מיטיקט — מען האָט אים מיר נישט באַדאַרפט פאָרשטעלן, איך האָב אים גלייך דערקענט, עקזאַקט ווי איך האָב מיך אים פאָרגע־שטעלט: אַ ליבלעך־סימפּאַטישן פּנים, טיפע קינדישע אויגן, וואָס קוקן אַריבער איבער די ברילן, — אַ גרויסן צעאַקערטן שטערן פול מיט קנייטשן. אַ ברייט־וואַרימע האַנט גיט שלום עליכם. איך טראַכט זיך: — ווער זאָגט דאָס, אַז דעם מענטשן קען איך ערשט

זינט עטלעכע מינוט, אַז איך זע אים צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן. ניין, מיר זיינען שוין יאָרן און יאָרן באַקאַנט. ערשט נישט לאַנג האָבן מיר זיך געזען, און זיך צעשיידט אויף אַ ווילע, און באַלד וועט זיך אונזער איבער־געריסענער געשפּרעך שפּינען ווייטער. אָט שמועסן מיר ביידע געמיטלעך, חברלעך, אָן אַנגעצויגנקייט. רעדן מיר פון די חברים פון נאַרסים־לעוועז, פונוואַנען זיי קומען איצט אָן, זיצט מען, הערט מען מער צו, ווי אַליין רעדן. מיר איז אינטערעסאַנט צו הערן ווי אַזוי זיינע געדאַנקען ווערן פאַרוואַנדלט אין ווערטער, דער אידיש וואָס קייקלט זיך שווער, שווער, דער אומבאַהאָלפענער בליק צו חברים, זיי זאָלן אים אַרויסהעלפן מיט אַ וואָרט אין אידיש, די סאַטיספאַקציע, ווען אַ העברעאיש ווער־טעלע גליטשט זיך אַרויס גלאַטיק, נישט פאַרהאַקט זיך. — איך רעד אַ גויאישן אידיש, זאָגט מיר סאַבאַראָוו. און איך טרייסט אים, אַז נאָר דער אַקצענט איז אַביסל פרעמדלעך, אָבער דער אידיש איז גאַנץ קאָרעקט, אַ שמייכל צעגיסט זיך איבער זיין ברייט פּנים, ער איז שטאַרק צופרידן מיטן קאָמפּלימענט.

„שפּעטער אַביסל אין גרויסן זאַל, זיצט אַן עולם קאָלאָניסטן מיט אָנשטרענגונג נישט צו פאַרלירן קיין וואָרט פון אַלטן וועטע־ראַן. — איך באַשטיי אויף מיינע שוין אַרויסגעזאָגטע פאָדערונגען, אַז קאָלאָניסטן זיינען באַרעכטיקט צו אַ בעסער לעבן, — קלינגען שטאַרק אָפּ זיינע ווערטער — אָבער, העכערט ער דעם טאָן, איר, חברים קאָלאָניסטן, דאַרפט זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיינעם, אַז פרעמדע, זייטיקע זאָלן אייך העלפן. אַליין נעמט אייער גורל אין אייגענע הענט, פאַרשטאַרקט אייער קאָאָפּעראַטיווע, מוטיקט אייע־רע קאָאָפּעראַטיווע פירערס, און ווערט באַלעבאַטים פון אייער אייגענעם שיקזאַל. דער קאָאָפּעראַטיוויזם איז די שולע, וואָס בע־סערט אויס דעם מענטשן, פירט אים צום וועג פון קעגנזייטיקער הילף, — ציט ער ווייטער דעם פאָדים פון זיין געדאַנקען־גאַנג. איך קוק אויף דעם רעדנער, און ווער אַרומגענומען מיט גרויס גע־

פיל פון ליבשאפט צו דעם טרוימער. האָט מען דאָך אים מיט זיינע אָנהענגער מיט דריי צענדליק יאָר צוריק ביי די וויקעלעך פון קאָאָ־פעראטיוויזם, כמעט ווי אויסגעלאכט, געהאלטן אים פאר א מין פאנטאזיאָר. — מיר קומען איצט פון בערנאסקאָני, זעצט פאָר דער רעדנער, און פונקט ווי מיט צען יאָר צוריק האָבן מיר געזען די הילף פון בערנאסקאָניער קאָלאָניסטן אין א קאָאָפעראטיווע, אזוי האָבן מיר היינט זיי געזאָגט: — זוכט אייער הילף אין דער קאָאָפעראטיווע, שטארקט אייער אָרגאניזאציע און די הילף וועט מוזן קומען. דאכט זיך ווערטער נישט קיין נייע, שוין פיל מאָל געהערטע, געלייענטע, און דאָך, איז דער איינדרוק א קאָלאָסאלער. מיר האָבן געהערט שוין שענערע רעדנערס, אָבער די וויבערע נשמה פונם רעדנער, דאָס מענטשלעכע אין אים, דער גרויסער אי־דעאליזם פון דעם, וואָס שטייט דאָ און רעדט, די האַרמאָנישקייט צווישן רייד און טאַט, וואָס באַהויכט אָט די באַקאַנטע ווערטער, ווירקט אויפן עולם, פארטראָגט אים אין א וועלט פון אידעאליזם, אין א וועלט פון מער יושר, און ס׳איז גוט צו זיין אין די רייען צווישן די קעמפער פאר א שענער און בעסער לעבן.

„און ווידער צוזאמען ביי א פריינט אויף א גלעזל טיי, אין א סביבה פון היימישקייט. מיר רעדן איבערן קאָלאָניסטישן לעבן און איבער די וועג און מיטלען, וואָס קענען פירן צום אויסבעסערן דעם מצב פון קאָלאָניסטישן לעבן. איך דריק אוים מיינע צווייפלען, צי קען בכלל די קאָאָפעראטיווע אין דער איצטיקער סאָציאל־פאָליטישער אָרדנונג פארגרינגערן דעם דאָזיקן שווערן מצב, און נאָך א רייע מיינע מיינונגען.

„סארע טאָלעראנץ, סארע ריין מענטשלעכע געדולד צו יענעמס מיינונגען, ווייזט ארוים דער מענטש סאַכאַראָוו. פאמעלעך, געלאסן, ווישט ער אוים די ברילן. — פריינט מיינער, ציילט ער די ווערטער: מעגלעך; אז ס׳איז אויך א וועג, — קאמף איז אָבער נישט דער אויסדרוק פון מיין נשמה, איך וואָלט וועלן זעען

מענטשן גליקלעך אַז קאַמפּן."

ער האָט געהאַט רעכט: סאַכאַראָוו האָט אין זיין פילזייטיקער פּרוכטבאַרער טעטיקייט אויפן געביט פון קאָאָפּעראַציע אויסגעמיטן ווי ווייט מעגלעך די ליניע פון קאַמף.

איבער זיין גוטסקייט גייען אַרום צווישן פאָלק פאַרשידענע אַנעקדאָטן און עפּיזאָדן.

מיר וועלן דאָ ברענגען אייניקע עפּיזאָדן, וואָס וואַרפן אַ געוויסע שיין און כאַראַקטעריזירן די דאָזיקע נאָבעלע און מענטשן־ליבנדע פערזענלעכקייט.

ער איז מקרב יעדן מענטשן, נישטאָ ביי אים קיין אונטערשיד: מעג עס זיין דער באַשיידנסטער אָרימסטער מענטש, נעמט ער יעדן אויף בסבר פּנים יפות, ווען זיין מאַטעריעלע פּאָזיציע האָט עס אים נאָר דערלויבט, פלעגט ער אונטערקומען מיט הילף יעדן נויטבאַדערפטיקן. דאָס זאָגן עדות די אומצאָליקע בריוו, וואו מ'בעט שטיצע, הלוואות: „איר זענט דער איינציקער, וואָס קאָן אונז העלפן".

ער גיט אַלעמען.

באַקלאָגט זיך אַ נייער קאָלאָניסט פאַר אים, אַז ר'איז נישט בכוח צו קויפן אַ פלוג, אָן וועלכן זיין ווירטשאַפט קאָן זיך נישט באַגיין, — האָט גאָרנישט געבעטן, אַזוי דרך אגב זיך באַקלאָגט, — איז אויף צומאָרגנס פאַרפאָרט צו זיין שטיבל סאַכאַראָווס וואָגן, און צוויי פעאָנעס לאַדעוועז אָפּ אַ געניצטן פלוג. געהאָלפן דעם קאָלאָניסט שטעלן אויף די פיס.

אַזוי העלפט ער אַלעמען, לייט אוים קי אָרעמע קאָלאָניסטן, די קינדער זאָלן האָבן מילך, זאָל זיין אַ זאַטע שטוב, זיינע פערד גייען געשפּאַנט אין פרעמדע פלוגעס, גיט צעטלעך אין דער קאָאָפּעראַטיווע אויף זעקלעך מעל, אויף זשערבע, צוקער פאַר אָרעמע שכנים, וועמענס קאָסעטשעס זיינען דורכגעפאַלן, גיט אָרדענס אויף פעקלעך דראָט פאַר די תמיד צעקריגטע שכנים: צוליבן סקאָט וואָס גייט אין שאָדן, לייעט אוים דעם לעצטן סענט, גיט חתימות־גאַראַנטיעס אויף היפּשע סומעס אין

אַלערליי בענק: נישקשה, א קאַלאָניסט איז א בטוח, וועט אָפּצאָלן ביזן לעצטן סענט, אָבער אַז מ׳קען נישט, מוז סאַכאַראָוו מוחל זיין און „ארעגלירן" אליין דעם חשבון...

שכנים לייען זיך אויס „אויף א פּאָר שעה בלויז" דעם וואָגן, די בולקי, אָבער מען מיסברויכט מיט דער גוטסקייט, מ׳איילט זיך נישט אָפּצוגעבן די סולקי: דעם באַלעבאָס קומט אויס אָפט צו גייען צופוס, ביטצוכאַפּן זיך אויף א וואָגן זעקלעך קיין לאַ קאַפּיזשא. נישט זעלטן ברענגט מען אים צוריק דעם וואָגן אָדער דאָס וועגעלע א צעשעדיקטעם. בייזערט זיך נישט, וואַרפט נישט פאָר. אדרבא, ווען זיין סולקי אָדער וואָגן איז אין פרעמדע הענט, באַמיט ער זיך, גייט צו צו א שכן, לייט אויס פאַר יענעם, דאָס וואָס ער בעט.

דער אַלטער תושב פון לאַ קאַפּיזשא, נחום בייגראָם, דערציילט פאָלגענדן עפּיזאָד פון זיינס א באַזוך ביי סאַכאַראָוון אין יאָר 1914:

„עס איז געווען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ניי־געגרינדעטער לייַ־ און שפּאָר־קאַסע. מען איז געווען יונג, אומדערפאַרן. פאָרט מען צום קאָלאָניסטישן רבין פרעגן אַן עצה, ווי אַזוי מ׳זאָל פירן די נייע אינסטיטוציע.

„אין סאַכאַראָווס גערוימיקן שררה׳שן הויף שטייען אַן א שיעור וועגענער, סולקים, ביי די צוימען זיינען אָנגעבונדן אַלערליי אָנגעזאָטלטע פערד. די מענטשן שטייען אין פירהויז שטויסן און שטופּן זיך אָנצוקומען צום זייער פאַרנומענעם סאַכאַראָוו... ווי ביי א דאָקטער אין וואַרטע־צימער. אַלע דאַרפן א טובהלע. ער נעמט זיי אויף פריינטלעך מיט זיין האַרציקן שמייכל און מיט זיין פאַר־דייטשטן אידיש, בעט איבער מ׳זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער לאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן. די פאָרשטייער פון „בענקל" ווערן פאַרבעטן מיט דער גרעסטער גאַסטפריינטלעכקייט אינעווייניק אין גערוימיקן זאַל, און מ׳פילט זיך תיכף אין א היימישער פאַטערלעכער אַט־מאָספערע. פונקט ווי אַן אייגענער גאָר נאָענטער, ווי אַן עלטערער



סאַבאַראָוו צוזאַמען מיט זיינע פריינט ברוך בענדערסקי, דעם מחבר פון די „אידישע פעלדער" און אברהם גאַבים.

דערפּאַרענער ברודער, צו וועמענס ווערטער מ׳הערט זיך צו מיט גרויס יראת הכבוד.״

אינדרויסן הינטער די פענסטער, אין קאָרידאָר דער זשום, דאָס גע־מורמל פון די ווארטערס. זיי זיינען אלערליי, אלט און יונג, אידן און קריסטן, פארביטערטע אלמנות קומען דערלייידיקן ענינים וויכטיקע אָדער מינדערוויכטיקע, ס׳רוב ביטעם פון פערזענלעכן כאראקטער. סאכאראָוו האָט פאר יעדן א טרייסט און אָפט אויך ממשותדיקע הילף, קאָן נישט אָפּזאָגן, איז נישט גלייכגילטיק צו מענטשלעכע טרערן, צו מענטשלע־כער נויט.

אָט טרעפט ער אין קאָרידאָר א גרופּע פון צען פּערזאָן, רוסן־דייטשן מיט זייערע ברייטע לייביקע „מאמאס״, פּראָסטע האָרעפּאשנע מענטשן, אויך זיי זיינען געקומען צום „גוטן יודען״ בעטן הילף. די קאָסעטשע אין סאנטא אניטא איז אין דעם יאָר געוועזן א דורכגעפאלענע, האָט מען געהערט פון „דעם וואוילטעטיקן יודען״ און געקומען בעטן זריעה, בעטן געלט אויף פערד, אויף א זעקל מעל.

און ווען ער קאָן נישט אליין, זאָל ער, דער גוטער, ווייזן א וועג, וואו ס׳עפנט זיך א טיר. זיי זיינען דאָך נעבעך שטומע באשעפעניש, קענען נישט שרייבן, קענען נישט לייענען.

סאכאראָוו איז גערירט, ביי אים איז דאָס זייער נאטירלעך: ברידער־קאָלאָניסטן קומען בעטן הילף, — אלע מענטשן אָן אונטערשיד פון ראסע און גלויבן זיינען ברידער, — און ערד־ארבעטער, וואָס האָבן די זעלבע פריידן און ליידן זיינען דאָך אודאי און אודאי נאָענט צום אייגענעם לייב.

מוז מען זיי העלפן, זיי אויסהערן און טון אלץ מעגלעכע.

גייען ארויס בוקענדיק און דאנקענדיק. אן עלטערער בערדיקער דייטש קוקט זיך נאָך א ווײלע אום צו דער טיר, די אויגן פייכט פון טרערן, צלמט זיך פרום, אלע טוען אים נאָך... דער דרינען, דער הייליקער האָט זיי געהאָלפן.

די צוויי פאָרשטייער פון דער ערשטער אידישער ליי־ און שפּאָר־

קאַסע אין אַרגענטינע, בייגראַס און זייגער, זיצן אומדרייסטע אויף די פּשוטע הילצערנע בענקלעך, פון דער וואַנט ווינקט צו זיי דאָס בילד פון גוטן דר. ירחי ע״ה. סאַכאַראָוו איז פאַרמאַטערט פון די פילע באַזוכער, אָבער לאָזט די געסט עס נישט מערקן. דאָ אין אויפנאַם־צימער הערשט דער גייסט פון נישט־לענגסט פאַרשטאָרבענעם דאָקטאָר נח ירחי, דער הומאַנער־פאָלקס־איבערגעגעבענער מעדיצינער, סאַכאַראָוס לערער און פריינט. עס ווערט וואַרעם אויף דער נשמה, אז דאָן מיגעל באַגריסט הבריש די יונגעלייט, וואונטש זיי גליק צום שאַפן פון דער וויכטיקער קרעדיט־אינסטיטוציע, גיט זיי אַן א שיעור עצות ווי אזוי צו פירן דאָס „בענקל", וואָס וועט שפּעטער „אויסוואַקסן צו א ריזיקער. גראַנדיעזער אונטערנעמונג...".

סאַכאַראָווס צוקונפטס־וויזיעס. אזוי תמיד אינספּירירט ער באַגייסטערונג ביים וויגל פון יעדער נייער אינסטיטוציע אויפן קאָאָפּעראַטיוון געביט, זאָגט ער פאָראויס דאָס הונדערטפאַכע, כדי צו געבן קוראַזש, צו באַפליגלען די פירער.

א מאַסע דאַנקבאַרע עפּיזאָדן דערציילט זיך ס'פאָלק איבער זיין ראָלע אלס רודף־שלום אין דער קאָלאָניע. אזוי איז שוין דער שטייגער: שכנים קומט אויס זיך קריגן, א דאגה דאָ, זיך צוליב וואָס צו קריגן. ס'רוב צוליב א לויזער דראָט, דורך וועלכע א קריכערישע קו גייט אין יענעמס פּאַסיעוו, צעטרעט ווייצן, האָבער, א מעשה מיט א שותּפשער זיי־ אָדער דרעש־מאַשין, א געליענעם וואָגן, וועלכן מ'האָט צוריקגעבראַכט א צענערעקטן, אן אָפּמאַך צו דרעשן ביים יענעם און נישט „קומפּלירן", רכילותן, אויסרעדן אויף יענערס מאַן, אָדער פרוי. א „שלימזלניצע", דאָס נישט וועלן זיך משדך זיין; אָדער אָפּלאָזן א שידוך — קאָן שאַפן א מין ברוגז, אז שכנים ווערן זיך בלוטיקע שונאים. פעלט דען אוים שטאָף צו מחלוקתן אין א דאָרף, וואו אין די לאַנגע ווינטער־נעכט ביי א מאַטע אָדער ביי קערלעך באַרעדט מען זיך אָביסל, און די „פּאָטשט" ווער ס'זאָל אויסאײַנאַנדערטראָגן פעלט נישט אין קאָלאָניע. פאַראַנען קריגערייען פון זין מיט אן אַלטער מאַמען, אן אלמנה,

ווענען זיי דארפן על פּי קאָנטראַקט און על פּי יושר פארזאָרגן מיט אַ געוויסן יערלעכן אָפּצאָל פון איר אייגענעם קאמפּ, וועלכן זי האָט זיי אָפּגעשריבן נאָך ביים לעבן, האלטן זין נישט קיין וואָרט, געוואלדעוועט די בעוולהטע מאמע אין די קאָרידאָרן פון דער קאָאָפּעראַטיווע: סטייטש, אזוי און אזוי, הער סאכאראָוו־לעבן. דער גזלן לאָזט אַ מאמען אויס־גייען פון הונגער...

דעם מענטשנס כאראקטער איז דאָך בכלל גענייגט צו פארטיידיקן דאָס אייגענע פעלכל, און ביים פּויער איז דאָס אינדיווידועלע נאָך שטאַרקער.

איז מען געווען געצוואונגען צו שאפן די בוררות־אינסטיטוציע, וואו אנגעזעענע קאָלאָניסטן מיט אַ קריטעריום האָבן ווי ווייט מעגלעך אומ־פּארטייאיש פארזוכט צו שליכטן די אלערליי מחלוקותלעך פון גרעסערן אָדער קלענערן אומפאנג.

מיר נעמען ארויס פון „יודישן קאָלאָניסט“ די תקנות פון בוררות־געריכט:

א ר ב י ט ר א כ ע ס

איך אלס סעקרעטאר פון דער בוררות־אָפּטיילונג פון פּ. ק. האָב געפונען פאר נויטיק באקאנט צו מאכן אלע אונזערע געערטע מיטגלידער, אז כדי דער גאנג פון די ארביטראכעס זאָל זיך פירן רעגלמעסיק מיט אַ גוטן אָרדנונג, מוז יעדער מיטגליד ביים אָנפאנגען זיין פּראָצעס אויס־פאָלגן ריכטיק פאָלגענדע רעגלען:

1) די אָנקלאגע מוז געמאכט ווערן שריפטלעך (אויף אַ ריינעם בויגן פּאפּיר) אין אידיש, שפּאניש אָדער רוסיש.

2) אין דער ביטע מוז זיין אָנגעצייכנט דייטלעך: 1) די פּעטשא, 2) דער נאָמען און פאמיליע פון ביידע צדדים און פון די עדות, 3) מעסטאזשיטעלסטווא ארט־וואוינונג פון יעדן באזונדער, 4) אין קורצן אין וואָס עס באשטייט דער פּראָצעס.

3) ווען דער אָנקלאָגער ברענגט ניט זיין ביטע פערזענלעך, דאַרף ער זי שיקן אין אַ פארמאכטן קאָנווערט, אדרעסירט אין פּאָנדאָ קאָמונאל אויף דעם נאָמען „ארביטראכעס־אָפּטיילונג“.

ביי דיזע געלעגנהייט האָב איך די ערע צו דערקלערן און אויפ־

מערקזאַם מאַכן אונזערע מיטגלידער אויך וועגן פאָלגענדן וויכטיקן הינזיכט:

ווען א מיטגליד דערהאַלט אַן אַוויסאָ צו קומען אין פּ. ק. וועגן אַרביטראַכע, און ער וויל ניט, אָדער אָבער א וויכטיקע אורזאַכע קען ניט קומען, ליגט אויף אים די מאָראַלישע פליכטע רעספּעקטירן אונזער אַנשטאַלט, אַוויסירן וועגן דעם צו דעם טאָג פון ראַזבאָר, אום צו פאַר־שפּאָרן פּיל אומזיסטע אַרבעט און דאָס גלייכן אומזיסט צייט צו פאַר־ברענגען די כוררים וועלכע זיינען אויך קאָלאָניסטן ניט קיין לײַדיק־גייער.

מיט אַכטונגספאָל א ל י ה ו י ר ח י.

גאָטע: ווען דער אָיסטעין־אָנקלאָגער קומט ניט אין טאָג וואָס עס איז געצייכנט אין דער אַוויסאָ, און איז ניט מודיע קיינע וויכטיקע אורזאַכע דאַצו, אין פאַרלויף 5-6 טאָג, פאַרענדיקט זיך זיין אַסונטאָ אָן א שום רעזולטאַט.

אַמאָל איז סאַכאַראָוו דער פּאָרזיצענדער פון אַזאַ מין „פּריוואַטן געריכט". מ'באַהאַנדלט א פאַל פון א אידן א בייזן, א ספּילשליוועץ, וואָס האָט טענות צו זיין שכיר, באשר בכן, זי האָדעוועט גענז.

— איז דאָך גוט, טענהט דער בית דין אָן היתר הוראה, וועט איר דאָך האָבן פעטע גענז אויף פּסח.

— אַזוי לאַנג קרענקט זי, ביז מירן עפּעס האָבן פון די גענז. אַלץ גייט אין זייער גאָרגל אַריין. און א חוצדעם האַלט מען די גענז גראָד אונטער די פענצטער, און די גענז לאָזן, הייסט עס א גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן. מ'איז פּשוט אָן אויסגעמוטשעטער: די גענז גאַגערן און מ'קאָן קיין אויג נישט צוטון.

ס'ברענט ממש א פייער, מ'רייסט זיך, מ'בייסט זיך. מ'עט סמען, פאַרטרייבן מיט הינט. מ'עט זיך טון אין טויט אַריין.

— אַז זי, די קליפּה, האָרכט נישט קיין אַלטן מאַן.

ווי געוויינלעך ביי א בוררות הייסט מען אונטערשרייבן, אַז מ'וועט אויספירן דעם פּסק דין. די צדדים טראָגן אַריבער זייערע קריגערייען אפילו פאַרן בוררות. א וואָרט פאַר א וואָרט. ווי העגער מיט שפּאָרן. און דער שווער מיט דער פּען אין דער האַנט, — שטופּט סאַכאַראָוו צו

די פּען: — פאַרשרייבט, פאַרשרייבט, אַז דער שלאַק זאָל איינגעמען אַ מיתה משונה... אַנדערש וועל איך נישט קענען שליסן קיין שלום.

סאַכאַראָוו, וואָס איז נישט אַזאַ בקי אין פאָלקסטימלעכן קללות־לעקסיקאָן, כאַפּט זיך נישט, אַז דער איד שילט מיט וויסטע פינצטערע קללות זיין שניר, הייסט פאַרשרייבן: — סעקרעטאַר, פאַרשרייבט...

דאָך איבערבעט מען זיך, מ׳הויבט זיך אָן צו שעמען, צו זיין אויף מעסער־שטעך צוליב אַזאַ קלייניקייט.

אַזוי אינטערוועניִרט ער אויך אָפּט אין געזעלשאַפטלעכע רוגזן, וואו ס׳שאַפן זיך צדדים, ווען אַ שטעטל טיילט זיך אויף צוויי פיינטלעכע לאַגערן, ווען די מחלוקות ווערט שוין אַ קאַפּריז, — רופט מען סאַכאַראָוון, מ׳לייגט אַוועק די אַלערליי טענות, מ׳ווערטלט זיך אויפסניי, אָבער סאַכאַראָווס אָנוועזנהייט מילדערט די קריגעריי. סוף כל סוף ווערט שלום.

ס׳גייט אים אין לעבן ס׳זאָל זיין שלום, אפילו ר׳זאָל דאַרפן זיך לאָזן קאָסטן: און דאָס פלעגט געשעען גאָר אָפט, אַז ער האָט זיך באַמיט צו באַזייטיקן די סיבה פון די קריגעריי, פאַרלייגנדיק אַ געוויסע סומע געלט פון זיין קעשענע. ער איז תמיד גרייט געווען עס צו טון, ווען דער פּ. קאָמונאַל אָדער אַ יחיד האָט זיך געפונען אין אַן עת צרה. ווען דער פּ. קאָמונאַל האָט זיך געפונען אין אַ גרויסער עקאָנאָמישער פאַרלעגנהייט צוליב אַ רייע פון דורכגעפאַלענע שניטן, האָט סאַכאַראָוו אויף אַן אויסעראָרדענטלעכער גענעראַל־פאַרזאַמלונג אויסגערופן:

— איך שלאָג פאָר, כדי צו ראַטעווען אונזער ליבע אינסטיטוציע, זאָל יעדער קאָלאָניסט פאַרקויפן אַ פערד, ווי שייך, געפינט זיך דען נישט ביי יעדן פון די „קאָמפּאַניעראָס“ עפּעס אַן איבעריק „זשעגוועלע“, וועט ער דערמיט העלפן אויפהויבן די אינסטיטוציע, וואָס מיר האָבן אַלע אַזוי ליב. איך גיב צוויי פון מיינע בעסטע פערד: מ׳קאָן זיי תיכף גיין נעמען.

אויף איינער פון די לאַ קאַפּיזשער אויסעראָרדענטלעכע גענעראַל־פאַרזאַמלונגען, וואו ס׳איז געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדנונג דער זייער דרינגענדער ענין: די ליציטאַציע פון אַ קאָלאָניסטישן קאַמפּ, וועמען



אין יאָר 1912 פאַר דער אָריגינעלער שטוב, מיטן שטרויענעם דאַך, אין קאָלאָניע לעוועז.

ס׳האָט געדראָט די סכנה אריינצופאַלן אין פרעמדע הענט, איז סאַבאַראָוו גרייט צו פאַרמשכנען זיינע אייגענע קי, — ער האָט בלויז זיין אייגנס עטלעכע קי, וואָס גיבן אים א זייער מאָגערע הכנסה. דער דאָזיקער זשעסט רירט די אָנוועזנדע ביז טרערן ממש. אפילו די האַרטהאַרציקע, וואָס ווייזן זעלטן ארויס מיטגעפיל צו א חברס נויט, זיי ווערן ברייטהאַרציק, אויפן אָרט ווערן פאַרשריבן די נויטיקע צוועלף טויזנט פעזעס, בתורת הלואה, און מ׳האָט אָפגעראַטעוועט א קאָלאָניסט צו ווערן פאַרטריבן פון זיין נחלה, נאָך יאָרנלאַנגער מי און האָרעוואַניע.

באַדויערט דער ברייטגעביקער סאַבאַראָוו, וואָס ער איז מאַטעריעל אָפּגעשוואַכט, אז ער קאָן נישט מער זאָגן: ברידערלעך, הערט אייך אויף צו קריגן! איר דאַרפט דראָט, איר דאַרפט א פּאָל, איר דאַרפט פּאָסטן, נאָט, אָטאָ, האָט איר אַן אָרדן אין דער קאָאָפּעראַטיווע...

דער סאַבאַראָוו פון אַמאָל וואוינט אויף אייגענע 500 העקטאַר, מעשה גוטבאַזיצער, אין א שיין רחבותדיק עכט דאָרפיש הויז, וואָס איז אי גרויס, אי באַקוועם, אי אָריגינעל מיט זיין סקאָסנעם געפלאָכטענעם שטרויענעם דאַך, וואו ס׳איז װאַרעם ווינטער און קילבלעך זומער־צייט, א הויז מיט א פּריציש אַריינפאָר, מיט א שטאַטלעכע הויכצעוואַקסענע אַלעע פון צוויי רייען שלאַנקע טאָפּאָלן, ווי טאָפּאָלן קענען זיך צעוואַקסן אונטער די בלויע ענטרע־ריאָסער הימלען. וועלדלעך, אַליינגעפלאַנצטע פון שאָטנדיקע פּאַראיסן מיט גלאַנציקע בלעטער, הונדערטער ווערבעס, וויינעדיקע ווערבעס, וואָס הילן איין דעם מידן גאַסט, נעמען אים ארום מיט דעם ווייכן, האַרבשמעקעדיקן ליבלעך־גרינעם שאָטן.

פאַר די שטוב בלומען, אַלערליי בלומען, וואָס די ליבלעכע באַלע־באָסטע האָט אזוי ליב געהאַט, אונטערן שטוב די פרוכט־בוימער, אַליינ־געהאָדעוועטע, אַליינגעפלעגטע, מיט ליבשאַפט ווי צו קינדער... און דער גרינס־גאָרטן, וואו מ׳פאַרברענגט די אנגענעמסטע צייט פון טאָג, אז מ׳לאָזט נאָר אביסל פריי, אז באַזוכער, געסט דערקוטשען נישט. דער רייכער סאַבאַראָוו, ביי וועמען די פעזע האָט נישט געשפּילט קיין שום ראָלע, וואו מ׳האָט אויפגענומען מענטשן מיט דער ברייטקייט פון א

רוסישן פּאָמיעשטשיק און לויט דער טראַדיציע צו זיין אַ מכנים אורח, פּונקט ווי אין דער היימישער אידישלעכער שטוב פון דעם טאַטן ע"ה אין מאַריופּאָל.

דער ברייטהאַרציקער ליבער מענטש האָט נישט געהאַט קיין גליק אַלס גוט־באַזיצער. דאָ אין אַרגענטינע איז נישט קיין פּאָלוואַרק אין טיף־רוסלאַנד, וואו ס'פּלעגט רינען מיט שפע, וואו די שפּייכלערס שטייען פולע, וואו די שפּיזשאַרניעס זיינען אָנגעשטאָפּט פון כל טוב. דאָ איז מען אינמיטן פון אַ סטעפּ, אין אַ נייעם נאָך נישט גאַנץ־באַקאַנטן לאַנד, דאָ קומען פון צפון שוואַרצע כמאַרעס פון היישעריקן, דאָ שווענקט דער גאָס־רעגן אַוועק די זריעה, דאָ פרירט דער פראָסט אָפּט אַוועק די האָרע־וואַניע אין סאַמע מיטן בליִעכץ, דאָ רעגנט נישט חדשים־לאַנג, און דער סקאָט שטאַרבט פון הונגער, דאָ איז די נאַטור זייער קאַפּריזנע, דאָ זיינען די באַקוועמלעכקייטן זייער באַשיידענע, דאָ איז אַ האַרט שווער לעבן, מ'מוז קעמפן מיט די נאַטור־קאַפּריזן, און אויב מ'פאַלט, מוז מען זיך אויפהויבן און גייען ווייטער, אַז דער ענטרע־ריאָסער הימל איז אַמאָל גינסטיק, גיט די פרוכטבאַרע ערד בשפע, באַצאָלט מיטאַמאָל פאַר די אַלע יאָרן פון בידעווען און האָפן.

סאַכאַראָוו האָט עס נישט געגליקט אין לעבן, אַריינגעצויגן אינם ווירבל, פונם לעבנס־קאַמף, האָט ער זיך וואָס מער פאַרפּלאָנטערט, גע־האַט עליות און ירידות, אָבער סוף כל סוף אַרונטערגעפאַלן אונטערן ראָד פון לעבן: פאַרלוירן אַ הון רב. צערינען אַ פאַרמעגן, אָבער פאַרביסן די ליפּן, נישט פאַרלאָזן די ליבע ענטרע־ריאָסער ערד, — ברידער־קאָלאָניסטן האָבן אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע.

אויפגעבויט אַ נייע היים: „לאַ גראַנכיטאַ אַלגאַ", לזכרון פון דער לעבנס־באַגלייטערן אַליאַ. וואָס האָט געפונען איר אייביקע רו אויפן זאַ־נענפעלדער הייליקן אָרט. אַ היים אויף פינף און צוואַנציק העקטאַר, אַ קליינע ווירטשאַפט, וואָס גיט בצימצום חיונה. אַ ציכטיק געצוים הויז, און אַרום און אַרום גאָרטן, בוימער, בלומען. אויפן צוים פון געפלאָכטע־נעם דראָט קלעטערן רויזן, מאַדרע־סעלוואַ. אין הויף אַ וואונדערבאַרע

ציכטיקייט ווי ביי א האָלענדישן פויער, אַלץ געצאַצקעט און געטאָקט, אַלץ אויף זיין אָרט.

אַט א גרופּע דאַליען פון אַלערליי קאָלירן און שאַטירונגען, אַט א קיילעכדיק טישל פון פּראָסטע קאסטן־ברעטלעך, אָפּגעפארבט בלוי, און ארומגערינגלט ווי פון שומרים געטרייע מיט שלאַנקע הויכע טונאַס.

אַט א חברותא פון שמעקעדיקע בלישטשענדיקע לאַרבער־ביימלעך, יונגע וואוילערישע רייען פון מאנדארינקעס, פון בויגעוודיקע פערעשקעס, וואָס פינקלען אקעגן דער זון.

און די וועגלעך און די בייטלעך זיינען חנעוודיק אָפּגעצוימט מיט געראַניעס, מיט אירים, מיט שלאַנקע באַרימערישע ליליען. און דאָס סאמע בעסטע פארברענגען פון סאכאַראָוו איז פּאָרט דער גרינס־גאָרטן מיט לאָפּעטע און מאָטיקל, גראָבן די ערד, מאכן בייטן, אויסגלעטן, אויסגלייכן זיי, ציען שטריקלעך און פארזייען אין א גלייכער ליניע, און זעען אויפגייען די שפּראָצעלעך, זעען צעוואקסן די בלעטעלעך, און ארומ־פּראשענען, ארומהאקן, און פרייען זיך קינדיש, הארציק מיט דער מי פון זיינע הענט.

די הינט בילן בייז, לויפן אקעגן דעם פערד אין סולקע, וואָס גליטשט זיך אריין דורך דעם שמאָלן וועגל, וואָס פירט צו דער שטוב. אויף דער וועראַנדע באַווייזט זיך די עטוואָס געבוקטע געשטאַלט, קומט ארויס מיט א שמייכלענד גוט פּנים, לאַדט איין מיט גוטסקייט: — ביטע, קומט אריין! אינעווייניק דאָס אויפנאַמע־צימער, ברייט־ליכטיק, פענצטער פירן ארויס אויף די אידישע פעלדער פון די גרופּעס „אבן הראשה", פונ־דערוווייטנס די מיט פייגנבוימער באשאָטנטע קאָלאָניע „רחל", דאָס איינ־פאכע מעבל: ביכער־געשטעלן, נידריק שרייב־טישל, עטלעכע פאָטעלן און בענקלעך, — שטייען אויסגעשטעלט אויפן ציגעלנעם פּאָל, וואו ס׳זיינען אויסגעשפּרייט רעדניעס.

אויף די ווייסאָפּגעקאַלעכטע ווענט בילדער, מאפּעס: די אביסל אָפּ־געבליאקעוועטע פאָטאָגראפיע פון סאכאראָווס טאטע־מאמע, פון דער גע־טרייער לעבנס־באגלייטערן אָלגא, פון דעם דר. נח ירחי, זיין לערער און

מייסטער, וועמענס אָנדענקען סאַכאַראָוו האַלט הייליק: ערגיץ אין א ווינקל באַהאַלט ער א רעליקוויע: דעם דאָקטער ירחים שטעקל, אין שרייבטיש א זאָרגפעלטיק איינגעבונדן פּעקל בריוו, דר. ירחים בריוו.

ווייס מען נישט, וואָס מען זאָל פריער טון, צו הערן סאַכאַראָוון רעדן, הערן זיינע וואונדערבאַרע געדאַנקען־רייד, וואו יעדעס וואָרט איז א לעבנס־מאַקסימע, א פּאָעטישער סטילפולער אויסדרוק פון א פּרעציזן געדאַנק, צי קוקן אויף די ביכער, די איינגעבונדענע און נישט איינגעבונדענע, וואָס פילן אוים די ברייטע געשטעלן פון עק ביז עק; זיי, די ביכער, האָבן דאָך פאָרמירט די ליכטיקע פּערזענלעכקייט. ס'ווילט זיך פּאַראַפראַזירן: ווילסטו דערקענען א פּערזענלעכקייט, זיין מהות, טאָ זע, וואָס ער לייענט, זע, וואָס האָט ער געלייענט במשך פון זיין לאַנג לעבן.



אין זיין ביבליאָטעק-צימער, יאָר 1920

ביידע זיינען וויכטיק: אי די רייד, וואָס שפּרודלען ווי א פרישער וואַסער־קוואַל, ווי דאָס ליכט פון דעם לויטערן טאָג, וואָס פליצט מיט שפע פון דעם קלאָרן הויכן ענטרע־ריאַסער הימל, אי די ביכער: יענע וואונדערבאַרע אַלטע גוטע ביכער, פון די אַלטע גוטע צייטן, פון די הומאַנע, יאָ ל י ב ע ר א ל - פאַרשריגענע צייטן, ווען מענטשן האָבן געגלויבט באמונה שלימה,

אַז דער מענטש איז גוט, אַז ער איז קיין ווילדע פאַרצוקנדע חיה.

נוצט מען אויס די געלעגנהייט, ווען דער באַלעבאָס גייט ברענגען אַ מאַטע פאַרן גאַסט, און מ׳כאַפּט זיך צו האַסטיק צו דער ביכער־שאַפע.

באַקאַנטע קליינע בענדער מיט געציקלטע, געליישטע גאָלד־אויפ־שריפטן אויף די רוקנס. היינריך היינע! געזיכט לויכט אויף. דיכטער פון דער פאַרליבטער בענקנדער יוגנט, „איך ווייס נישט, וואָס זאָל דאָס באַ־דייטן...״ דיכטער פון שפּאָטישן שמייכעלע אויף די פערזן־ליפּן. געקאָנט פון אויסווייניק אַ סך פון זיי. אַך יוגנט, האָפנונגען, ליבשאַפט, בענקעניש...

לעדערנע רוקנס פון די יוסטע רוסישע קלאַסיקער. דאָ אָטעמט עס מיט דער ברייטקייט פון די רוסישע פעלדער, מיט פאַרשנייטע וועגן, מיט דאָרפישן געזאַנג, מיט דאָרפישער נויט, מיטן מעכטיקן דניעפּער, מיט דער אוקראַינישער לבנה־נאַכט, מיט זאַפטיקע טשערעשניעס, מיט רוי־שנדע סאָסנאָווע וועלדער... מיט דער היימישער לופט פון יענעם ליבן גאַסטפרייַנטלעכן רוסלאַנד. פּושקין, לערמענטאָוו, טורגעניעוו, גאָגאָל, דער ליבלינגס־דיכטער נעקראַסאָוו, וואָס האָט באַזונגען דאָס בידנע מוזשיצקע לעבן, פאַר וועלכן די אַלע סטודענטלעך, בירגער־זינדלעך האָבן געוואָלט גייען אין פאָלק אַריין.

שפּעטער גענומען אַלס פאָרבילד דעם נביא פון יאַסנאַיאַ פּאָ־ליאַנאַ — אָט גייט ער דער אַלטער שטרענגער לאַנגבערדיקער נאָך דעם פּלוג, דערמאָנט דאָס בילדל אויף דער וואַנט תמיד אין דעם הייליקן קינסטלער־מוסרניק, וואָס האָט אומרואיק געמאַכט אַ גאַנצן דור מיט זיינע גריבלערישע געוויסן־פּרעדיקטן, סיי אין די זוכערישע ראָמאַנען, סיי אין די ווערק, וואו ער זוכט גאָט און אַ זין אין לעבן.

דרייסיק באַנד טאָלסטוי.

געגאַנגען איבערבויען דאָס לעבן, דערקענען די נאַטור, זיין נעענ־טער צו גאָט, לערנען אַרבעטן.

דאָס דערציילן די אַלע ביכער איבער באָטאַניק, זאָאָלאָגיע, געאָלאָ־גיע, האַנט־בוך איבער עופות־צוכט, דאָס לעבן פון די בינען, דאַרווינס

רייזע איבער דרום־אַמעריקע, פּלאַמאַריאַנס וואַנדערונגען אין וועלטן־רוים, זאַמל־ביכער איבער קאָאָפּעראַטיוויזם, קעגנזייטיקע הילף, ביכער איבער קאָאָפּעראַציע אין אַ סך שפּראַכן. גאַנץ געטע.

וועלכער אינטעליגענט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, איבערהויפּט דער, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ געוויסע נייגונג צו נאַטור־וויסנשאַפט, איז נישט געווען אַ בקי אין דעם ווערק פון גרויסן פילאָזאָף, פאָרשער און ליריקער געטע? ביכער, בראָשורן, איבער סאָציאָלאָגיע, פילאָזאָפיע, פאָרשונג: די געשיכטע פון אַ כראָמאָסאָמען, העקעלס וועלט־רעטענישן... און אַרכיוון, בריוו, פעקלעך פון זשורנאַלן, אויפרופן: אַ סך וויכטיקע, און מער נאָך אומוויכטיקע זאַכן... אין משך פון אַ לעבן, גיט מען זיך נישט אָפּ קיין רעכנונג, צי די אַלע שריט, וואָס מ׳נעמט אונטער, האָבן געהאַט אַ געוויסן באַדייט, אָדער נישט...

— יעדנפאַלס דאַכט זיך מיר, אַז עפּעס האָב איך געטון, פאַר עפּעס האָב איך געקעמפּט... פּוסט איז מיין לעבן נישט געווען... —

עס איז אַ לעבן אין אויסגעפילטעס מיט אַן אינהאַלט, נישט געלעבט בלויז פאַר זיך, פאַר אייגן הויז־געזונט, נאָר אָפּגעגעבן דרייפערטל פאַר יענעם, פאַר זיך גאָר ווינציק. און דערפאַר די סאַטיספאַקציע, די אינער־לעכע רו מיטן אייגענעם געוויסן: איך האָב עפּעס געטון פאַרן מענטשן, פאַרן נאָענטסטן, פאַרן ברודער.

באַטש ביי סאַכאַראָוון איז מענטשהייט אַ גאַנץ רעאַלער באַגריף, מענטשהייט אינם גייסט פון די נביאים, פון די גרויסע לערער פון די פעלקער, איז ער דאָך נישט קיין נודנער אינטערנאַציאָנאַליסט. ער האָט ליב זיין פאָלק מיט יענעם שטילן באַשיידענעם און גלייכצייטיק זעלבסט־באַוואוסטן שטאָלץ. די עקזיסטענץ פון פאַרשידענע פעלקער און שפּראַכן איז פּונקט אַזאַ נאַטור־דערשיינונג ווי פאַרשידענע סאָרטן בלומען, פון אַלערליי קאָלירן, דאָס מאַכט אינטערעסאַנטער, פריילעכער די וועלט, די דאָזיקע בונטקייט אירע. אָבער די וואַריאַציעס האָבן בשום אופן קיין אורזאַך צו האַלטן זיך גרויס, צו בלאָזן פון זיך, צו האַלטן דעם אַנדערן מינדערוויכטיק צוליב די אָדער אַן אַנדערע סיבה.

אַן ענגלענדער ברוגזט זיך אמאָל אָן דערפאַר, וואָס מ׳האָט אים געלאָזט וואַרטן אַ האַלבע שעה אין לאַ קאַפּיזשאַ, וואוהין ער איז געקומען מכוח געשעפט מיטן פּאַנדאָ קאָמונאַל. די קאָנסעבאַלן האָבן פאַרשפּעטיקט, ווייל דער וועג איז געווען זייער שלעכט: גריבער און טיפע קלעפּיקע בלאָטעס האָט געהאַט דער וועג קיין לאַ קאַפּיזשאַ, און דאָס איז געווען גראָד נאָך אַ רעגן. האָט דאָס פערד זיך קוים דערשלעפּט פאַר דער קאָאָפּעראַטיווע, וואו דער ענגלענדער האָט געוואַרט מיטן זייגער אין האַנט:

— מיינע הערן, איך בין ענגלענדער, ס׳איז דריי מיט פופצן...

סאַבאַראָוו האָט מניה ביה אָפּגעענטפערט מיט דער זעלבער קורצער פראַזע:

— מיין הער, איך בין איד, ס׳איז דריי מיט פופצן...

אויף זיין כבוד איז ער זייער אָפּט מוחל, אָבער נישט אויפן כבוד פון זיין פאָלק, פון זיינע ברידער.

אמאָל דערלויבט זיך אַ יונגער רעסיווידאָר חוזק מאַכן פון אַלטע בערדיקע קאָלאָניסטן, וואָס קענען זיך נישט ווי געהערט צו זיין אויסטענהן אין שפּאַניש. סאַבאַראָוו הייסט דעם אומדערצויגענעם מענטשן באַזייטיקן פון זיין שטעל. אָבער האָט באַלד חרטה: ער זאָל דאָס זיין דער גורם דערפון, וואָס אַ מענטש האָט פאַרלוירן זיין ברויט.

לאָזט אים תיכף רופן, רעדן צו זיין געוויסן, אים אויפקלערן, דערקלערט אים העפלעך, אים איינלאַדנדיק צו זיצן:

— דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ איד, דאָ אין דער געגנט וואוינען ס׳רוב אידן. דו האָסט ס׳רעכט מיך צו האַסן, אָבער דו ביסט דאָך אין מיין הויז, קאָנסטו מיך דאָך נישט באַליידיקן אין מיין אייגן הויז. איך בין איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען אַן אומפאַרזיכטיקער שריט פון אייער זייט, אויף וועלכן איר האָט זיכער חרטה. זאָגט מיר צו, אַז איר וועט פון היינט אָן נישט באַליידיקן קיינעמס כבוד, וועל איך צוריקציען די אונטערגענומענע מיטלען, כדי אייך צו באַזייטיקן...״

אַ דערהויבענע מענטשלעכע טאַט, וואָס איז געווען איינגנטימלעך

סאַכאַראָווס דערהויבענע פּערזענלעכקייט. תמיד מוחל זיין, תמיד זיין דער נאָכגעביקער, דער צוטרויענספולער, ליבנדער, אָפּנהאַרציקער, קיינמאָל מיט הינטער־געדאַנקען. אָן אָפּנהאַרציקייט, וואָס איז דורכאויס דעליקאַט צו יענעמס אָנשויאונגען און מיינונגען.

סאַכאַראָוו וועט קיינמאָל נישט זאָגן יענעם, אַז ער האָט נישט רעכט, אַז ער האָט פאַלש געהאַנדלט, געזאָגט ליגן, אָפּגענאַרט. גיכער וועט ער שווייגן, אָדער זיך ווענדן מיט ליבלעכע ווערטער, דער חבר זאָל אים מוחל זיין, דאַכט זיך אים, אַז ער גרייזט, ווייל א מענטש קאָן האָבן א טעות, ער וואָלט אין אַזא פאַל אַנדערש געהאַנדלט. טאָלעראַנט צו יענעמס אָנשויאונגען, ווי טעותדיק ווי קענגזעצלעך צו זיינע זיי זאָלן נישט זיין.

אין סך הכל איינער פון די זעלטענע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אין זיך פאַרקערפּערט די עכט אידישע מידות פון א תלמוד חכם, פון א מוסטער־מענטש, וואָס קאָן דינען אַלס פאַרבילד פון די קומענדיקע דורות: „עקצע האָמע"!

דערגרייכונגען

דער אמתער פירער, וואָס איז נישט נאַריש פאַרליבט אין זיינע אייגענע מעשים, איז אייגנטלעך קיינמאָל נישט צופרידן מיט די דערגרייכונגען, ער שטרעבט כסדר פאָראויס, ארויף, אויפן וועג פון שלימות.

דאָס פאָלק מאַכט סך־הכּל און איז דאַנקבאַר דעם פירער פאַר די דערגרייכונגען. סאַטיספאַקציע פון פאַרווירקלעכטע אידעאַלן. יענע פּעדעראַציע, וועמענס גרונטשטיין איז געלייגט געוואָרן אין יאָר 1910, וואָס איז צוליב פּריצייטיקייט אונטערגעגאַנגען, — עקזיסטירט דאָך.

די צוויי וועטעראַנען פון ארגענטינער אידישן קאָאָפּעראַטיוויזם: סאַבאַראָוו און קאַפּלאַן קענען אויסרופן מיט נצחון: מיר האָבן אונזער דערגרייכט! געקעמפט, געפאַלן און זיך אויפגעהויבן, איינמאָל און ווידעראַמאָל, און מיר האָבן אן אגראַרישע ברידערשאַפט: „פראַטערנידאַד אגראַריא“.

וויפיל מאָל איז זי געשטאַנען אין סכנה די אידישע אגראַר־פעדעראַציע, וויפיל קאַמפן, וויפיל שפּאַט, וויפיל נישט אויפריכטיקע קריטיק אויף די פאַרשידענע קאָנגרעסן, ווען די עקזיסטענץ פון דער קאָלאָניסטישער אייניקייט האָט געהאָנגען אויף א האָר ממש. האָט מען געמוזט האָבן דעם טאַקט, די איידלקייט און קלוגשאַפט פון א סאַבאַראָוו און קאַפּלאַן, און דאָס איינפאַרשטייען זיך פון די איבריקע קאָלאָניסטישע פירער, וואָס האָבן נישט געלאָזט אונטערגייען די קאָלאָניסטישע אחדות צוליב א קוצו של יוד.

איצט קאָן מען זאָגן, אַז ס׳האָט זיך באַהויפּטעט איר פעסטן פּלאַץ די קרוין־אָרגאַניזאַציע פון אַרגענטינער אידנטום, די פאָרשטייערן פון אַלע אידישע קאָאָפּעראַטיוועס, וואָס פאַרטיידיקט די וויטאַלע אינטע־רעסן פון אידישן פּויערנטום פון אַלע אידישע קאָלאָניעס פון ריוועראַ ביז דאָראַ, פון מאָזעסוויל ביז די קאָמפּאַקטע אידישע אַגריקולטור־ישובים פון ענטרע ריאָס, וועמענס פּראָדוקציע שטייגט איבער ווייט איבער צוועלף מיליאָן פּעזאָס.

דער אידישער ישוב אין אַרגענטינע קאָן מיט שטאָלץ באַהויפּטן, אַז ער פּראָדוצירט ברויט, פלייש, אייער, וואָל פאַר אייגענעם געברויך, פון אייגענער האָרעוואַניע.

ציפערן, ליבע ציפערן פון אידישן האָב און גוטס: 3,457 הייזער, 2,766 גאַלפּאָנעס, 2.223 ברונימער, 2.322 ווינט־מילן און 19.875.546 מעטער מיט דראָט־אומצוימטער קאַמפּ, 102.714 קי, 53.768 פערד, 31.710 שאָף און 530.988 עופות, טויזנטער פלוגעס, זייַ־מאַשינען, טויזנט שנייד־דרעש־מאַשינען, דריי טויזנט פיר הונדערט וועגענער. 2.500 סולקעס, 300 אויטאָמאָבילן, דרייסיק קאַמיאָנעס, אַכט הונדערט טויזנט פרוכט־ און שאָטן־בוימער, און אַנדער ליב אידיש פאַרמעג, כן ירבו, כן יפרצו.

אָט איז אַ סך־הכל פון אידישער קאָאָפּעראַציע, ציפערן, וואָס פילן אָן מיט פרייד די גרינדער און אינספּירירער פון דער אידישער אחדות.

נאָמען פון דער קאָאָפּעראַטיוועס	גרינדונגס־יאָר	צאָל פון מיטגלידער	געז׳ קאַפּיטאַל $	רעאַליזירטע פאָנדן $
סאָסיעדאַד אגריק. לוסיענוויל — —	1900	250	78.000	113.678
פּאַנדאַ קאַמוגאַל — — — — — —	1904	468	159.368	215.016
לאַ מוטוא אגריקאָלאַ — — — — —	1908	438	140.000	210.000
גראַנבעראָס אונידאָס — — — — —	1924	307	82.075	74.832
פּאַלמאַר זשאַטיי — — — — — —	1918	49	9.999	1.960
לאַ פּראַטערנאַל אגריקאָלאַ — — — —	1926	113	13.000	11.134
לאַ אוניאָן — — — — — — — —	1927	75	15.416	6.500
על פּראָגרעסאָ — — — — — — —	1928	189	49.440	81.800
טאַמבעראָ באַראָן הירש — — — —	1931	327	59.716	472
אַגריקולטאָרעס אונידאָס — — — —	1932	65	6.603	4.142
לאַ לוטשאַדאָרא — — — — — —	1933	58	2.432	1.178
אַקאַווי — — — — — — — — —	1935	178	15.500	8.499
אַביגדור — — — — — — — — —	1936	114	12.550	3.208

(1) די מאָזעסווילער קאָאָפּעראַטיוועס האָבן באַקומען מילך פאַר 120.000 פּעזאָ
(2) מ׳דאַרף אויך צוגעבן די 65.636 $ פון די טאַמבעראָס באַראָן הירש, וואָס
(3) די קאָלאָניע מאָנטעפיאָרע האָט געהאַט אַן איינקונפט פון 89.180 $ פון

...ישידענע ...נטשטיקן $	סחורות אין עקזיסטענץ $	האנדלס־אפעראציע פון די יאָרן 1937-38 קאָנסום און קאָסטשע $	תבואות $	פון דער ווירטשאפט $	צוריקגעקערטע געווינסן $	דער אנגעשטעלטער פערסאָנאל
115.00	15.000	142.700	452.200	29.400	151.148	13
59.37	109.547	550.277	1.739.960	94.133	362.213	33
152.50	77.000	520.000	280.000	(1)	326.568	21
13.17	43.738	178.000	170.000	18.000(2	148.080	11
——	8.000	51.390	78.300	14.173	6.000	4
8.29	14.617	73.026	(3)	——	16.450	4
6.50	18.000	60.000	85.000	45.000	20.000	5
22.00	53.829	283.377	462.916	20.490	32.399	23
43.71	6.214	——	——	65.636	——	3
2.80	5.700	37.900	104.300	18.000	4.386	3
——	2.000	9.000	65.000	3.500	——	2
4.95	17.035	114.724	255.990	19.145	12.420	5
7.40	23.000	70.000	36.996	24.371	2.480	6

פון די זעלבע מיטגלידער פון גראַנבעראָס אונידאָס.

ואָס זיי שיקן אין די קרעמעריעס.

אינסטיטוציעס און געזעלשאַפטן

קאָלאָניע	לאַנדווירט. קאָאָפּעראַטיווע	פלייש-קאָאָפּ.	סאַניטארער געזעלשאַפט. שפּיטאָל	פּאָפּולארע אגראר-באַנק	לאַנדווירט. קאַסע	פאָלקס-הויז און סאַלאָנען	ביבליאָטעקן
קלאַרא — — —	1	2	3	1	2	3	3
לוסיענוויל — — —	1	—	1	—	1	1	1
סאַן אַנטאָניאָ — —	1	—	1	—	—	—	1
סאַנטאַ איזאַבעל —	1	1	1	—	—	—	1
פּאַלמאַר זשאַטיי —	1	—	1	—	—	—	1
ז. מאָס און קורבעלא	1	—	—	—	—	—	1
אַביגדור — — —	1	—	1	—	—	—	—
ל. אונגרע — — —	1	—	1	—	—	1	3
מאָזעסוויל — — —	1	—	1	1	1	2	3
מאָנטעפיאָרע — —	1	—	—	—	—	—	2
באַראָן הירש — —	1	1	1	—	—	—	1
נאַרסיס לעוועז (1)—	1	1	—	—	—	1	2

(1) האָט נאָך אַן עקספּערימענטאַל־פעלד.

פונקציאָנירן אין די קאָלאָניעס

דאמען־פאַרייִנען	וועגן־קאָנסאָרציע	אגראר־צענטער	קאָאָפּעראציע־געזעלשאפט פון שולע	יוגנטלעכער אגראר־צענטער	זריעה־פאָנד	סמעטענע און טאמבעראָס	קאָאָפּעראטיווע בעקעריי	קאָאָפּעראטיווע פון פי־ציכטער
4	1	—	1	1	1	—	—	—
1	1	—	—	1	—	—	—	—
1	—	—	—	1	—	—	—	—
1	—	1	—	1	—	—	—	—
1	—	—	—	1	—	—	—	—
1	—	—	—	1	—	—	—	—
1	—	—	1	—	—	1	—	—
2	—	—	—	1	—	4	1	1
1	—	—	—	1	—	—	—	—
1	—	—	—	1	1	1	—	—
—	—	—	1	1	1	1	—	—
1	—	—	—	1	—	1	—	—

נעמען פון אינסטיטוציעס און קאָלאָניסטן, וואָס האָבן באַקומען פּרעמיעס און אויסצייכנונגען

פּאַנדראַ קאַמונאַל: מוטואַלער קאָנגרעס אין סאַן פּאולאָ, בראַזיל, יאָר 1911
" " לאַנדווירטשאַפטלעכע אויסשטעלונג אין
גוואַלעגוויטשו — — — — — — — — " 1913
" " אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונג אין סאַן
פראַנציסקאָ — — — — — — — — " 1915
" " לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע
אויסשטעלונג אין קאָנקאָרדיאַ — — — " 1914
יצחק ביגער: ווייצן — — — — — — — — — — " 1916
לואיס מערענער: ווייצן — — — — — — — — — — " 1922
קאָרנפעלד ישראל: מאַגים — — — — — — — יאָר 1922—1924
ה. רעזניקאָוו: מאַיס — — — — — — — — — — יאָר 1924
שלמה פינק: מאַיס — — — — — — — — — — — " 1924
לעאָן הערצריקען: מאַגים — — — — — — — יאָר 1924—1926
יוסף גאָלדשטרייך: מאַיס — — — — — — — — יאָר 1924
" " גאָרטנוואַרג — — — — — — — " 1934
" " האָניק — — — — — — — — " 1935
פּ. פישטיין: מאַיס — — — — — — — — — — — " 1924
אברהם שלאַפּאַקאָף: ווייצן — — — — — — — — — " 1928
משה בלאַט: ליאָן — — — — — — — — — — — " 1934

דעלעגאטן און זשורנאליסטן ביים 5-טן קאָלאָניסטישן קאָנגרעס אין באסאווילבאסאָ, יאָר 1929

Fondo Comunal

SOCIEDAD COOPERATIVA AGRICOLA LDA.

Estación Dominguez, Junio 19 de 192 2
ENTRE RIOS

די מעדאלן-אויסצייכנונגען פון „פאָנדאָ קאָמונאל", פארדינטע אויף די אינלענדישע און אויסלענדישע אויסשטעלונגען.

„ „ מאים — — — — — — — — — — — — „ 1933

א. ענגעלבערג: מאים פון גווינעא — — — — — — „ 1934

„ „ קאפיר — — — — — — — — — „ 1934

„ „ געמישטע ווירטשאפט — — — — — „ 1939

ע. שמילטשוק: קעז — — — — — — — — — — — „ 1934

א. בערנער: ווייצן — — — — — — — — — — „ 1935

מ. לייבאָוויטש: געמישטע ווירטשאַפט — — — — — „ 1938

מ. זאנדבערג: מאים — — — — — — — — — — — „ 1925

(ציפערן גענומען פון יובל-נומער פון „קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר”).

דאָס זיינען די באַשיידענע ציפערן פון די אַלע דערגרייכונגען אין משך פון אַ פּאָר צענדליק יאָר אָנגעשטרענגטער ארבעט. געוואָלט האָט מען מער אויפטוען, די האָריזאָנטן זיינען געווען אומבאַגרענעצטע, די השגות ווייטגרייכנדיקע, אָבער די אומשטענדן, און אפשר אויך די סביבה האָבן נישט באַגינסטיקט די גרויסע אַספּיראַציעס, דאָך איז עס אַן אַקטיוו פון אַ לעבן און שטרעבן. דאָ אויך וואָס אָנצווייזן: דאָס און דאָס האָבן מיר געטון, מער האָבן מיר נישט געקאָנט, מיר האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאר אַ שענער לעבן, אויף אייך ליגט דער חוב ווייטער צו בויען, אין דער הויך, אין דער לענג און אין דער ברייט.

אַן אקטיוו, אַ באַדייטנדער: פאראַן אַ פעסטע קאָלאָניסטישע אָרגאַניזאציע: די „פּראָטעקטאָרידאד אגראריא”, קאָלאָניסטישע ברודערשאַפט. שוין נישט מער יענע קליינע באַשיידענע אינסטיטוציע אין די קאָלאָניעס, וואו ס'איז טאקע געווען היימישער, אייגענער. נאָר די אינטערעסן גופא פון די קאָאָפּעראַטיווען האָבן עס געפאָדערט, צו איינאָרדענען אַ ביוראָ אין דער הויפּטשטאָט, כדי צו קענען גינסטיק איינקויפן, פארקויפן, פארמיטלען, אינטערוועניר אין בכלל ראַש דערלײדיקן די דרינגענדע קאָלאָניסטישע ענינים, צוליב וועלכע מ'האָט תמיד געמוזט פאָרן אַזוי אָפט קיין בוענאָס איירעס.

אויך דאָס איז נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג: די רעזאָלוציעס צו אינסטאַלירן דאָס ביוראָ אין בוענאָס איירעס זיינען טאַקע תמיד געוואָרן אָנגענומען, אָבער נישט אויסגעפירט. אַזוי אויף עטלעכע קאָנגרעסן.



מיט זיין פריינט אברהם גאבים אין יאָר 1937

אַ טייל דערלעגאטן האָבן עס נישט געהאַלטן פאַר נוצלעך, אַ טייל האָבן זיך געשראָקן פאַר די הוצאות. אויך האָבן די קאָלאָניסטן געקוקט קרום אויף דעם אריבערפירן פון זייער פעדעראַציע קיין בוענאָס איירעס. אין דאָמינגעז איז געווען היימישער. דאָ האָט מען געקאָנט אַריינגיין זיך אויסטענהן, האָבן תרעומותן אויפן רעדאקטער פון „ביולעטין”, אראָפּרעדן זיך פון הארצן, בייזערן זיך אפילו.

אָבער: ס'האָט נישט געהאָלפן: די דרינגלעכקייט פונם סאָציאַלן זיץ אין בוענאָס איירעס איז געווען שטאַרקער ווי די אַלע קעגנער.

די שוואַבע קוים איינגעפונדעוועטע אידישע אַגראַר - פעדעראַציע האָט שווער געקעמפט פאַר איר עקזיסטענץ אין דער הויפּטשטאָט, פאַרטיידיקט מיט אַלע כוחות די אינטערעסן פון די ליידנדיקע קאָלאָניסטן, אָפּגעשריגן ליציטאַציעס פון קאַמפּן, געהאָלפן גרינדן די אגראר - באַנק, אונטערגעקומען מיט שתדלנות'ן, צו דערלייכטערן די חובות-לאַסט, צו באַקומען זריעה, הילף פאַר הונגערנדע קאָלאָניסטן. געווען שלעכטע ביטערע יאָרן אין דער קאָלאָניע, היישעריק יאָר איין, יאָר אויס, טרוקענישן, פאַרטרונקענישן, פרייזן-ירידה. די קאָלאָניסטישע עקזיסטענצן האָבן געוואַקלט, זייערע אָרגאַניזאַציעס ביים ראַנד פון אָפּגרונט; ס'האָט געהאלטן דערביי מ'זאָל ווערן אָפּהענטיק, אריינפאַלן אין יאוש, פאַרלאָזן די פּאָזיציעס, אונטערגאַנג האָט געווייט פון אַלע ווינקלען.

איז אָפּט נישט געווען אויף דירה-געלט פאַר דער ביוראָ פון דער „פראַטערנידאַד”, אָפּט האָבן אויסגעפעלט די עטלעכע פּעזעס אויף פּאָסט-מאַרקעס. די קאָאָפּעראַטיווען האָבן מיט גרויסע שוועריקייטן אריינגעשיקט זייערע קוואָטעס אלס מיטגלידער פון זייער צענטראַל-קערפערשאַפט.

יצחק קאַפלאַן, דער באַשיידענער אָבער ענערגישער פאַרוואַלטער פון דער „פראַטערנידאַד אַגראַריאַ” איז געוואוינט געווען במשך פון זיין לאַנגיעריקער קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט צו אַלערליי שוועריקייטן. ער פלעגט זיי בייקומען. דאָסמאָל איז עס נישט געווען קיין לייכטער קאַמף: אָפּט האָט אויסגעפעלט ברויט אין שטוב, אפילו אויף טראַמוויי-הוצאות צוצופאָרן צו אַן אָפיציעלער אינסטיטוציע, כדי צו העלפן אין

אין ב. איירעסער ביוראָ פון דער „פראַטערנידאַד“, אין מערץ פון יאָר 1932

עפּעס אַ דרינגענדן קאָלאָניסטישן ענין: אָנגעקומען פון דער קאָלאָניע האַרט פאַר דער רעמאַטע אַ טעלעגראַמע מען זאָל תיכּף העלפן.

טראָץ די אַלע מכשולים האָט זיך די „פּראַטערנידאַד אַגראַריאַ" אימפּאָנירט, געשאַפן פּרעסטיזש דער אינסטיטוציע כּלפּי פּנים און כּלפּי חוץ.

די 'פּראַטערנידאַד אַגראַריאַ" איז געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין קאָלאָניסטישן לעבן. די אומזאָץ־ציפערן אירע שטייגן מיט יעדן יאָר. די אינסטיטוציע האָט שוין אַפילו צו פּאַרטיילן דיווידענדן.

די קאָאָפּעראַטיוועס מאַכן אַ גרויסן טייל פון זייערע אָפּעראַציעס דורך דער „פּראַטערנידאַד", כאָטש נישט דורכאויס אַלע, וואָס דאָס וואָלט געווען דער אידעאַל. אָבער מיט דער צייט וועט דאָס אויך געשען.

אין די ביוראָען ווערט פלייסיק געאַרבעט. — דאָ האָט אויך די אינסטיטוציע פאַר באַפעסטיקן און אויסברייטערן די אידישע קאָלאָני־זאַציע, „פּאָמענטאָ אגראַריא", איר ביוראָ.

שרייב־מאַשינען קלאַפּן. יעדע פּאָסט ברענגט בערג מיט באַשטע־לונגען פון די קאָאָפּעראַטיוועס. פון אַ מאַשין־טייל ביז אַ רעגנמאַנטל, פון אַ ווארעם־פלאַש ביז בלעכן „דולסע", פון העמדער, גאָל־מעסערלעך, אַלפּאַרגאַטן, זאָקן, שטריק, צאָן־שטעכערס, מאַסלינעס, בוימל, מאַשין־אייל, ווייַן, געפּעסן, טשוועקעס, ראָזשינקעס, פלוימען, כאַלוואַ, און בכלל אַלץ, וואָס די אידישע קאָלאָניסטישע באַפעלקערונג פון אירע אָנגעשלאָ־סענע קאָאָפּעראַטיוועס קאָנסומירט, באַמיט זיך די „פּראַטערנידאַד" איינצוקויפן פון דער ערשטער האַנט, צו פאַבריקס־אַנגראָ־פּרייזן, אָן אי־בעריקע פאַרמיטלער. אויך פאַרמיטלט זי דעם אָפּזאַץ פונם קאָלאָניס־טישן פּראָדוקט.

די „פּראַטערנידאַד" איז אַ וויכטיקער אַדרעס סיי פאַרן יחיד־קאָלאָניסט, ווען ער האַלט שמאָל מיט אַן ענין, ווען ער דאַרף אַן אינ־טערווענץ, סיי פאַר דעלעגאַציעס קאָלאָניסטישע, וואָס דאַרפן עפּעס אַדורכזעצן ביי די געהעריקע אינסטאַנצן פאַר זייערע קאָאָפּעראַטיוועס.

אָט זיינען מיר אין די ביוראָען פון דער „פּראַטערנידאַד" אין אַ טאָג פון שטאַרקער אינטענסיווער טעטיקייט.

פאַרוואַלטער פון „פּראַטערנידאַד אַגראַריאַ".
יצחק קאַפּלאַן

אַ דעלעגאַציע, פון דער פּראָווינץ. די ערנסטע אָפּגעברענטע פּנימער פון די פּאַמפּער קאָלאָניסטן. ווי תמיד, זיינען דאָרטן צונישט־געוואָרן די האָפענונגען פון די האָרעפּאַשניקעס ־ ערד־אַרבעטער. פּרו־קעניש, בייזע זאַמדיקע ווינטן האָבן אַוועקגעבלאָזן די גאַנצע האָרעוואַ־ניע פון די טויזנטער אַגריקולטאָרן פון דער גרויזאַמער האַרטער רעגנלאָ־זער פּאַמפּאַ. קאַפּלאַן האָט שוין געהאַט אַ געלעגנהייט מיט אייגענע אויגן, בעת זיינס אַן אינספּעקציע־רייזע איבער דער געפּייניקטער פּאַמ־פּאַ, צו זעען די פאַרוויסטונג, די זאַמדן, די סקעלעטן פון הונגער און דורשט־אומגעקומענעם סקאָט, און די פאַרצווייפלטע געזיכטער פון די אויסגעמאָרעטע מענטשן.

איצט זיינען זיי אין דער הויפּטשטאָט.

צוויי טויזנט פינף־הונדערט קאָלאָניסטן, אידן, גוים, — אין זייער נאָ־מען רעדט מען דאָ איצט, — דאַרפן דרינגנדיקע הילף: פּוראַזש פאַר די קי, פאַר די פערד, מ׳זאָל קענען אָנהויבן אַ ניי יאָר פון פּראַצע: אפשר וועט מען האָבן אַ רעגן. טויזנטער משפּחות ברויכן ממשותדיקע הילף: ברויט, זשערבע, דאָס סאַמע עלעמענטאַרסטע פאַר דער אויסגעהונגער־טער היים. צווישן די נויטליידנדע געפינען זיך אויך די הונדערט־און־זעכציק פאַמיליעס פון דער פיל־געפּרואווטער אידישער נאַרסים־לעווען. אַ שותּפעשע דעלעגאַציע, רירנדע סאָלידאַריטעט פון אמתע קאָאָפּעראַטי־וויסטן: די אידישע „פּראַטערנידאַד" גייט בעטן הילף צוזאַמען מיט די פאָרשטייער פון נישט־אידן, ווען ס׳בינדט צונויף דער גרויסער פאַראייניקער: די נויט, וואָס דערנענטערט דעם מענטשן, אָן אונטער־שייד פון ראַסע און רעליגיע.

קאָלאָניסטן פעלט קיין זאָרגן. אַ צווייטן טאָג פאָרן זיך היימיש אין ביוראָ פון דער „פּראַטערנידאַד" אַנדערע פאַרזאָרגטע פּנימער: דאָס כּאָל ליבע קאָלאָניסטן פון ענטרע ריאָס. סאַראַ מאָדנער קאָנטראַסט: די פּאַמפּער ליידן צוליב דער קאַרגקייט פון דער ערד, וואָס האָט אַפילו קיין ווייצן אויף ברויט געגעבן, און אין דער פרוכטבאַרער פּראָווינץ „צווישן־די־טייכן" איז דאָס יאָר געווען אַ שפעדיקס: אַ גוזמא קינטאַלן פונם העקטאַר. קנייטשן באַדעקן דאָס קאָלאָניסטישע פּנים: מ׳האָט נישט

דאָס שער-בלאַט פונם „קאָלאָניסט קאָאָפּעראַטאָר", פון יאָר 1936

וואו־אַהין צו טון די ווייצן. שווער צו פאַרקויפן. מ׳וואַרפט זיך מיט גאַטס גאָב ווי מיט א ווערטלאָזער סחורה.

א לויפעניש און אַ האָוועניש איבער די פאַרשידענע אינסטאַנ־צן, כדי צו באַקומען דאָ און דאָרטן עפּעס א שטיקל הנחה, אַ פאַר־לייכטערונג.

אַן אייגענע אינסטיטוציע מיט פּרעסטיזש, מיט אַן אייגענעם אָר־גאַן „דער קאָלאָניסט־קאָאָפּעראַטאָר״, וואָס שטייט שוין באַלד צוויי יאָר־צענדלינק צו דינסט דער זאַך פון אידישן פּעלד, אונטער דער רעדאַקציע פון יצחק קאַפּלאַן און מיט דער מיטווירקונג פון קאָלאָניסטישע פּובליציסטן.

טראָגט קאַפּלאַן אויף זיך דעם יאָך פון דער קאָלאָניסטישער אינ־סטיטוציע, די אַלע אומצאָליקע זאָרגן און ארבעטן, טעג און נעכט אין אומאויפהערלעכער אָנשטרענגונג, געבן איניציאַטיוועס, ענטפערן אויף די הונדערטער בריוו, זיין אונטערוועגנס אויף אינספעקציע ־ רייזעס,— ווען ער וויל זיך גאָר אַביסל אָפּרוען, האָט ער אַלס צולאָג נאָך דעם „קאָ־לאָניסט־קאָאָפּעראַטאָר״.

און סאַבאַראָוו, דער געטרייער חבר זיינער, היצט זיך אָפּ, וואָס מ׳לאָזט נישט דער „פּראַטערנידאַד״ שטייגן הויך און העכער, וואָס מ׳דינגט זיך דאָס צוליב יעדער קליינינקייט פון יערלעכן ביודזשעט. און ער מיינט, אז וואָלט נישט געווען דאָס דינגעניש, וואָלט דאָך די דאָזיקע וויכטיקע קערפּערשאַפט געקענט אויפטון גראַנדיעזעס.

„דורך דער „פּראַטערנידאַד״ וואָלט געדאַרפט גיין דער גאַנ־צער אומזאַץ פון דער קאָלאָניסטישער פּראָדוקציע, זי וואָלט גע־דאַרפט ווערן שטאַרק אויך אַלס פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, איינפירן, צענטראַליזירן די אינטעגראַלע פאַרזיכערונג, שאַפן דורך איר פאַרמיטלונג א נעץ פון ספּעציעלע קאָאָפּעראַטיוועס, זי וואָלט געדאַרפט זיין די אָרגאַניזאַטאָרן פון קולטורעלן לעבן פון די קאָלאָ־ניעס, זאָרגן פאַר די ביבליאָטעקן, שולעס, איר אָרגאַן וואָלט גע־דאַרפט פאַרשענערט, פאַרגרעסערט ווערן.״

דאָ הויבן זיך אָן סאַכאַראָווס אומצאָליקע „וואָלטן“, זיינע גראַנדיעזע וויזיעס, וועלכע זיינען אַזוי אינטערעסאַנט צו הערן, און מ׳הויבט אָן צו גלויבן און האָפן, אַז זיינע אַלע חלומות וועלן אַמאָל ווערן די וואָר. סוף־כל־סוף וועט דאָך דער וועג פון דער מענטשהייט פירן „דורך פינסטער־ניש צו ליכטיקייט“...

ז

אַ סך-הכל

א לעבן א ביישפּיל, פול מיט קרבנות, א גראַד־ליניגעס, אָן שום אָפּ־ווייכונגען, פאַראויס צום ציל: מענטשן־ליבע, אחדות. אַ טרייסט אין די דאָזיקע טרויעריקע עגאָאיסטישע צייטן, ווען מענטש צו מענטש איז מער ווי פארצוקנדיקער וואָלף, ווען מענטש צו מענטש איז פאררעטעריש, מיס־טרויאיש, ווען פּחדנותדיקער מאָרד, ליגנט, נישט־האַלטן־קיין־וואָרט — זיינען טוגנטן. האָבן מיר דאָ אָפּגעגעבן כבוד איין־איינציקער פּערזאָן, וואָס פארקערפּערט אין זיך נשמה־ריינקייט, ליבע צום נאָענטסטן, ליבע אומ־אייגננוציקע, אויפאָפּפערנדע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט פון דער ארומיקער סביבה, און האָט דעריבער פארדינט דעם נאָמען פון מדריך, ווענ־ווייזער פאר זיינע ברידער און שוועסטער, וואָס קענען זיך מיט אים גרויסן, און גייען אין זיינע טריט.

אָבער די פירנדע פּערזעלעכקייט שטייט קיינמאָל נישט איזאָלירט אין זיין סביבה, זי — די סביבה, — גיט אים מוט, נאַרונג פאר זיינע אידעאלן, און קעמפנדיק, ליידנדיק פאר איר, געפינט ער איין, אז ס'לוינט זיך און עס זיינען ווערט געווען די קרבנות, דאָס מוותר־זיין.

און זאָל דאָ נישט ווערן געמינערט די חשיבות פון יענע באקאַנטע און נאָמענלאָזע פּיאָנערן פונם אידישן ישוב אין ארגענטינע.

פּיאָנערן! זיי ווערן דאָך באַזונגען אין די שאַפונגען פון פאָלק, לע־גענדעס ווערן דאָך ארום זיי געשפּינען, באָבעס דערציילן זייערע אייניק־לעך ביי דער וואַרימקייט פון א געמיטלעכער היים די זאַגן, די מעשהלעך.



אין יאָר 1930 מיט זיין טאָכטער ווערא, א באַליבטע פאָלקסשול-לערערין, און אן אימיגראַנט

די פאַנטאַזיעס פון די העראָאישע טאַטן פון זייערע אור־זיידעס, וואָס זיינען געווען די ערשטע, די איינשטעלער, לכבוד וועמען עס ווערן אויפ־געשטעלט מאָנומענטן, לידער געזונגען, ביכער געשריבן, און זייערע נע־מען ווערן מיט ערפורכט דערמאָנט.

די פשוטע וואָלינער, פּאָדאָליער, כערסאָנער און בעסעראַבער אידן, וואָס האָבן פון זייערע פּאַרצייטיקע שטעטלעך, נאָך פאַר פופציק יאָר צוריק, געוואַגט צו אונטערנעמען די וויטע רייזע מעבר־לים, זיינען דאָך העלדן פון א נאָך־נישט־אָנגעשריבענער עפּאָפּייע. אז מ'הערט זיך צו צו די ליבע זשאַמזשענדיקע רייד פון די אַלטע בערדיקע אידן־קאָלאָ־ניסטן, ווי זיי דערציילן מיט זייער איינפאַכן אומגעקינסטלטן פאָלקס־לשון, די מאַטיוון, וואָס האָט זיי באַוואויגן צו דער דאָזיקער נסיעה, די בלאָנדזשענישן איבער שטעט און לענדער, ביז זיי זיינען אָנגעקומען אל המנוחה ואל הנחלה, — און ס'האָט היפש געדויערט ביז ס'איז טאַקע געווען מנוחה און נחלה. אַ, וויפל פּלאָגענישן, וויפל מכשולים אין דער נייער ווילדער סביבה!

און דאָס אַלץ דערציילן זיי די פּיאָנערן מיט אַזוי פיל באַשיידנ־קייט — אַז מיר באַוואונדערן די אַלע שטילע עניוותדיקע העלדן, וואָס האָבן מיט זייער קוראַזש פאַרגעגרייט אַ מקום־מקלט, אַ נייע היים פאַר טויזנטער פון אונזערע ברידער און שוועסטער.

די פּיאָנערן האָבן זיך נישט פאַרלוירן אין דעם אומגעהויערן וויל־דן סטעפּ, אין דער צעבראַסטעטער ברייטקייט, — נישט אריינגעפאַלן אין יאוש, אין אַנאַרכישן צעלויפן־זיך, אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר מרגלים. אינסטינקטיוו געזאַמלט, געאָרדנט די כוחות, באַמיט זיך צו ווערן א גאַנצקייט, נישט אַ צעשפּליטערטע, ווילנלאָזע מאַסע; גאָר אין די אָנהויבן האָט מען זיך געזאַמלט אַרום די שילעכלעך, — צוזאַמען מיט די פּראַסטע האַנט־פּלוגעס, אָנרעסאָרנדיקע וועגענער, רוסישע כאַ־מעטעס, האָט מען נישט פאַרגעסן מיטצוברענגען ספרי־תורות, רומל־ספרים, חק"לעך, משניותן, איינצלנע גענג ש"סן: אויף יעדער שיף זיי־

נען מיטגעפאָרן א הייפעלע פּרומע אידן, יודעי־ספר, וואָס האָבן נישט
דערלאָזט — ווי ווייט ס'איז מעגלעך אין נייע היימען, ביי אנטוואָרצל־
טע מאסן — דעם יונגן דור ווערן פאַרגרעבט, געוואָרן די שטילע גע־
האָרכזאמע מדריכים, די מלמדי תינוקות, און דער קול־התורה האָט
היימיש־פרעמדלעך אָפּגעקלונגען אונטער די הויכע בלויע הימלען פון די
אַרגענטינער פעלדער.

שפּעטער, אַז די קאָלאָניעס האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט, אָפּשוים
אַוועק, האָבן די קאָלאָניסטישע מאַסן מיט זייער געזונטן שכל־הישר
אליין געפונען דעם וועג צו דער פאַראייניקונג, צו דער גרינדונג פון די
אַלע פאַרשידנאַרטיקע סאָציאַלע, סאַניטאַרע און קאָאָפּעראַטיווע אינ־
סטיטוציעס, פון זייער מיט זייער ארויסגעוואַקסן פירער, וואָס האָבן
אָריענטירט זייערע ברידער מיט ישוב־הדעת, מיט אחריות און געוויסנ־
האַפטיקייט, וואָס האָבן נישט דערלאָזט צו אומבאַדאַכטע שריט, צו
וועלכע עס זיינען אָפּט געניגט נייע וואַנדערער אויף ניי־ערד, האָבן צו־
גענעבן מוט, האָפענונג, געוועקט, מדריך־געווען.

צווישן די פּיאָנערן איז געווען דער צדיק־תמים ד"ר נח ירחי, וואָס
האָט צוזאַמען מיט קערפּערלעכע רפואות, אויך איינגעגעבן זיינע ליידנ־
דיקע ברידער און שוועסטער זיינע גייסטיקע הייל־מיטלען, וואָס האָבן
דעם מוטלאָזן אָפּט געשטעלט אויף די פיס, אים געטרייסט, נישט גע־
לאָזט פאַלן ביי זיך, געהייסן האָבן געדולד און וואַרטן אויף בעסערע
צייטן. אין יעדן ישוב, יעדער קאָלאָניע זיין פירער. זאָלן דאָ דערמאָנט
ווערן די ערשטע פאָרזיצער פון די קאָאָפּעראַטיוועס, וואָס זיינען געווען
בויער און קעמפער, לוחמים וחולמים, פּיאָנערן אויפן געזעלשאַפטלעכן
געביט, צווישן זיי האָבן ארויסגעלויכטן באַזונדעס די געשטאַלטן פון א
נח קאַצאָוויטש, דעם באַזאַכטן קלוגן בויער פון די מאָזעסווילער געזעל־
שאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון א בראַסלאַווסקי, נעמיראָווסקי און די
שפּעטערדיקע: באָב, הורוויץ, וואָרטמאַן, באַנטשיק, מערענער, פּוסטיל־
ניק, קיפּין, פלעשלער, שאַמשאַנאָווסקי א. א. זאָל דאָ אויך ווערן
דערמאַנט דער טייל פון די יק"א־אדמיניסטראַטאָרן, וואָס זיינען ווירקלעך
געווען דורכגעדרונגען מיטן אידעאַליזם פון באַראָן הירש, און פון דער

גרויסער צאָל פארשטענדענישפולע מיטגייער און בויער, וואָס האָבן פאַר־לייכטערט די פירער זייער שווערע אויפגאבע.

איבעראַל, אויף אַלע געביטן, פיאָנערישע, איבערמענטשלעכע אר־בעט. פארכאַפנדיקע טעמעס פאַר די פעדער פון אַ גרויסן טאַלאַנטפולן ראָמאַניסט, וואָס קאָן געפינען פערל אין דער אומגעהויערער קופע פון מאַטעריאַלן, קאָן געפינען די ציגל און פון זיי אויסבויען דעם גראַנדיעזן עפּאָס פון אידישן קאָלאָניסטישן ישוב אין ארגענטינע.

דער קינסטלער־שילדערער וועט מוזן אָנהויבן זיין ווערק, שילדערנ־דיק די אַלטע היים פון די אַכציקער יאָרן פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט, די גגישות, רדיפות און פּאָגראָמען פון פּאָביעדאָנאָסצאָווישן רוסלאַנד, די פּיין און באַדרענגעניש פונם רעבטלאָזן, באַשפּאָטן און באַשפּיגענעם אידן; דאַן די געוואַלטיקע וויזיע פונם איידעלן איבער־אידן באַראָן הירש, — דער גוטער מלאך פון דער אידישער געשיכטע, וואָס האָט תמיד גרייט אין אירע מיסטעריעזע באַהעלטענישן אַ רפואה פאַר דער מכה.

וועט מוזן שילדערן די מערקווירדיקע זיג־זאַגן־וואַנדערונגען פון די בלאָנדזשענדיקע שאָף, פון די אויסגעוואָרצלטע פון זייערע היימען, איבער בראָד, לעמבערג, קראָקע, ווין, האַמבורג, ברעמען, קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל, אַלכסנדריה — געזוכט דעם וועג אין געלויבטן לאַנד אריין, — און פּונוויַיטן האָט געלאָקט דער מיראַזש פון אַ ניי פריי לאַנד, אַ לאַנד מיט דער שענסטער קאָנסטיטוציע פון דער וועלט, אַ קאָנסטיטוציע, וואָס באַ־זירט זיך אויף די איידלסטע פּרינציפּן פון מענטשן־רעכט: איין געזעץ זאָל זיין פאַר אייך, פאַר דיר און פאַרן פּליכטלינג.

דאָ וועט ער מאַכן אַ פּויזע, און נעמען שילדערן מיט עמאָציע, ווי די גרים קומען אָן ביי די ברעגעס פון לאַ־פּלאַטאַ, צעשראָקענע פאַר דער נייער אומבאַקאַנטער סביבה, ווי זיי רייסן אויף מיט די אַקער־אייזנס די האַרטע „טיעררא ווירכען“, ווי זיי צאַמען ווילדע גרויס־שפּיצ־האָרנדיקע אָקסן, ווי זיי קנעטן דאָס ליים פאַר די באַשיידענע שטיבלעך, ווי זיי גראָבן די ערשטע גערטלעך, באַקן דאָס ערשטע ברויט פון אייגן מעל, ווי זיי ליידן פון די צעיושעטע פּאַמפּעראָס, זאַמד־שטורעמס, היי־שעריקן - פּאַרלענדונג, פון קאַמף קעגן אַלערליי קליינע און גרויסע ווע־

רים און אינזועקטן, וואָס טשאַטעווען אויפן ביסל האָב און גוטס, ווי די נייע ערד זאַפּט איין דאָס דורך רוצחישע הענט פאַרגאָסענע בלוט, ווי די פאַרצווייפלטע עלטערן גראָבן די ערשטע מאַסן־קברימלעך פאַר די טויטע קינדערלעך, וועלכע מ׳טראָגט צו קבורה אין נאַפט־קעסטלעך אונטער די פּאַלעס, קרבנות פון א נייער היים, די צעשטאָכענע ברידער און שוועסטער אין סאַמע בלי פון זייער יונג לעבן.

געוועזן אויך אַזעלכע, וואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן ביי דער אַרבעט דורך צעפּלאָשעטע פערד, פּלוגעס האָבן אדורכגעלעכערט די איננגעווײדן, שניט־מאַשינען צעקאַליעטשעט.

ליגן אויף די הייליקע־ערטער פון די קאָלאָניעס נומער איינס, נומער דריי, זאַנעפּעלד און כרמל, אונזערע קדושים וטהורים פון דעם נייעם ישוב.

פּחד און אָפּהענטיקייט האָט דאַן אַרומגענומען די קאָלאָניעס, שוואַכע, שרעקעוודיקע האָבן געוואָלט אַוועק, שטאַרקע האָבן געמוטיקט, געהייסן ווייזן א פּויסט, זיך אנטקעגנשטעלן, נישט מורא־האָבן.

דער קינסטלער וועט אויך נישט אדורכלאָזן צו באַשרייבן די פרייד־מאָמענטן פון דעם בויענדן זיך שאַפנדן לעבן. נישט לאָזן זיך באַהערשן פון יאוש, נישט פאַרצווייפלען. אָט שניידט מען מיט געזאַנג אין הארצן דעם ערשטן אייגענעם ווייצן.

אָט פּראַוועט מען די ערשטע חתונקע אויף פרייער ארגענטינער ערד.

אָט ווערן געבוירן קינדערלעך פרייע, און ארום און איז אַזאַ רחבות, אזאַ פרייהייט, אזאַ ליכטיקע וועלט.

האָט דורך די העלע לבנה־נעכט יונגווארג געטאַנצט אינדרויסן אויף דער טויאיקער ערד, אונטער דעם וואונדערלעכן הויכן ליכטיקן הימל.

האָט איבער דער קאָלאָניע געשוועבט דער גייסט פון דער מלכה־שבת, די אמתע מנוחה, אָט איז זיך שוין צעוואקסן א ברייטער שאָטנדיקער בוים.

גייט מען שבת יום טוב צו־גאַסט. טרינקט מען אַ מאַטע, פאַר־בייסט מיט דעם היימישן געבעקס, מ׳פּראַוועט די שבתים און יום־טובים ווי אין דער אַלטער היים, נאָר פרייער, אָן מורא. ווייל דער קאָמיסאַר אַליין האָט מיטגעהוליעט ביי אַ שמחת־תורה־קערמעשל אין שילכל.

האָט מען זיך געפילט דאָ אַזוי היימיש, איינגעוואַקסן אין דעם פרייען לאַנד.

האָט שוין אויסגעשפּיעט אונטערצוואַקסן אַן אַרגענטינער דור, דער ערשטער דור אויף אַרגענטינער ערד. האָבן שוין באַטראַכטן די־אָ ערד זיכערע, זעלבסט־באַוואוסטע יונגע אַרגענטינישע אידן, קרעפטיקע, אָפּ־געברוינטע פון דער אַרגענטינער שטאַרקער און ברענענדיקער זון, אַ יו־גנט אַ קערניקע, יוסטע, וואָס האָט באַוואוסטזיניק ־ זיכער אויף דער ערד פון דער אייגענער היים, — שוין צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון אַר־גענטינעם באַפרייאונג פון פרעמדן יאָך, אין יאָר 1910, — געזונגען מיט העלע פרייע שטימען זייער הימן, דאָס פרייהייטס־ליד: ה ע ר ט א י ר ש ט ע ר ב ל ע כ ע ד ע ם ה י י ל י ק ן ר ו ף: פ ר י י ה י י ט, פ ר י י ה י י ט, פ ר י י ה י י ט! . .

איצט איז ער שוין אַ צעוואַקסענער דער ישוב. אַלט פופציק יאָר. אָבער פופציק יאָר אין לעבן פון אַ גאַנץ פאָלק באַדייט גאָר ווינציק. שטייט נאָך ביים אָנהויב, ער איז נאָך אין אַן אומפאַרענדיקטער פאָרם. מ׳דאַרף אים נאָך געשטאַלטן, אויספאָרעמען, געבן אַ פּרצוף אַ געהעריקן, צעמענטירן דאָס מאַטעריעלע און גייסטיקע לעבן, שאַפן אייגענע קולטור־רעלע ווערטן, אים באַפרייען פון די אַלערליי אומנוציקע גראָבע שאַלעכצן, כדי עס זאָל אַרויסקומען די גוטע געניסבאַרע יאָדרע.

און דאָס דאָזיקע בוך איז אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און באַ־וואונדערונג צו איינעם פון די בויער און געשטאַלטער פון דעם נייעם, קרעפטיקן ישוב, — דאָן מיגעל סאַכאַראָוו.

וואָס זאָגן פריינט

אָפּהאַנדלונגען פון:

יצחק קאַפּלאַן,

מרדכי ראָזאָווסקי,

מרדכי מיידאַניק.



סאבאראָוו אויף א גענעראל פארזאמלונג פון די ענטרע ריאָסער פעדעראציע פון קאָאָפעראטיוועס אין יאָר 1937, פאראנא.

דאָן מיגעל

אַ נס!

אַ יונגערמאַן, געהאָדעוועט און דערצויגן אין אַ גרויסער שטאָט, ביי רייכע עלטערן, קומט קיין אַרגענטינע און זוכט זיך אָפּ אַ ווינקל אין אַ וויטן וויסטן סטעפּ אין ענטרע ריאָס, און מאַכט זיך דאָרט זיין היים.

אַ יונגערמאַן, מיט אַ העכערער אייראָפּעאישער בילדונג, קאָסמאָפּאָליטיש געשטימט, פרעמד פון אידיש לעבן, כמעט אינגאַנצן רוסיפיצירט, באַזעצט זיך האַרט לעבן די ר׳ גדליה׳ס, ר׳ ניסנ׳ס, ר׳ בערל׳ס און ר׳ איטשעס און לעבט זיך איין מיט זיי גייסטיק.

אַ יונגערמאַן, אָנגעזאַפּט מיט אַן אנדער לעבנסשטייגער, וואָס איז געווען וויט פון אידישער טראַדיציע, מיט אידעאַלן פון בריטן וועלט־פאַרנעם, געפינט אויס זיין מקום־מנוחה אין דער אידישער קאָלאָניע, וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט רעליגיעזן גייסט.

אַ וואונדער!

אין די ערשטע יאָרן פון אונזער קאָלאָניזאַציע, האָט זיך גלייך אויסגעפאָרמירט די אזויגערופענע אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז באַשטאַנען פון רוסיש־שפּרעכנדע לייט און מחללי־שבת, — איז גראַדע דער דאָזיקער רוסיפיצירטער יונגערמאַן געשטאַנען וויט פון דער דאָזיקער גרופּע, און זיך גע׳חבר׳ט מיט די „ניט־מאָדערנע" מענטשן.

און מערקווירדיק איז, אַז אַט די אַלטמאָדישע אידן, וועלכע האָבן געקוקט קרום אויף די פריינגעזאָנענע, האָבן זיך ממש געבויגן צו דעם אסימילירטן יונגנמאַן, און געהאַט פאַר אים דעם גרעסטן דרך־ארץ.

דער יונגערמאַן, דאָן מיגעל סאַבאַראָוו, איז פון דעם ערשטן טאָג אָן פון זיין קומען אין דער קאָלאָניע קלאַראַ, אין יאָר 1899, באַקאַנט און באַליבט געוואָרן און אומעטום האָט מען אים דערמאַנט מיט רעספּעקט. דאָן מיגעל איז געוואָרן דער סינאָנים פון מענטשן־פריינטשאַפט.

און נאָך איצט, נאָך צוויי און פערציק יאָר זינט זיין אָנקומען אין לעבן פון דער קאָלאָניע, פרעגן זיך פיל: אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט די גרויסקייט פון דאָן מיגעלן? איך, וואָס האָב געהאַט דאָס גליק מיט־צואַרבעטן מיט אים די גאַנצע צייט, וועל זיך פרואוון אויפקלערן דעם דאָזיקן וואונדער אויף אַ זייער סינטעטישן אופן, און דאָס איז:

דאָן מיגעל איז ווייט, זייער ווייט פון דעמאַגאָגיע, דאָס איז די גרעסטע אויפריכטיקסטע קראַפט וואָס ער פאַרמאָגט.

דאָן מיגעל לערנט און זוכט צו פּאָפּולאַריזירן זיינע אידייען, אָבער פאַר קיין פאַל ארויפצוצווינגען. ער קעמפט עקשנות'דיק פאַר זיינע אי־בערצייגונגען, ער איז אָבער גענוג טאָלעראַנט מיט די אַלע וואָס פאַר־שטייען אים נישט, אָדער וואָס ווילן אים נישט פאַרשטיין, אפילו מיט דעמאַגאָגן.

סאַבאַראָוו וויל זען אַ בעסערע וועלט. ער איז אָבער נישט קיין וועלט־פאַרזאָרגער, ער האַלט אָן זיין שיטה, אַז כדי צו מאַכן דאָס לעבן שענער און אינטערעסאַנטער דאַרף מען נישט קומען מיט קיין פראַזעאָ־לאָגיע פון וועלט־רעטער. די וועלט באַשטייט פון יחידים, און ווען יע־דער יחיד ווערט בעסער, וועט ממילא די וועלט ווערן גליקלעכער. דער־פאַר ווענדעט ער זיך שטענדיק צו יעדן אינדיווידועל און זוכט אויסצו־איבן אויף אים זיין גאַנצן איינפלוס, ווייל ער איז זיכער אַז מיטן געווי־נען איין מענטשן, געווינט ער אַ מיטאַרבעטער און העלפט מיט צו דער פאַרשפּרייטונג פון זיין אידעאַל.

און אָנגעהויבן האָט ער טאַקע פון זיך אַליין. ער אַליין איז גאַנץ מיט זיין געדאַנקען־גאַנג און גייט אים נאָך שריט נאָך שריט. אַט דער־

פאַר זיין גרויסע השפּעה, אָט דערפאַר דער גרויסער דרך־ארץ צו אים, און אָט אין דעם ליגט דער סוד פון זיין דערפאָלג.

זיין גאַנצקייט, זיינע העכערע מענטשלעכע באַגריפן האָבן איבער־געשטאַרקט דעם קאָסמאָפּאָליטיזם און די אַסימילאַציע אין אים.

נישט פון די טריבונעס, נישט מיט קיין קלינגנדיקע פראַזן, נישט מיט די עלנבויגנס עפנט ער זיך זיין וועג, נישט מיט קיין פּאָלעמיקעס, נישט מיט אַרונטעררייסן זיינע קעגנער זוכט ער צו שטאַרקן זיין פּאָזי־ציע. סאַבאַראָוו שליסט זיך נישט אָן אין קיין פּאַרטיי, טראָגט זיינע סאָ־ציאַלע אַנשויאונגען. ווייל ער קען זיך נישט איינלעבן אין קיין ענגע פּאַרטיי־ראַמען. ער איז פריי אין פולן זין פון וואָרט און דערפאַר איז אים אַזוי נאָענט די באַוועגונג פון פרייער קאָאָפּעראַציע, וואו אַלע מענ־טשן קענען מיטאַרבעטן בשותפות פאַר דעם וואוילזיין פון אַלעמען, און דערפאַר שטייט ער זיין גאַנץ לעבן צו־דינסט דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג.

דערפון נעמט זיך וואָס סאַבאַראָוו האָט שוין אין זיין אונטערבאַ־וואוסטזיין דערפילט דעם גינסטיקן באָדן פאַר זיין טעטיקייט, און גלייך ביי זיין אַריינטרעטן אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ און פאַר זיינע אי־דעאַלן האָט ער אויסגעקליבן די ריינע געזונטע סביבה ביי דער ערד־אַר־בעט אין אַ פריי לאַנד, צווישן זיינע גלויבנס־גענאָסן, צווישן דעם פּראָסטן עולם.

אָט דעם כאַראַקטעריסטישן שטריך מערקט מען אין משך פון אַלע זיינע פערציק יאָר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער ענטפערט נישט אויף קיינע אָנגריפן. ער גייט אַריבער איבער פאַרלוימדונגען, ער פאַרשווייגט אַפילו די פאַלשע אינטערפּרעטאַציעס פון זיינע ווערטער אָדער געדאַנ־קען, עס טוען אים ווי די דאָגמאַטיקער, די פאַרפאַרבטע אָפּנאַרער, — ער איז זיי אָבער מוחל, און גייט זיך זיין וועג, און ברייטערט אויס זיין וועג און געפינט אַלע מאָל וואָס מערער נאָכפאָלגער.

סאַבאַראָוו מאַכט נישט קיין אונטערשייד פון מענטש צו מענטש. מיט וואָס ער קען דינט ער אַלעמען גלייך, אָן אונטערשייד פון רעליגיע אָדער נאַציאָנאַליטעט, נישט צוליב דעם וואָס דער קאָאָפּעראַטיווער גע־

דער יונגער סאבאראָוו אין קרייז פון זיין גאנצער
פאמיליע ארום 1920.

זעץ זאָגט אַזוי, נאָר ווייל עס ליגט אין זיין מהות. און ער איז טאַ־כע נעשעצט פון אַלעמען, אָבער, ער איז איבערצייגט אַז אַלע מענטשן דאַרפן און קענען דערגרייכן צו דער שטופע פון זיך העלפן קעגנזייטיק, נישט דורך באַקעמפן זיך, מעג דאָס הייסן קלאַסן־קאַמף, פּאַרטיי־קאַמף צי אידעאַל־קאַמף, ווייל די אַלע קאַמפן טראָגן אין זיך אַ גרויסע מאָס שנאה־קנאה, מען גיט אַוועק ענערגיע צו באַקעמפן דעם צווייטן און דער לוסט פאַר קאַמף ווערט אַנטוויקלט ביי די מאַסן ביז צו אַ קולט. די אַנ־טי־רעליגיעזע קעמפן מיטן זעלבן פאַנאַטיזם פאַר זייער אַנשויאונג פונקט ווי אַמאָל די רעליגיעזע; דער אָרימער באַקעמפט דעם רייכן און וויל אַליין ווערן רייך, און לעבע־יונגען, פּוסטע הורא־שרייערס, נאָכשטופּערס, און באָם־זינגערס זיינען פאַראַן צווישן אַלע קלייזלעך, אונטער וועלכן שילד אָדער מאַנטל זיי זאָלן נישט פיגורירן. אונטער דער לאָזונג פון וועלן בעסער־מאַכן, מינעוועט מען די לופט מיט האַס פון ברודער צו ברו־דער, פון פאָלק צו פאָלק. און דערפאַר קעמפט דאָן מיגעל מיט זיינע חברים פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם קאָאָפּעראַטיוון אידעאַל, וועלכער שטיצט זיך אויף דער באַזע פון ברידערלעכקייט און אויספיינען די מענטשלעכע געפילן.

נישט איינמאָל, און נישט איין מענטש האָבן געזוכט צו באַזייטיקן סאַבאַראָוו מאָראַליש. נייע לאָזונגען האָט מען געוואָרפן: שטורעם, קו־לות, געוואַלדן, זאָל די וועלט הערן, — און אַ סך זיינע מיטגעריסן גע־וואָרן מיט די ביליקע טריאומפן־זוכערס, און שטערונגען זיינען געמאַכט געוואָרן, און דאָן מיגעל האָט ביי אַלע אומשטענדן און אונטער אַלע באַ־דינגען געזאָגט און ווידער אַמאָל געזאָגט, און נישט מיד געוואָרן זאָגנדיק אַז דער קאָאָפּעראַטיוויזם איז דער וועג פון אויסגלייכן די קרומע וועגן, און אַז אָנהויבן דאַרף מען פון זיך. פון דער אייגענער פאַמיליע, פון די מער־נאָענטע און אויסשפּרייטן דעם טעטיקייטס־קרייז, אין דער פּעריפעריע.

סאַבאַראָוו האָט נישט נאָר געהאַלטן פון גיין צום פאָלק, נאָר ער איז געוואָרן אויף הונדערט פּראָצענט איינער פון פאָלק, און האָט ליב די מאַסן מיט אַלע זייערע מעלות און חסרונות, אָט אַזוי ווי זיי זיינען, און

אין זיין לעבע, און זיין אַרט פּראָפּאַגאַנדע איז נישטאָ קיין קריטיק נאָר ליבשאַפט. ער בעט זיך ווי אַן עלטערער ברודער: ברידער, טוט און האַנדלט ווי בעסערע מענטשן, נישטאָ קיין ברעג צו ברידערלעכקייט, וואָס מער מען קולטיווירט דאָס, אַלץ הערליכער און שענער ווערט דאָס.

וואָס האָט אויפגעטון סאַבאַראָוו?

אויף דעם איז ווירקלעך שווער צו ענטפערן, ווייל זיינע ארבעטן לאָזן זיך נישט באַלייכטן מיט קיין ציפערן, מ׳קען זיי נישט אָנצייגן גראַפיש.

סאַבאַראָוו איז די נשמה פון דער באַוועגונג, ער גיט אריין לעבן, ער ווייזט אָן דעם זין, די פילאָזאָפיע, און מאַכט עס אַזוי באַשיידן, מיט אַזאַ פּשוטקייט, אז מען מוז עס דערפילן און באַגרייפן. פאַר אים איז ניטאָ קיין היינט, דער היינט איז ביי אים אַ דינער פאַרן בעסערן מאָרגן. שטענדיק בעסער און בעסער.

און דערפאַר מערקט זיך ביי אים א געוויסע רוגזה, יעדעס מאָל, ווען ער רעדט פון די פירער, דערפאַר וואָס זיי גיבן אָפּ די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פאַרן היינט און שטעלן זיך צופרידן מיט דאָס געטוענע נעכטן. פון די פירער פאָדערט סאַבאַראָוו עטוואָס מערער, פירער טאָרן זיך נישט באַגנוגענען מיט אָפּגעבן חשבון פון דאָס פאַרגאַנגענע, נאָר זיי דאַרפן כסדר צושטעלן אַ צעטל וואָס זיי דיינקען צו טון מאָרגן, וואָס זיי האָבן דערגרייכט איצט פאַרן שפּעטער.

אין זיין אָנגעשטרענגטער ארבעט פאַרן קאָאָפּעראַטיוויזם אינטערעסירט אים נישט בלויז די עקאָנאָמישע אָפּשאַצונג פון נעכטן, נאָר ער פאַרלויפט ווייט, ביז צו דער קאָאָפּעראַטיווער רעפּובליק, ביז צו דעם שלום אויף דער גאַנצער וועלט.

ווייל אַלע וועלן זיין קאָאָפּעראַטיוויסטן, ווייל אַלע וועלן זיך העלפן קעגנזייטיק, ווייל די הילף וועט געשאַפן ווערן מיט אייגענער ארבעט, מיט סיסטעמאַטישער אָפּשפּאָרונג, מיט דער איינאָרדענונג פון דער פּראָדוקציע, מיט דער נאָרמאַליזירונג פון קאָנסום דורך קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן.

אָט דאָס איז סאַבאַראָוו.

יצחק קאַפּלאַן.

אַ מאָנומענט

אַ מאָנומענט אַנטהאַלט אין זיך אַ דאָפּלטן טעקסט, נוסח, אָדער באַדייטונג. דער דאָזיקער געדאַנק דאַרף פּיליִיכט פאַרשטאַנען ווערן אין דעם תּלמודישן זין, וואָס ווערט געזאָגט וועגן די לוחות הברית, פון די עשרת הדברות, אַז זיי זיינען געשריבן „פּנים ואחור”, ד. ה. אַ דאָפּל־טער טעקסט: פּילזייטיקע באַציאונגען צווישן מענטש, גאָט, נאַציע און וועלט.

אַ מאָנומענט איז דאָך דער עדות אָדער אויסדרוק פון די מעשים אָדער פאַרדינסטן נישט נאָר פון דעם העלד, וועמען עס איז געווידמעט, נאָר אויך פון זיין דור אָדער סביבה, וואָס האָט געקאָנט אָפּשאַצן און אָנ־ערקענען דעם אָביעקט פון דעם מאָנומענט.

אין דעם זין דאַרף אויך פאַרשטאַנען ווערן די איניציאַטיוו פון דער „פּראַטערנידאַד אַגראַריאַ” און דער פולער הסכם פון אַלע אידישע אַג־ראַר־קאָאָפּעראַטיוועס צוצוטראָגן אַלס סורפּריז דעם „אַרי שבחבורה”, דעם רבי’ן פון קאָאָפּעראַטיוון געדאַנק, איר טעאָרעטיקער און טריבון, ה׳ מיגעל סאַכאַראָוו, אַ מתנה, וואָס זאָל זיך אויסדריקן אין אַ בוך געוויד־מעט לכבוד זיין פערציק־יאָריקער טעטיקייט אויפן געביט פון קאָאָפּעראַ־טיוויזם און אידישע אַגראַר־פראַגן בכלל, אין וועלכן עס זאָל באַהאַנדלט ווערן געניו זיין טעטיקייט, ווירקונגס־קרייז און אויטאָריטעט, זיינע אַספּיראַציעס, חלומות, פּלענער און אידעאַליסטישן פּיאָנערטום.

אַזאַ ווערק איז אַ גרויסער אויפטו פאַר דער געשיכטע פון אַזאַ ברייט־

טן פאַרנעם, ווי עס זיינען אַלע אידישע פּראָוואָן צו געפינען נייע וועגן פון פּראָדוקטיוויזאַציע און עמאַנציפּירונג אין זייער אַלזייטיקן זין: פיזי־שע, רעכטלעכע, בירגערלעכע און גייסטיקע באַפרייען זיך פון פּאַראורטיי־לן פון אייגענע קריטיקער, וועלכע ליידן פון דעם קאָמפּלעקס פון מינדער־ווערטיקייט, און פון פרעמדע, אַז מיר — דאָס אַלטע אגראַר־פאָלק נאָך פון פילע טויזנטער יאָרן צוריק, — טויגן מער נישט צום פּראָדוקטיוון דאָרפישן לעבן.

דאָס דאָזיקע בוך וועט פאַרבלייבן אַן אייביקער מאָנומענט וואָס וועט דערציילן שטיל, באַשיידן, אָן איבעריקער אַפּאָלאָגעטיק, פאַר די דורות, ווער עס איז געווען מיגעל סאַבאָראָוו, און נישט ווייניקער וועט ער דערציילן די מעשים, אויפטוען און היסטאָרישע פאַרדינסטן פון די בויער פונם מאָנומענט; זיי וועלן אויך פאַראייביקט ווערן צוזאַ־מען מיט אים.

„זיי" מיין איך, די אַלטע פּיאָנערן, וואָס האָבן אַקטואירט און גע־ווירקט צוזאַמען מיט אים אין דעם מעשה־בראשית ביי דער קאָלאָניזאַ־ציאָנישער יצירה, סיי אין דער פּראַקטישער דורכפירונג ווי אין דער אי־דייאישער פאַרטיפונג און באַגרינדונג, און אַפילו סתם אַגראַר־טוער וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם וויכטיקן געזעלשאַפטלעכן ווערק.

אַזוי זיינען די געזעצן אין דעם פּראָצעס פון דער יצירה. עס ווערן אָפּגעווישט די גרענעצן צווישן דעם שעפער און דער יצירה גופא; די שותפים במעשי בראשית זיינען זיך מתדבק מיטן בורא און באַקומען איין געשטאַלט.

איך פיל אַלס חוב — און עס איז אויך געווען מיין רצון — צו באַ־טייליקן זיך אין דעם בנין פון מאָנומענט, נישט מיט געהאַקטע און גע־שליפענע אַפּאָלאָגעטיק־שטיינער און נישט מיט שבחים און לויב־געזאַנ־גען, איז מיין צוועק צו באַטייליקן זיך אין דער שיינער און חשובער אַר־בעט. בכלל וויל איך נישט פאַרנעמען קיין פּלאַץ פון ארכיטעקטאָר אָדער אַפילו פון קיין ווינקל־מייסטער ביים צוזאַמענשטעלן די ווינקל־שטיינער. איך זעלבסט בין געשטאַנען ווייט פון דער קאָלאָניזאַציע־שאַפונג, איך האָב נאָר עטוואָס באַמערקט און געזען אַלס באַאָבאַכטער.

דערפאַר, וועל איך זיך באַנוגענען מיט אַ פּשוטער אַרבעט פון אַ לוין־אַרבעטער, אַ שכיר־יום, וועלכער וועט צונויפפירן, צונויפזאַמלען בוי־מאַטעריאַל און דערלאַנגען די בויער צום האַנט.

די אַרבעט איז נישט געווען קיין פּשוטע, דאָס איז נישט קיין באַריכט־מאַטעריאַל און אויך נישט קיין פּשוטע כראָניק, צונויפגעשטעלטע פון טרוקענע ציפערן, עפּיזאָדן און צופעליקע פּאַסירונגען. די דאָזיקע ציפערן און עפּיזאָדן געהערן צו די שיפרירטע ציפערן, וועלכע מען דאַרף נישט לייענען פּשוט. די ציפערן געהערן צו דער קאַטעגאָריע וואָס דער תלמוד באַטיטלט אלס „דמים ־ תרתי משמע"; „געלט" — פּשוטע געלט, און „בלוט", דער תמצית הדם, זיין באַציאונג און אינערלעכע נשמה־דערשיטערונג. די פּאַסירונגען זיינען אויך נישט פון אַ פּשוטן צוזאַמענלויף פון אידישע משפּחות, וועלכע האָבן פאַרלאָזן היימען — שלעכטע היימען, פון וועלכע מען טרייבט, — אָבער דאָך איינגעזעסענע.

די פּאַסירונגען לערנען עפּעס, זיי פּליסן אַרויס פון באַזונדערע סאָציאָלאָגישע שליוזן און שלאָגן זיך אַרויס פון ספּעציעלע פּסיכאָלאָגישע פאָנטאַנען! זיי זיינען באַלערנד און סימפּאַטאָמאַטיש, ווייל זיי זיינען צוזאַמענגעפאַלן מיט אַנדערע אַנאַלאָגישע צוזאַמענטרעפונגען.

פילע צופאַלן האָבן אַ זין און ציען זייער יניקה פון אומזעבאַרע סיבות, באַהאַלטענע ערגעץ אין טונעלן פון עבר.

די אידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע איז דאָך צוזאַמענגעפאַלן מיט אַ צווייטער אַנאַלאָגישער באַוועגונג, טראָץ איר העטעראָגענישקייט סיי אין דער אידייאישער קאַנווע, מענטשן־מאַטעריאַל און דער עיקר די פאַרשידנקייט פון דער סיבה־ראשונה און לייטנדע פיגור. וואָס איז לויט דעם ריין סאָציאָלאָגיש ־ מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט נישט מער ווי אַ שיינע פילאַנטראָפּישע דערשיינונג, און איז אַבסאָלוט ריין פון וועלכע עס איז משיחישע פּעדים פון די „בילו" און „חובבי ציון"־באַוועגונג.

דאָס איז געווען די הערשנדע מיינונג, אין יענער צייט, ביי ביידע צדדים. די לעבנס־ווירקלעכקייט האָט דאָס, אָבער, אָפּגעלייקנט און האָט באַוויזן ווי אַזוי די ביידע — אין פלוג ווייטשטייענדע געשעענישן — זיינען נאָענט. קודם כל ווילקלט זיך פאַנאַנדער אין פאַרלויף פון אַזוי פיל

יאָרן די לעבנס־געשיכטע פון איטלעכן באַזונדער און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז, אַז כמעט יעדער קאַלאַניסט, ווער מער און ווער ווייניקער, האָט מיטגעבראַכט מיט זיך וועלכע עס איז אידייאישע פאַרבינדונג מיט זיין קאָלאָניזירונגס־שטרעבונג און צוגעבונדנקייט צו דער ערד, און ווען אַפילו ניט אַלע האָבן געוואוסט אויף קלאָר וואָס זיי ווילן און וועלכער איז דער כח הדוחה, וואָס האָט זיי אויפגעבראַכט און אָנגעוויזן אויף אַ נייער אָריענטאַציע אין לעבן, האָט דאָס אָבער פאָרט אַריינגעבראַכט אַ שינוי אין דעם אינהאַלט פון זיין לעבן און האָט פאַרבעסערט און פאַר־איידלט זיין גייסטיקן פּרצוף, „הוא לא חזה, אלא מזלו חזה“, אָפּגערעדט שוין פון די יחידי סגולה וואָס האָבן געבראַכט פון דער היים זייער אי־דעאַל אַ פאַרטיקן, אַ צייטיקן.

מענטשן פון אידעען באַגעגענען זיך, אַפילו ווען זיי זיינען וווייט־שטייענד איינער פון צווייטן. די אַטמאָספער פון אידעען מאַכט קליגער און נאָבעלער די מענטשן און זיי ווערן דעריבער מסוגל צו פאַרשטיין איינער דעם צווייטן. די דערפאַרונג האָט אונז געוויזן, אַז אָט דער קאָ־לאָניסטישער עלעמענט איז פיל פעאיקער צו אויפנעמען די טענער פון שופר של משיח, ווי דער שטאָטישער עלעמענט.

דער קומענדער היסטאָריקער און סאָציאָלאָג, דער דענקער און פאָר־שער וואָס וועט אַריינדרינגען אין דעם זין פון די דערשיינונגען, וועט אָפּשאַצן די צוויי באַוועגונגען ווי צוויי וויכטיקע עטאַפּן פון אונזער באַפרייאונגס־באַוועגונג, וואָס דערגענצן איינער דעם צווייטן, שטאַמען פון איין אורקוואַל און פאַלן אַריין און גיסן זיך צונויף אין איין טייך פון גאולה.

דער סטאַטיסטישער אמת וואָס באַזירט זיך אויף טרוקענע ציפערן פון פאַרזייטע אָדער אַפילו פון פאַרפאַרעמדעטע פעלדער, קאָן פילייכט אָפּלייקענען מיינע אויבנגעזאָגטע באַהויפּטונגען. דער היסטאָרישער אמת איז אָבער שטענדיק אמתער, ווייל ער איז טיפער און ווערט געשריבן פון דעם דיקטאַמען פון שר האומה, וואָס באַזירט זיך אויף די אמתן פון אייביקייט.

און ווען ניט דער שטענדיקער „אין מזל לישראל“, ווען באַראָן הירש וואָלט געלעבט מיט אַ פּאָר יאָר מער און וואָלט געהאַט נאָך אַ פּאָר באַגעגעניש מיטן גרויסן פירער הרצל, איז דאָך גאַנץ מעגלעך געווען, אַז ד״ר הרצל זאָל אים איבערצייגן און ארויספירן אויף דעם היסטאָרישן וועג און נאַציאָנאַלן אמת, ד. ה. טאַקע אָט אויף דעם באָדן וואָס אינסטינקטיוו האָט ער געטראָטן, און אָט דעם אמת וועלכן באַראָן הירש האָט נאָר תופס געווען מיטן חוש אָבער ניט מיטן באַוואוסטזיין.

און וויפיל שאַנסן און קאָלאָסאַלע אוצרות פון נאַציאָנאַלער ענערגיע, שללים פון רייכע אינספּיראַציעס און אומאויסשעפּלעכע קוואַלן פון נאַציאָנאַלן רצון און גוטע כוונות זיינען געגאַנגען לאיבוד און ניט אויסגענוצט געוואָרן, און אַלץ — צוליב ניט געהעריקער איינפאַרשטענדניש און ניט באַגרייפן דעם זין פון דער געשיכטע און ניט דערשפּירן דעם פּולס אָדער ריטם פון עקבתא דמשיחא!..

ה׳ מיגעל סאַכאַראָוו איז געקומען קיין אַרגענטינע אין יאָר 1899, דער צווייטער אָדער דריטער עטאַפּ פון קאָלאָניזאַטאָרישן פּיאָנערטום.

אויף אים וועלן מיר פיליכט גאָר קיין נומער ניט אָנקלעפּן, ווייל ער איז אַ נומער פאַר זיך, אַ באַזונדער עטאַפּ.

עס איז קיין ספק ניט, אַז ער האָט זיך אויסגעטיילט פון דעם גאַנצן מענטשן־מאַטעריאַל, פון וועמען עס איז געבויט געוואָרן דער קאָלאָניסטישער ישוב, וועלכער איז געווען אָרעם קוואַליטאַטיוו, און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט באַדייטנדע יחידים פון אַ היבשן פאַרנעם. עס איז, נאַטירלעך, איבעריק צו מאַכן באַמערקונגען און אויסשליסן פון וועלכע עס איז הגדרות וועגן דער פּערזענלעכקייט פון ד״ר נח ירחי, ווייל דאָס איז אַ פּרשה פאַר זיך און געהערט צו די ביאָגראַפן, וועלכע האָבן געלעבט אין יענער צייט, אין דער סביבה פון דער וואונדערבאַרער אַפּאָסטאָלישער פּערזענלעכקייט, די וואָס האָבן געשעפּט דירעקט פון קוואַל און ניט פון אָפּגעשפּיגלטע שטראַלן, פונקען און ברוך־טיילן פון לעגענדעס.

איך בין אָנגעקומען קיין אַרגענטינע אין מיטן יאָר 1904, ד. ה. מיט זעקס יאָר שפּעטער פון סאַכאַראָוון, זיך באַקאַנט מיט אים פּערזענלעך האָב איך ערשט אין יאָר 1920, בעת מיינעם אַ טור איבער פּראָווינץ

ענטרע ריאָס וועגן א זאמלונג פארן ציוניסטישן פאָנד: „קרן הגאולה". איך האָב אים באזוכט אין זיין היים, אין א שיינער פארם, איך האָב אים דאָן געטראָפן אין זיינע בגדי־שרד, אין זיין ארבעטס־אַנצוג, וואָס האָט אים צוגעגעבן א באזונדער חן און א דערגענצונג צו זיין נאַטירלעכער שיינער פשטות, וואָס איז אזוי טיפיש הארמאָניש פאר א טיפן קולטור־מענטש ווי ער איז.

זאָל מיר דערלויבט זיין אָפּצואווענדן פון עצם הענין און באַרירן עטלעכע פערזענלעכע מאָמענטן, ווייל זיי זיינען פארבונדן מיט די זכרונות וואָס איך האָב וועגן אים.

מאַכנדיק מיין טור איבער ע. ריאָס, וואָס האָט געדויערט 25 טאָג בערך, הארבסט־צייט אין פעריאָד פון שטארקע רעגנס, א פערספעקטיוו זייער ניט קיין אנגענעמע, אָבער א אומפארמיידלעך־נויטיקע פאר עסקנים, — האָב איך פארן אָננעמען די מיסיע, — ארויפגעלייגטע אויף מיר דורך מיין אומפארגעסלעכן חבר און רבין יעקב בן־יוסף, — ביי מיר אינערלעך באַלאַנסירט שכר קעגן הפסד, דעם עקיוואַלענט פון די שווע־ריקייטן, טלטול הדרך און גלות, דאן איז פאר מיר געווען א גרויסע באַ־פרידיקונג די פערספעקטיוו צו באקאָנען זיך מיט סאכאראָוון.

תיכּף ביי מיין אָנקומען אין לאַנד זיינען צו מיר דערגאנגען מיינונ־גען און אָפּשאַצונגען וועגן סאכאראָוון, וועגן דער אויסטערלישקייט פון זיין פערזענלעכקייט און הויכע קוואַליפיקאציעס, פון א מענטשן פון הויכע הומאניטארע פרינציפּן און סימבאָל פון מענטשן־ליבע, א לעבעדיקע פארקערפערונג פון דעם „ואהבת לרעך כמוך".

איך בין א גרויסער מאמין אין פאָלקס־לעגענדעס, איך גלויב אין זייער חוש, וואָס איז שטענדיק טיפער און אמתער ווי זייער פארשטענד־ניש, און אזעלכע האָבן זיך געוועבט ארום אים. דאָס פאָלק ווי דאָס קינד דערפילן ליבע און נשמה־ווארימקייט תיכּף. ער דערקאָנט זיינע אמתע פריינט און ציט זיך צו זיי. דאָס האָב איך דערפילט אין יענער רייזע מיינער, ווען איך בין געקומען אין נאָענטן קאָנטאקט מיט פשוטע קאָ־לאָניסטן און סתם פאָלקס־מענטשן, און איטלעכער האָט וועגן אים גערעדט מיט ליבע און באגייסטערונג.

אַ פּאָר שעה האָב איך פאַרבראַכט מיט סאַכאַראָוון, בין פאַרבליבן ביי אים אויף מיטיק.

ווען איך זאָל זאָגן, אַז ער האָט מיר אויפגענומען פריינטלעך, וואָלט דאָס בשום אופן ניט אויסגעדריקט אין אַ גענוגנדן זין דעם געדאַנק, ווייל פאַר סאַכאַראָוון עקזיסטירט ניט בכלל „ניט־פריינטלעך". אין זיין אויפנאַמע האָב איך געפילט אַזוי פיל נאַטירלעכע פריינטשאַפט און וואַרימקייט, פונקט ווי דאָס וואָלט געפליסט אַזוי שפעדיק פון אַ קוואַל, פאַר וועלכן עס פאָדערט זיך ניט אפילו די מינדסטע אָנשטרענגונג.

ער האָט צו מיר גערעדט אויף רוסיש, שפּאַניש און, זאָגאַר דאָן נאָך אין אַ ניט פערפעקטן אידיש. דאָס בייטן די שפּראַכן איז ניט געווען צוליב עפעקט־זאַכן, אייגנשאַפטן וועלכע ער באַזיצט ניט. דאָס איז גיכער געווען צוליב איבערפלוס פון זכרונות, דעראינערונג פון יוגנט און ראָמאַנטישן עבר פון די לעצטע צענדליקער פון פאַריקן יאָרהונדערט, וואָס זיינען באַרירט געוואָרן אין אונזער געדאַנקען־אויסטויש.

איך בין מודה, אַז עטוואָס האָב איך פון מיין זייט מיטגעווירקט אַרויסצורופן ביי אים התגלות הלב אויפן געביט פון דענקען און פּרינציפּן.

איבערהויפּט איז מיר געווען אינטערעסאַנט צו דערקונדיקן זיך וועגן זיין באַציאונג צו ארץ ישראל, אומאַפּהענגיק פון זיין ביישטייערונג וואָס איז געווען אַ באַדייטנדע, ספּאָנטאַנע און פּריווילעגיע, וואָס איז — בדרך אגב — פאַר מיר געווען מינדערוויכטיק, אין פאַרגלייך צו דער ביישטייערונג, וואָס עס וואָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט, ווען ער וואָלט זי געשטיצט מיט זיין אידעאָישן הסכם און אינערלעכער טיפער באַציאונג צו ארץ ישראל. פון מיין זייט האָב איך גראַד אָנגעווענדעט אויפן דערמאָנטן פונקט אַלע מיינע סטראַטעגישע מעגלעכקייטן צו אַטאַקירן, אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין איבעריקן דערפאָלג, און האָב ניט געקאָנט אַרויסרופן אין זיין אידעען־גאַנג אָט די אַלע געשטאַלטן פון די ארץ־ישראל מאָמענטן, איך האָב זיך באַגעגנט בלויז מיט סילועטן און שאָטנס. עס איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט צו געפינען ביי סאַכאַראָוון עפּעס מער קלערער און קאָנקרעטער וועגן דעם, די אורזאַך איז ניט געווען צוליב

סאכאראָוו און זיין פרוי אָלגא ע"ה פאר דער טיר
פון זייער וואוינונג.

אומקלאָרקייט אָדער בלייכקייט פון געדאַנקען און פּרינציפּן, נאָר פּונקט להיפוך, צוליב שפע און עשירות פון די זעלבע.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט וויל איך באַרירן טיפער און גרינטלעכער זיין קאָמפּליצירטע און ליכטיקע פּערזענלעכקייט, געבויט אויף אייניקע בעאָבאַכטונגען און אויך אויף אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַלן און דערפאַרונגען פון זיינע נאָענטע חברים, וואָס האָבן מיטגעווירקט מיט אים און איך וויל ציען מיינע שלוס-ליניען, סיי אין באַצוג צו זיין פּערזאָן ווי אויך וועגן סאַכאַראָוו אַלס דערשיינונג און טרייב-קראַפט פון וועלכע עס איז סיבה ראשונה, אַזוי ווי די גאַנצע קאָלאָניזאַציע, פון די זעלבע כאַציאַלע אויפברויזונגען.

אין אָנהויב פון די 90-ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד א רעוויזיע פון ווערטן, פון בירגער-רעכט, ליבעראַליזם און מענטשן-רעכט, ניט אין דער ליטעראַטור, נאָר פּשוט אין לעבן. מיר, אידן, האָבן דעמאָלס געהאַט א דאָפּלטע אויפגאַבע, אַזוי ווי שטענדיק צוליב דעם וואָס מיר פירן א דאָפּלטע רעכנונג, אונזער ביישטייערונג צו דער וועלט, צו אירע אידעען און אויפטוען, און אייגענע חשבונות, וועלכע האָבן געפאָדערט זייער תיכפדיקן ענטפער.

עס איז געווען נאָך די פּאָגראָמען פון יאָר 1882. די תשובה אויף זיי איז געווען די „חובבי ציון״ - באַוועגונג אין איר אויבערשטן אַספּעקט, נאַטירלעך, ווייל איר שורש האָט זיך דאָך געצויגן פון ר׳ צבי קאַלישער און משה העס.

די מער בולטסטע און שטאַרקסטע רעאַגירונג איז געקומען מצד דער סטודענטנשאַפט, וואָס האָט געליטן א שטאַרקן קלאַפּ און אַנטוישונג אין אירע בעסטע ליבעראַלע און רוסיפיקאַטאָרישע געפילן, און האָט זיך אויסגעדריקט אין זייער צושטיין צו דער „בילו״-באַוועגונג.

דער מער מיושבדיקער עלעמענט האָט געזוכט א לייזונג אין קאָלאָניזאַציע. עס וואָלט געווען ניט ריכטיק אויסגעטייטשט, ווען מען זאָל וועלן באַהויפּטן, אַז די רעאַגירונג און איבערברוך אין לעבן איז געווען א רעזולטאַט פון א בלויז עקאָנאָמישן כח הדוחה. וואָס האָט טאַקע אַן צווייפל געשפּילט א גרויסע ראָל, אַזוי ווי ביי אַלע סאָציאַלע דערשיינונ-

גען. דאָ האָבן אויך געשפּילט אַ ראָלע פּיל אידעאישע פּעדים און אינער־לעכע שטויסנדע קראַפט צו איבערבייטן די יסודות פון לעבן, וואָס ציט אירע וואָרצלען פון אַ פריערדיקער באַוועגונג, וועלכע האָט נאָך עקזים־טירט מיט קאַרגע הונדערט יאָר צוריק פאַרן באַראָן הירש, און האָט באַ־קומען אַ אָפּקלאַנג אין די געמיטער פון דעם מער דענקענדן עלעמענט.

סאַכאַראָוו געהער אויך צום אַנטוישטן קלאַס שטודירנדער יוגנט פון יענער צייט, וואָס האָט זיך צוטיילט אויף פאַרשידענע ריכטונגען: אַ טייל אידעאַליסטישע יונגע לייט האָבן זיך באַשיצט מיט דער נאַציאָ־נאַלער ריכטונג: „בילו" אָדער „חובבי ציון"; אייניקע זיינען צוגעשטאַ־נען צום פּראָגרעסיוון ליבעראַליזם; אַ היבשער טייל האָט זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון דער רעוואָלוציע.

לויט זיינע סאָציאַליסטישע טענדענצן וואָלט סאַכאַראָוו געדאַרפט געהערן צו דער לעצטער, אָבער דאָס האָט ניט פּאַסירט צוליב זיינע נאַ־טירלעכע נייגונגען, גוטמוטיקייט און ליבע צו מענטשן.

ער איז אַ קעמפער פון אידעען און פאַר אידעען, אָבער נאָר פּאַסיוו, דורך אויפקלערונג, דורך מלחמה בשלום. ער האָט געהערט צו דער גרופּע טאָלסטאָיאַנער, וואָס איז דאַן געווען פאַרשפּרייט אין רוסלאַנד צווישן דער בעסטער און איידלסטער יוגנט, וואָס האָט זיך דאָקטרינער אונטער־געוואָרפן דער לאָזונג: „ניע סאָפּראָטיוולייאַטסטאַ זלו", ניט קעגנשטעלן זיך מיט כח דאָס שלעכטס.

סאַכאַראָוו האָט געלערנט און זיך געפונען אין רוסישע ספערן און איז געווען פולשטענדיק רוסיפיצירט, זיין שטודיום אלס אינזשעניער־אַגראָנאָם האָט ער פאַרפולקאָמט אין דייטשלאַנד, — פאָלגלעך אַ היבש ביסל אסימילירט, און אזוי איז ער דערשינען פאַר אונז דאָ אין אַרגענ־טינע. די דאָזיקע טענדענצן, אָדער, בעסער געזאָגט, נייגונגען האָבן דאָך ניט איבערגעלאָזט אויף אים קיינע אומאַנגענעמע שפּורן, ווייל דאָס איז געווען ניט מער ווי שפּראַכן־אַסימילאַציע און רוסיפיקאַטאָרישע, פון אויבן־אָנגעטראָגענער שטויב, גענומען פון דער סביבה, אָן דער כאַראַק־טעריסטישער איינגעעסנקייט און פסעודאָ־אַריסטאָקראַטיזם, וואָס האָט ביי אים ניט געקאָנט זיין צוליב דעם, וואָס ער פאַרמאָגט צופיל אינהאַלט

און פיינפילקייט. ער איז צופיל נאָבל און טיף אָרנטלעכע נאַטור, און אָט די דאָזיקע אייגנשאַפטן און בעסערע מענטשלעכע פּאָסטולאַטן זיינען שטענדיק דער קעגנגיפט, וואָס באַקעמפט די אַסימילאַטאָרישע באַציִלן און שלעכטע ווירקונגען.

עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן די השערה, אַז טראָץ דעם וואָס ער איז דעמאָלס געשטאַנען ווייט פון ציוניסטישע און אַפילו סתם נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען אויף אַ דירעקטן אופן, האָט דאָך אומדירעקט אויף אים געווירקט די „בילו“אישע באַוועגונג. אין דער אַריע פון דער „בילו“אישער מוזיק זיינען געווען צו איידעלע טענער, אַז אַזאַ איידעלער געהער ווי סאַכאַראָוו, זאָל זיי ניט האָבן דערהערט. און אויב אַפילו די משיח־טענער זיינען איבערגעגאַנגען אומבאַמערקט פאַר זיין געהער, האָט ער זיי דאָך דערפילט מיט זיין מענטשלעכן חוש, וואָס איז ביי אים אַנטוויקלט אין זייער אַ גרויסער מאָס. און וואָס האָט אַ אוממיטלבאַרע שייכות מיט איד, מענטש, און אויך ציוניסט.

מיט 30 יאָר צוריק, ווען סאַכאַראָוו איז צו אונז געקומען, ערשט אַראָפּ פון סטודענטן־בענקל, מיטן גאַנצן יוגנטלעכן־אידעאַליסטישן ענטוזיאַזם און פרישקייט פון זיין נשמה, אומבאַרירקייט און זויבערקייט, וואָס איז ניט באַפלעקט געוואָרן מיט קיין קלענסטן פלעק־פינטל אַפילו איצט, (שוין האָבנדיק אָפּגעגאַנגען דעם גרעסטן טייל לעבנס־וועג, און נאָך לאַנגע נסיונות און באַקומענע וואונדן פון די לעבנס־פיילן) האָט ער זיך, דעמאָלס, תיכף אַריינגעוואָרפן אינם צענטער פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אויפן קאָאָפּעראַטיוון געביט. דאָס איז געווען זיין רייטוואָגן אויף וועלכן ער איז געפאָרן די גאַנצע 40 יאָר אומערמידלעך ביזן היינטיקן טאָג.

ער איז געפאָרן מיט ליבע און געדולד אונטער אַלע אומשטענדן, שלעכטע ווינטן און לופטן, אונטער האָגלען.

ניט אַלע מאָל האָט ער מצליח געווען, און זיין אַרבעט איז ניט געווען פריי פון טעותן און פעלערן.

פאַר זיינע טעותן האָט ער אַליין זייער טייער באַצאָלט. ער אַליין, אין זיין פּריוואַטן לעבן און פּריוואַטע אינטערעסן.

אויף א סעודת-חברים נאָכן קאָנגרעס פון יאָר 1934, אין ב. איירעס

טעותן רוף איך אָן: געוויסע אייגנשאפטן פון נאטור; אין דערווירקלעכקייט זיינען דאָס געווען אייגנשאפטן און נאטור־נייגונגען, מיט וועלכע בלויז אויסדערוויילטע זיינען געבענטשט. זיי זיינען באשטאנען אין זיין גרעניצלאָזן גלויבן אין מענטשן, און זיין זאָרגן פאר אלעמען; פונקט ווי די גאנצע אחריות וואָלט געלעגן נאָר אויף אים. אין זיין אמונה — אין דאָפּלטן זין, סיי צו די מענטשן וועמענס גורל ער האָט געוואָלט טיילן, ווי אויך אין דעם בעסערן אויסגאנג פון צופאל, — זעלטן צו טרעפן א גרעסערן אָפּטימיסט פון סאכאראָוון, — און זיין עקסטרעמער אָפּטימיזם איז קיינמאָל ניט געגאנגען אויפן חשבון פון נאאיוויטעט און אויבערפלעכלעכקייט. ער איז, להיפך, א שארפער אנאליטיקער מיט א באדייטנדן דענק־אפּאראט.

סאכאראָוו איז א טיפער פאַרשטייער פון דער וועלט אין אבסטראקט, ער פארשטייט דעם זין פון דער געשיכטע, איז באקאנט מיט אלע סקעפּטישע און פּעסימיסטישע ריכטונגען, וואָס עקזיסטירן סיי אין ליטעראטור ווי אין דער פילאָזאָפיע, — אָבער קאָנקרעט, צו אים, אליין האָט עס קיין שייכות ניט, — ער גלויבט אלעמען און האָט ליב אלעמען, מיטן חוש פילט ער טאקע, אז עס זיינען פאראן שלעכטע מענטשן און א שטיקל פאסקודנע וועלט אויך, אָבער דאָס איז דאָך אלץ אזוי ווייט ערגיץ אין די מרחקים און אבסטראקט, וואָס האָט ניט קיין שייכות מיטן היינט. זיינע טעותן זיינען שטענדיק באשטאנען נאָר אין איין טאָג, ד. ה. דער טעות פון היינט ביז מאָרגן, צוליב וועלכן ער איז אָפט דורכגעפאלן און באצאָלט צו טייער, בלייבנדיק א קרבן דורך זיין גרעניצלאָזער גוטסקייט, אפּטימיזם און צוטרוי צו אלעמען.

איך האָב געזאָגט „א קרבן“, ווייל דאָס איז שוין א פארטיקער באגריף, וואָס איז מסוגל צו באצייכענען די פאקטן, דאָס איז אָבער ניט ריכטיק צוגעפּאסט צום עטימאלאָגישן זין, ווייל סאכאראָוו, טראָץ דעם וואָס ער האָט געליטן און ליידט, ניט האָבנדיק פיליכט קיין אנונג פון אן אמתן עולם הזהדיקן טאָג (ווי עס קאָן פארשטאנען ווערן אין דורכשניטלעכן און וואולגארן זין פון דאָזיקן באגריף), איז ווייט פון צו זיין א קרבן, און ער איז עס קיינמאָל ניט געווען. ער איז צופיל גייסטיקער

מענטש, אַז ער זאָל זיך קימערן פון אַ פערזענלעכן דורכפאַל, אומבאַקוועמלעכקייט אָדער אפילו דחקות. אזעלכע פילן שלינגט ער אראָפּ לייכט.

דאָס זיינען די הויפּט־שטריכן פון זיין פּערזענלעכקייט. זיי זיינען טיף קאָמפּליצירט און צו דער זעלבער צייט פּשוט, אָפן, פּראָסט און נאַטירלעך, אַ קאָמפּלעקס פון סתירות, אָבער דאָס זיינען סתירות וואָס רייצן ניט און פירן ניט ארויס דעם באַאָבאַכטער פון געדולד, נאָר להיפּוך, דאָס אויג אָדער גיכער דאָס געמיט רוט אָפּ ארום דער דאָזיקער פילפארביקער פּאַנאָראַמע, וואָס הייסט סאַכאַראָוו...

און מיט דעם דערקלערט זיך דער אַלגעמיינער רעספּעקט צו אים פון אַלע קלאַסן און עלעמענטן: אידן ווי קריסטן, רעאַקציאָנערן און פּאָרגעשריטענע, פרייע ווי קנאים און אפילו די פרומע אידן מיט עטלעכע צענדליק יאָרן צוריק, פולע מיט טראַדיציעס, האָבן זיך איינגעלעבט און צוגעוואוינט צו זיין פרייגעזאָנענקייט און אָפּגעפרעמדקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אויבערשטע סימנים און אויסערלעכער פאָרם, פון אידן און נאַציאָנאַליזם, ווייל אויף אַלץ האָט פּאַרדעקט און פאַרגיטיקט זיין אומבאַגרעניצטע גוטסקייט און נשמה־ברייטקייט.

וועגן דעם וואָס איז נוגע נאַציאָנאַליזם, באַצי איך זיך צו די ערשטע יאָרן נאָך זיין אָנקומען אין לאַנד. אין פאַרלויף פון די יאָרן, אָבער, איז סאַכאַראָוו געוואָרן אַ טיף נאַציאָנאַלער איד, נאַטירלעך ווייט פון דאָגמעס, פּאַרטייאישקייט און סעקטאַריזם. אין די דאָזיקע ימים איז ער קיינמאָל ניט געשוואומען, און דערפאַר איז זייער שווער פאַרן דורכשניטלעכן אויג אָפּצוזוכן ביי אים אָט די נאַציאָנאַלע אָדער זאָגאַר ציוניסטישע בלוט־גלאָבולאַס, וועלכע אַנטפּלעקן זיך אין אַ זייער היבשן מאַסשטאַב נאָר ביי אַ צופאַל און געוויסער דערשיינונג, ווען דער אידישער נאַציאָנאַלער שטאָלץ און ווירדע שפּאַרט זיך פון די ברעגן און רייסט זיך פון די סלוזשן, אויף צו קומען צום אויסדרוק. אין אַזאַ פאַל וואַקסט ער אויס צו אַ גיגאַנט און רעאַגירט פיל מער פון אַ פּאַטענטירטן נאַציאָנאַלן אידן, אָדער אפילו פון אַ ציוניסטישן דאָגמאַטיקער.

רעדן וועגן סאַכאַראָווס ציוניזם אָדער אפילו נאַציאָנאַליזם, מוז דאָ פאַרשטאַנען ווערן וועגן אַ באַזונדערן מין און קאַטעגאָריע, וואָס איז

אנדערש אין זיין מהות און אורקוואַל, הגם ער איז ניט ווייניקער אין זיין קוואַליפיקאַטיוון פאַרנעם. ער איז אָבער דאָך אַנדערש צוליב אַנדערע קלימאַטאָרישע באַדינגונגען און פילייכט אויך טאָפּאָגראַפישע, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן — נאַטירלעך ניט אין בוכשטעבלעכן עטימאָלאָגישן זין, נאָר גערדאַנקלעך־בילדערישן זין — עס פעלט די נוויטיקע אידישע טעמפּעראַטור פון די חמי טבריה, אַנגעוואַרעמט פון די דורות. נאָר עס איז אַ ציוניזם אויסגעקאָכט און געשמידט אין דעם שכל־רעזערוואואַר פון דער אמתער מאַרקע „בינה" און „יושר", אָט פון דער קאַטעגאָריע מיט וועלכע עס באַדינען זיך די „חסידי אומות העולם", גוויאישער גע־זונטער ציוניזם פון באַלפור, לאָרד סעסיל, א ציוניזם וואָס האָט ניט קיין שייכות מיט קיין איין טרער פון „תקון חצות", פון „קומי רני בחצות הלילה" און אויך ניט מיט דעם, וואָס מען דערפילט פון חלוציאַנישן הוירא־ריטם, דער פיבער־טאַנץ און שריפת הנשמה; ער איז אָבער געזונט, סאָליד און קאָנסטאַנט.

מען קאָן גאָר פון סאַכאַראָוון ניט מאָנען קיין אַנדער ציוניזם. ער איז ניט געבויט אויף סענטימענטן נאָר אויף ריינעם וועלט־יושר, הומאַניזם און קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער בעסטער נביאישער מאַרקע, טראָץ דעם וואָס פערזענלעך קאָן ער איר ניט.

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס טראָץ זיין ניט קאָנען די נביאים פון מקור, ווי אידישע מקורים בכלל, טרעפט ער צו זייער אָפט, אין זיין תורה שבעל פה, קאָנצעפּטן פון זיין גערדאַנקען־גאַנג, א סך אידישע גע־דאַנקען וואָס שטאַמען פון אידישן אורקוואַל, און זיינען אין זיין מח־לאַבאָראַטאָריע איבערגעקאָכט געוואָרן, אויסגעשמידט וועלטלעכקייט מיט אידישקייט, אז עס באַקומט זיך א פערפעקטע „מזיגה"; און אַזוי אַרום באַקומט זיך א זעלטענער עקזעמפּליאַר פון א זעלטענעם אידן און מענטשן, אין וועמען ביידע לעבן בשלום אין דער בעסטער האַרמאָניע, און ניט נאָר אָן דער קלענסטער סתירה, נאָר שטיצנדיק זיך קעגנזייטיק איינער דעם צווייטן, ווייל „איד" און „מענטש" זיינען פאַרבונדן אָרגאַניש ווי א סיאַמער צווילינג.

מרדכי ראָזאָווסקי.



דער, אין חודש נאָוועמבער 1939, אָפּגעהאַלטענער צוזאַמענפאָר פון „פראַטערנידאַד אַגראַריאַ", וואו סאַבאַראָוו איז ווידער דערוויילט געוואָרן אלס פאָרזיצער.

סאַכאַראָוו — דאָס האַרץ פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע

אין זיין אָפּשאַצונג פון חיים נחמן ביאַליק צו זיין 60־יעריקן יובי־ליי, האָט דער באַרימטער העברעאישער דיכטער שאול טשערניכאָווסקי, אים כאַראַקטעריזירט אַלס „דאָס האַרץ פון אידישן פאָלק" און ער דער־קלערט עס מיט אַ טרעפלעכן עפּיזאָד.

„דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה. הונדער־טער אידישע פאַמיליעס זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון תחום־המושב און געוואָרן היימלאָז. עס איז דאַמאָלס געווען אַ שרעקלעכע און ביז גאָר שווערע צייט. צווישן אַ גרופּע היימלאָזע פון מינסק האָב איך זיך באַגעגנט מיט איינעם פון די בעסערע געזעלשאַפטלעכע טוער. דאָס איז געווען אַ יונגער בלאָסער בחור וואָס האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט אויף זיין ביטער מזל. און ווען ער האָט אין מיר דערקענט איינעם פון די אי־דישע שרייבער, האָט ער געהאַלטן אין איין פרעגן: — און ביאַליק, וואָס זאָגט דערויף ביאַליק? ער, דער בלאָסער בחור האָט נישט געוואָלט אַנ־ערקענען קיין שאַפונגס־געזעצן. זיין האַרץ האָט געזוכט אַן ענטפער און אַ פולן אויסדרוק פון דעם וואָס ער האָט איבערגעלעבט. און דעם ענטפער האָט אים, לויט זיין מיינונג און איבערצייגונג, געקאָנט געבן נאָר חיים נחמן, וואָס טראָגט אין זיך דאָס האַרץ פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק:

„און ביאַליק, וואָס זאָגט דערויף ביאַליק?"

אָט די כאַראַקטעריסטיק איז מיר אויפגעקומען אין זכרון, ווען איך

האָב גענומען אין פּען און האַנט בייצושטייערן מיט מיינע אַ פּאָר באַ־שיידענע ווערטער צום סאַכאַראָוו־בוך, און אויטאָמאַטיש האָט עס זיך פֿאָראַפּראַזירט: סאַכאַראָוו — דאָס הארץ פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. און מערקווירדיק, וויפֿל איך האָב נישט געוואָלט זיין אָריגינעל און נאָכזוכן עפּעס אן אַנדער באַצייכענונג, וואָס זאָל אויסדריקן דאָס וואָס איך זוך אין סאַכאַראָוון, זינט דעם מאָמענט וואָס איך האָב וועגן אים געהערט פֿון וויטן, און שפּעטער אין משך פֿון לאַנגע יאָרן קענען־געלערנט פֿון דער נאָענט־און אומזיסט: „סאַכאַראָוו דער אידעאַ־ליסט", „סאַכאַראָוו דער טרוימער", דער אייביק־יונגער ענטוזיאַסט", „דער אַלטרואיסט", און אַ פֿולע אַנדערע באַצייכענונגען זיינען אַרויפֿגע־שוואומען אויפֿן זכרון — אַלע זאָגן זיי, אמת, עפּעס, וואָס סאַכאַראָוו באַדייט פֿאַר זיין סביבה, די קאָלאָניסטישע. זיי דערזאָגן אָבער נישט דאָס ספּעציפֿישע אין אים, וואָס טיילט אים אויס פֿון אַלע אַנדערע פֿי־רער, וואָס די אידישע קאָלאָניזאַציע האָט דאָ פֿאַרצייכנט אין משך פֿון איר עקזיסטענץ. „א ו ן ס אַ כ אַ ר אָ ו ו, וו אָ ס ז אָ ג ט ד ע ר ו י ף ס אַ כ אַ ר אָ ו ו?"

מער־ווייניקער אַזאַ פֿראַגע האָט מען געהערט פֿרעגן און מ'פֿרעגט ביז היינט צו־טאָג נישט נאָר אין ענטרע־ריאָס זיין וואוינאָרט, נאָר אין אַלע אידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. ביי גוטע צייטן ווי ביי שלעכ־טע — און דער קאָלאָניסט ווייסט דאָך פֿון שלעכטע מער ווי פֿון גוטע —זיינען די אויגן געווענדעט צו דעם, וואָס האָט אויף אַ וואונדערבאַרן אופֿן אידענטיפֿיצירט די ערד־אַרבעט מיט דער קאָאָפּעראַציע און אַליין געוואָרן זייער אידעאַליסטישער אַפּאָסטאָל, צו אים, סאַכאַראָוון, און ער האָט אַלעמאָל אַן ענטפֿער, וואָס אויב ער לייזט נישט דאָס פּראָבלעם אויף אַלע הונדערט פּראָצענט, טוט ער עס טיילווייז, און דער עיקר — מיט זיין וואַגיק וואָרט, מיט זיין געדולד איבערצוטראָגן שלעכטע מאָמענטן און וואַרטן און האָפֿן אויף בעסערע צייטן.

אומגעפֿער אַזאַ מין פֿראַגע האָב איך געהערט אין דער קאָלאָניע כּאָטעפּיאָרע.

אַ גרויסע צאָל פון יק"אַ־קאָלאָניסטן האָבן אַלס אימיגראַנטן — גרינע אַ געוויסע צייט געאַרבעט אין די ענטרע־ריאָסער אידישע קאָלאָניעס, און ביי יעדער אומרעכט וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין פון דער שלעכטער אַדמיניסטראַציע, וואָס איז אָפט אין אירע ערשטע יאָרן געווען שלעכטער פון דער אַרטיקער נאַטור, האָבן זיי זיך דערמאַנט אין סאַכאַראָוון: וויים ער דערפון? וואָס זאָגט ער דערויף? שפּעטער, ווען איך בין אַריבערגעפאָרן קיין ענטרע ־ ריאָס, איז דאָך אָפּגערעדט: דער פּאָפּולערסטער נאָמען נאָך ד"ר נח ירחי ע"ה. נאָך ווענענס טויט די קאָלאָניסטן האָבן זיך נישט געקענט טרייסטן, איז געווען סאַכאַראָוו, און ער איז עס נאָך ביז היינט צו טאָג.

און מערקווירדיק, דער נייער דור אַפילו, וואָס ווי דער שטייגער איז פון יונגע מענטשן, זיינען זיי זעלטן מסכים מיט די אויפטואונגען פון די אַלטע און זיינען ס'רוב איבערצייגט, אַז זיי וואָלטן און וועלן עס אויך בעסער טון — ווען עס האַנדלט זיך אָבער וועגן סאַכאַראָוון, דאָ פאַר־בוינן זיי זיך אַלע מיטן גרעסטן יראת־הכבוד און טרינקען מיט דורשט זיינע רייד.

איך וועל זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין פּרטים וועגן אים, הגם איך וואָלט געקאָנט אַ סך דערציילן פון דעם, וואָס איך האָב געהערט וועגן אים פון אַנדערע און פון מיינע פּערזענלעכע דערפאַרונגען. דאָס האָבן אָן ספק געטון די יעניקע, וואָס האָבן מיט אים צוזאַמען מיטגעטראָגן די שווערע משא פון דער היגער אידישער קאָלאָניזאַציע, און זיינען במילא אויך מער באַרעכטיקט מיטצושניידן די שיינע און געזונטע פּרוכט אירע. וואָס איך וויל נאָר זאָגן, איז: אויב די דערמאָנטע קאָלאָניזאַציע איז בשלום דורכגעגאַנגען דעם שווערן און דערנערפולן וועג, איז עס אין אַ גאַר גרויסער מאָס דאָס פאַרדינסט פון סאַכאַראָוון, איר האַרץ, וואָס האָט אַ רגע נישט אַנטוישט און פונקציאָנירט נאָרמאַל ב יי אַ ל ע צ יי ט ן און ב יי אַ ל ע אַ ו מ ש ט ע נ ד ן.

סאַכאַראָוו, דער בערך־אַלטער אין יאָרן, איז אין גייסט נאָך אַזוי פריש, יונג און אַרבעטס־לוסטיק, אַז ער פאַרשפּאָרט דערוויל די מי און־

טערצוציען דעם סך־הכל פון זיין ביז־איצטיקער פארצווייגטער און פרוכטבארער טעטיקייט.

די היגע קאָלאָניזאַציע דערוואַרט נאָך פון אים גרויסע מעשים אין דער צוקונפט.

ווען דער געשיכטע־שרייבער פון דעם היגן ישוב, וועט קומען צום קאַפּיטל קאָלאָניזאַציע, וועט ער צוטיילן סאַבאַראָוון זיין מקום אויבנאָן, וואָס ער פאַרנעמט סיי־ווי־סיי. — און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אז ער זאָל זיך אויך באַנוצן מיט דער באַצייכענונג פון די דאָזיקע שורות, וועלכע דער שרייבער זייערער האָט פּאַראַפראַזירט פון טשערניכאָווסקים אָן אָפּשאַצונג וועגן ח. נ. ביאַליק:

„סאַבאַראָוו — דאָס הארץ פון דער אידי־שער קאָלאָניזאַציע אין ארגענטינע”!

ווייל — ער איז עס אין דער ווירקלעכקייט!

מרדכי מיידאַניק.

* *
*

צום סוף א פּאָר דאנק-ווערטער די פריינט: יצחק קאפּלאן, ידידיה אפרון, ברוך
בענדערסקי, יצחק כיגער, גרעגאָריאָ פינגערמאן, בנימין מעזשיבאָווסקי,
מרדכי פוסטילניק, פארן שטעלן אין מיין רשות מאטעריאלן, בעל
פּה און בכתב, וועלכע האָבן מיר געדינט אלס בוי-שטיינער
צו דער ארבעט. אויב אייניקע בילדער, פאָטאָגראפיעס
און דאָקומענטן, וואָס קומען אריין אינם בוך,
זיינען נישט דייטלעך גענוג, ליגט די שולד
אין די אָריגינאלן, וואָס זיינען פארעל-
טערט און נישט ווי געהעריק אָפּ-
געהיט. אלעמען, וואָס האָבן
מיטגעהאָלפן אין מיין
ארבעט, א האר-
ציקן יישר-
כוח!

מ. ב.

La impresión de este libro ha
sido terminado el día 15 de
Abril de 1940, en los Tall.
Gráficos "CULTURA",
Sarmiento 2157,
Buenos Aires.